UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn No. 127 - Spring 1996 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/7nt3z2z5

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 127(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1996

**Copyright Information**
Copyright 1996 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

## 127




פרילינג
תשנ"ו

SPRING
1996

# אינהאַלט


לילקע מייזנער: 70 יאָר קולטור־קלוב – 50 יאָר "חשבון" 3

צבי הירש: מענטשן פון אונדזער קלוב 6

פסח מאַלעוויטש: מיין וועג צום יידישן קולטור־קלוב 11

מ. סלוצקי: טראַדיציע 13

מ. ש.: "חשבון" – 50 יאָר 15

**שרייבערס וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אין לאָס אַנדזשעלעס**

פרץ הירשביין: מיין ערשטע באַגעגעניש מיט י.ל. פרצן 17

ה. רויזענבלאַט: ליד 20

מלכה חפץ־טומאַן: ליד 20

אריה פּאָזי: אַ מאָרגן־שירה 21

חיים שוואַרץ: ליד 24

אברהם גאָלאָמב: איז אַמעריקע היים? 25

יצחק אלחנן ראָנטש: ליד 27

שמואל דן: נאָקטורן 27

זלמן שלאָסער: דער וויי־געשריי פון אונדזער דור 28

ברכה קודלי: ליד 30

ישראל גובקין: ליד 30

ז. בונין: ליד 30

י. פרידלאַנד: סאַנדראַ 31

לאָטי פ. מלאך: עד־דלא־ידע 33

פינטשע בערמאַן: ליד 35

יוסף סאָסקי: רעדאַקטאָרן פון "חשבון" 36

משה וואָלף: די בוניק־דינאַסטיע און דער "גילגול" פון איר ניגון 37

רחל בוימוואָל: לידער 49

חנן קיעל: לידער 50

שרה ליינער: דער אוצר שבת 51

ש. סימכאָוויטש: יואל מאַסטבוים – דער שרייבער און מענטש 57

משה שקליאַר: לידער 58

יששכר פאַטער: ש. אַנסקי און יידיש פאָלקסליד 59

שרה טרייסטער־מאָסקאָוויטש: לידער 62

פיניע פלאָטקין: לידער 63

חנן קיעל: מיין טשענסטאָכאָוו 64

לאה שלאָסמאַן: ליד 72

לייב באָראָוויק: ליד 73

גרוניאַ סלוצקי־קאַהן: ליד 73

שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש: שמואל ראָזשאַנסקי – אַ מורה־דרך 74

עקיבא פישבין: מרדכי אַרדאָן טוט תפילה 78

אָנגעקומען אין רעדאַקציע 82

יצחק קאַהאַן ז"ל 82

רשימה פון מחברים באַטייליקטע אין "חשבון" 84

באַגריסונגען 88

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן **לעבן אין אמעריקע**. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס **שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן** און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער **אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל** – די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין **אַמעריקע און זאָרגן פאַר** דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

**ל.א. שטאָט־קאָמיטעט פון**
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**
**לואי סענענסיב, פּרעזידענט**

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

Los Angeles, Calif. 90048 • 8339 West Third Street

Telephone: (213) 655-2842



# H E S H B O N

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



**EDITORIAL BOARD:**

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

**ADMINISTRATIVE COMMITTEE**

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7
L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**


אויף דער הילע
רעכטס: אַלטער בנין
פון קולטור־קלוב
אויף מאָנראָ־גאַס.

לינקס: הילע פון
ערשטן נומ. "חשבון"

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

נומ. 127

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

50־ער יאָרגאַנג, נומער 127 • פרילינג 1996 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

לילקע מייזנער

## 70 יאָר קולטור־קלוב – 50 יאָר "חשבון"
## אַ וויכטיקער יום־טוב

היינטיקס יאָר פאַלט אויס דער 70־טער יובל פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב, וואָס איז אַ מערקווירדיקע אָרגאַניזאַציע אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס־אַנדזשעלעס. ביים סאַמע אָנהייב איז געווען די אידעע צו שאַפן אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע צווייגן פון יידישן קולטור־לעבן אין שטאָט, מענטשן, וועלכע האָבן אַן איטערעס, פאַרשטענדניש און ליבע צו אונדזערע יידיש־וועלטלעכע קולטור־ווערטן, פאַר די שאַפונגען פון אונדזערע גרויסע גייסטער, וואָס דאַרפן אָפּגעהיט ווערן פאַר דער קעגנוואַרט און צוקונפט. געדאַרפט האָט עס זיין – און עס איז געוואָרן – אַ וואַרעם ווינקל פאַר דעם יידישן שרייבער, שעפער, אַ היים פאַר דעם יידישן וואָרט אין יעדער פאָרעם פון קינסטלערישן אויסדרוק.

אָט די אידעע האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דעם יידישן לאָס־אַנדזשעלעס. נישט געקוקט דערויף וואָס עס האָבן דאָ במשך פון דער צייט געווירקט פאַרשיידענע פּאָליטישע און פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער אַרבעטער־רינג, דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד און אינסטיטוט, "בונד", "איקוף", האָט דער קלוב אונדזערער פאַרנומען זיין אייגנאַרטיק אָרט אויף דער א.ג. יידישער גאַס.

די גרונטלייגער פונעם קלוב – יידישע שרייבער, פּאָעטן, אַקטיאָרן און אויך געזעלשאַפטלעכע טוערס האָבן מיט זייער ווייטן בליק, מיט זייער איבערגעגעבנקייט און מי אויפגעבויט אַן אינסטיטוציע וואָס לעבט, ווירקט און איז טעטיק שוין 70 יאָר! איז כדי ביי דער געלעגנהייט צו דערמאָנען כאָטש אייניקע פון זיי.

דער איניציאַטאָר איז געווען א ל י ה ו  ט ע נ ע נ ה א ל ץ. דאָס האָט ער אין יאָר 1926 געלייגט דעם גרונטשטיין. אַליין אַן אַקטיאָר און יידישער רעציטאַטאָר, האָט ער צונויפגענומען אַ גרופּע פּאַראינטערעסירטע פּערזאָנען און געבראַכט צום לעבן דעם יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס. אַ וויכטיקע ראָלע האָט געשפּילט י. פ ר י ד ל א נ ד, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער צייטשריפט ביים יידישן קולטור־קלוב – "חשבון", וואָס פייערט איצט אויך דעם 50־טן יובל פון זיין עקזיסטענץ. אַנדערע מיטשעפער און בויער זענען געווען: דער פּאָעט ה. ר ו י ז נ ב ל א ט, ב א ָ ר י ס  ו ו י י נ ע ר, ח י י ק ע  ג א ר פ י נ ק ל, ו ו א ה ל מ א ן, ד"ר  נ י י ט ן  ז אַ ל צ מ אַ ן, ל ו י  ה אַ מ ב ו ר ג ע ר, י. ל.

מאַלאַמוט, שערמאַן.

געלייגט דעם גרונטשטיין, זענען געקומען די ווייטערדיקע עטאַפּן, די אויפבליי־יאָרן. מען האָט געבויט אַן אייגן הויז, ווו צוויי מאָל אַ וואָך זענען פאָרגעקומען לעקציעס אויף ליטעראַרישע טעמעס, אָוונטן פון יידישער קונסט, מ׳האָט אויפגענומען יידישע שרייבער. יידישע שפּעטער. יידיש געזאַנג האָט זיך צעטראָגן אויף דער ״יידישער גאַס״ אין לאָס־אַנדזשעלעס. די אויסטייטשערין פון יידישן ליד איז געווען די שעפעריש, שפּרודלדיקע פּייגעלע פּאַניטש. די יידישע ביבליאָטעק מיט אירע טויזנטער ביכער איז געוואָרן אַ וואַרעם ווינקל פאַר לייענער, סטודענטן.

אין יאָר 1946 האָט דער קלוב אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער ״חשבון״ לכבוד דעם צוואַנציק יאָריקן יובל און דעם פאַרענדיקן בויען אַן אייגענעם בנין. די רעדאַקטאָרן זענען געווען ה. רויזנבלאַט, י. פרידלאַנד און א. טענענהאָלץ.

אין משך פון די יאָרן האָט דער קלוב אויפגענומען יידישע שרייבער, פּאָעטן, געלערנטע, מוזיקער, זינגער, אַקטיאָרן. טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן זענען באַרייכערט געוואָרן מיט יידישן וויסן, האָבן טיפער דערקענט די שיינקייט פון יידישן וואָרט, די אוצרות פון אונדזער יידישער קולטור. שוין זיבעציק יאָר ווי מיר טוען אָט די הייליקע אַרבעט!

אַוודאי זענען אונדזערע כוחות דורך דער צייט שוואַכער געוואָרן. מיר האָבן ליידער נישט אַריבערגעוואָרפן קיין בריק צו די ייִנגערע דורות. אונדזערע וועלטלעכע יידישע שולן זענען איינגעשרומפּן געוואָרן און אָן שולן איז שווער איינצופלאַנצן ביי דער יוגנט אינטערעס, ליבשאַפט צו אונדזערע יידישע קולטור־ווערטן. אָבער, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, האָט דער חורבן, דער אומברענג פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום אַרויסגערופן, דורך נאָסטאַלגיע, ביי טיילן פון יונגן דור דעם ווילן צו זוכן די ״וואָרצלען״, און אַזוי אַרום אויך געפינען אַ וועג צו דער יידישער שפּראַך און קולטור.

מיר זענען שטאָלץ דערמיט וואָס מיר האָבן זיך פאַרשאַפן אַ גוטן נאָמען אין שטאָט, און ווייט אויסער אירע ראַמען, מיט אונדזער אומדערמידלעכער אַרבעט. די שבת אויפדערנאַכטן זענען שטענדיק ביי אונדז אויסגעפילט מיט יידישע רעפעראַטן, לעקציעס, קליינקונסט־פּראָגראַמען, מיט יידישן ליד און מוזיק.

אין משך פון די זיבעציק יאָר האָבן מיר געהאַט, און האָבן אויך איצט, אויסערגעוויינלעך איבערגעגעבענע טוער, אַ מיטגלידערשאַפט וואָס איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם יידישן קולטור־קלוב און זיינע וויכטיקע אַרבעטן. אונדזער ליטעראַרישער זשורנאַל ״חשבון״ אונטער דער רעדאַקציע פון דעם פּאָעט משה שקליאַר פאַרנעמט אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער יידישער פּעריאָדיק. די פריערדיקע רעדאַקטאָרן און מיטרעדאַקטאָרן, ווי י. פרידלאַנד, א. טענענהאָלץ, אַריה פּאָזי, ל. בונין, זלמן שלאָסער, שמואל ווייס, סערגיי נוטקעוויטש, משה כהן, אַלעקס ראָבין האָבן מיטגעווירקט צו דער ערנסטקייט, געזעלשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דער עיקר, דעם געהעריקן ליטעראַרישן ניוואָ פונעם זשורנאַל.

אונדזער זשורנאַל ווערט גוט אויפגענומען דורך די לייענער, ער דערגייט צו אַ סך יידישע שרייבער, צו אוניווערסיטעטן און אַרכיוון אין לאַנד און אין אויסלאַנד. מיט צופרידנקייט האָבן מיר לעצטנס אויפגענומען אַ ווענדונג פון דעם פּרעסטיזשפולן סטאַנפאָרד אוניווערסיטעט, דעפּאַרטאַמענט פון יידישער לערע, אַז מיר זאָלן זיי צושיקן

אַלע יאָרגענג "חשבון". איז גוט וואָס אונדזער זשורנאַל וועט דערגרייכן שטודירנדיקע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן, אָדער ווייזן אַרויס, פֿאַראינטערעסירונג אין פֿעלד פֿון יידישער ליטעראַטור.

מיר האָבן גרויסע דערגרייכונגען, מען רעכנט זיך מיט אונדזער קלוב, אָבער זענען מיר צופֿרידן מיט דעם איצטיקן מצב? ניין! מיר וואָלטן וועלן דערגרייכן צו ברייטערע קרייזן יוגנטלעכע, מיר וואָלטן וועלן האָבן אַ גרעסערן איינפֿלוס אויף דעם אָרגאַניזירטן יידישן לעבן אין לאָס־אַנדזשעלעס. אָבער סיי ווי, אַזוי ווי מיר זענען, בילדן מיר אַ ליכטיק ווינקל אויף אונדזער יידישער גאַס. מען קען אונדז, מען באַראָט זיך מיט אונדז. די ליבע און איבערגעגעבנקייט פֿון אונדזערע מיטגלידער סטימולירט און גיט צו מוט ווייטער אָנצוגיין מיט אונדזער אַרבעט.

מיר טראָגן שטאָלץ די ירושה וואָס איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן. די פֿאָרטרעטן פֿון אונדזערע יידישע קולטור־שאַפֿער, שרייבער, פּאָעטן וואָס לויכטן אַראָפּ פֿון די ווענט פֿון אונדזער קלוב, גיבן צו מוט, האָפֿענונג, רעגן אָן ווייטער צו שפּינען דעם גאָלדענעם פֿאָדעם וואָס איז אַזוי טראַגיש איבערגעריסן געוואָרן. זיבעציק יאָר יידישע קולטור־טעטיקייט איז אַ גרויסער, שווערער באַגאַזש - מיר וועלן אים טראָגן מיט ליבע!

דער פֿענאָמען פֿון יידישע קולטור־קלובן אין אַמעריקע איז אַ מערקווירדיקער און, אפֿשר, מיט דער צייט, וועט ער באַווירקן אונדזערע צוקונפֿטיקע דורות, אַז זיי זאָלן איבערנעמען און ווייטער שפּינען די קאָלאָסאַלע יידישע קולטור־ווערטן. לאָמיר האָפֿן און גלויבן, אַז אונדזער קולטור־ירושה וועט נישט פֿאַרלוירן גיין!

אומעטום ווו מיר לעבן און ווירקן, אין אַמעריקע, ישראל, אין אייראָפּע זאָל קלינגען דאָס יידישע וואָרט! און זאָלן יידישע פּאָעטן, שרייבער, זינגער, מוזיקער ווייטער שאַפֿן, ווייטער זינגען! און מיר, אין ל.אַ. וועלן ווייטער אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט. מיר קוקן מיט גלויבן אין דער צוקונפֿט.



פֿאַרוואַלטונג פֿון יידישן קולטור־קלוב אין ל.א.

עס זיצן פֿון רעכטס: סימא קאַרפּ־לעפּקאָוויטש, צבי הירש (וויצע־פֿאָרזיצער), לילקע מייזנער (פֿאָרזיצערין), יעקב שייפֿער, משה שקליאַר (רעדאַקטאָר פֿון "חשבון"), מאַניע גאַרפֿיין. אין דער צווייטער ריי פֿון רעכטס: מענדל סלוצקי, רחל סלוצקי, מאַשע הענלי, אסתר ליפּשיץ, זעלדע מאַלעוויטש, יוסף סאָסקי. עס פֿעלן: נתן שטיינמאַן און די נייע מיטגלידער מרים הערבסט און בעבאַ לעוועָנטאַל.

צבי הירש

# מענטשן פון אונדזער קלוב

אויפן שוועל פון 70־טן עקזיסטענץ־יאָר פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב ווילט זיך דערמאָנען כאָטש אַ טייל פון זיינע בויער, שעפער, תלמידי חכמים און אַקטיוויסטן, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייער טאַלאַנט, וויסן, און נישט ווייניק מאַטעריעלע שטיצע דעם אויפבוי, אַנטוויקלונג און עקזיסטענץ פון אָט דער פּרעכטיקער אינסטיטוציע און איר זשורנאַל "חשבון".

## משה כהן

מ'קען מיט זיכערקייט און דאַנקבאַרקייט זאָגן: משה כהן, דער פּרעזידענט פון קולטור־קלוב האָט פאַר די לעצטע יאָרן פון זיין געזעלשאַפטלעך רייכן לעבן זיך אין גאַנצן געווידמעט דער עקזיסטענץ פון קלוב.

די פּראָגראַמען האָט ער באַרייכערט מיט גוטע רעדנער און, ווען נאָר מעגלעך, אויך מיט אַ פיינעם מוזיקאַלישן טייל פון באַוווסטע זינגער און אַרטיסטן. משה איז געווען איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון אַ ריי פּערזענלכקייטן, וועלכע האָבן באַשיינט אונדזער קלובס אַקטיוויטעטן פאַר פיל צענדליקער יאָרן.

אַ נאָענטער קאָלעגע און חבר זיינער פון די צייטן ווען "די וועלט איז נאָך יונג געווען"... דער איצטיקער פּרעזידענט פון "אינסטיטוט", אַ גוטער פריינד פון קולטור־קלוב, מאַקס אַלפּער, דערציילט אָט וואָס:

"...איך האָב צום ערשטן זיך באַקענט מיט משה כהן אין באָפאַלאָ נ.י. איך בין דאַן געווען אַקטיוו אין דער נייער יוגנט אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון – "הבונים", אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז אָנגעזאָגט אַז "מאָשעה איז קאָמינג".. משה איז דעמאָלט געווען נאַציאָנאַלער מזכיר פון הבונים.

מיר האָבן די נייעס אויפגענומען מיט גרויס נייגער. ויהי היום, און דער גאַסט איז געקומען, אַ טונקעל־האָריקער, צאַרט און הויך געוואַקסן, אין אַ "טרענטש־קאָוט", ציכטיק און זויבער, האָט ער גלייך געמאַכט אַ געוואַלדיק פּאָזיטיוון איינדרוק. ער האָט אונדז געגעבן אַ חלוצישן "דבר תורה", פּאַרענדיקט מיט עטלעכע העברעישע און יידישע לידער. דער דאָזיקער איינדרוק איז פאַרבליבן מיט מיר פאַר די שפּעטערדיקע יאָרן ווען מיר ביידע האָבן זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס און צוזאַמען געאַרבעט פאַר הבונים און דעם ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד...

עד כאן מאַקס אַלפּער.

מיר באַגעגענען שפּעטער דעם שוין עלטערן משה ווי דעם נאַציאָנאַלן געהילפס־סעקרעטאַר פון "פאַרבאַנד", נאָך דעם, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון "פאַרבאַנד" אין לאָס־אַנדזשעלעס, פּרעזידענט פון "אינסטיטוט" פּאָרזיצער פונעם דירעקטאָרן־ראַט פון הסתדרות, און ענדלעך – באַליבטער פּרעזידענט פון יידישן קולטור־קלוב. זיין אָנפירן די שבת־אָוונטן האָט געגעבן פּרעסטיזש דעם קלוב און געשאַפן אַ בכבודיקן נאָמען פאַר אונדזער אַרבעט אונטער זיין פירערשאַפט.

זיין שווערער פיזישער צושטאַנד פאַר די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָבן איס נישט אָפּגעהאַלטן פון זיין איבערגעבענער אַרבעט לטובת הכלל, גאַנץ באַזונדערס



עקזעקוטיווע און באַאַמטע פון קולטור־קלוב אין 1951 יאָר

לטובת דעם קולטור־קלוב. אין זיין לעצטער באַגריסונג צום קולטור־קלוב האָט ער אונדז איבערגעלאָזט אַ צוואה נישט צו פאַרגעסן דעם קלוב.

בעת מיין לעצטן באַזוך אין שפּיטאָל פאַר זיין פּטירה האָב איך קוים געהערט זיינע לעצטער ווערטער: "...צבי, דערצייל מיר אַלץ וואָס הערט זיך אין קלוב"... ער האָט שוין קוים געהאַלטן די אויגן אָפן און אַלץ נאָך געזאָרגט ווי אַ געטרייע מאַמע פאַר "הבן יקיר לי" הקולטור־קלוב.

אויף צוזאַמענגנס האָבן זיך זיינע ליכטיקע אויגן פאַרלאָשן אויף אייביק.

## אלעקס ראָבין

היה איש ואיננו עוד...

פופצן יאָר זענען פאַרפלויגן זייט אַלעקס ראָבין האָט פאַרפלאָזן אונדזערע אַזוי - שיטערע רייען און איז אַוועק אין די הויכע הימלען פון וואַנעט ס'איז קיין צוריקקער נישט פאַראַן.

אַ זעלטענער עקזעמפּליאַר פון אַן עוסק בצרכי ציבור באמונה שלימה, האָט ער מיט כבוד און דרך־ארץ איבערגענומען דעם פאָרזיץ פון קולטור־קלוב פון זלמן זילבערצווייג ע"ה. ער האָט געטאָן די פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט מייסטערהאַפט און מיט ליבשאַפט, גלייכצייטיק איז ער געווען טעטיק אויף אַ סך געביטן פון געזעלשאַפטלעכען און קולטור דערציערישן כאַראַקטער.

ער ווערט פאָרזיצער פון ייוואָ, קאַליפאָרניער אָפּטיילונג, אַקטיוו אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, מיטל־שול און קינדער־טעאַטער, אין ביוראָ פאַר יידישער דערציונג. געווען אַן אידעאַליסטישער עסקן מיט ברייטהאַרציקייט פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן יידישן לעבן: הסתדרות, פּרץ־פאַרלאַג, לייוויק־הויז אין תל־אביב, חסד לאברהם ספר, בעל יועץ פאַרן זשורנאַל "חשבון"...

אַ דאַנק זיין פּראַקטישן געשעפטלעכען חוש און זעלטענעם זיכרון, געלונגט אים דורכצופירן פיל אונטערנעמונגען לטובת הכלל, אויפן בעסטן אופן. די קולטור־אָוונטן אין קלוב, צוגעגרייט און דורכגעפירט מיט גרויס ליבשאַפט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווערן אַ שם דבר אין לאָס אַנדזשעלעס. זיין אָפּהיטן די אומפּאַרטייאישקייט פון קולטור־קלוב פאַרשאַפט אונדזער אַרבעט פיל גוטע פריינד און מיטאַרבעטערס. מיט גרויס פאַרשטענדניש און טאַקט באַציט ער זיך צו מענטשן מיט אַנדערע מיינונגען, און זיין פריינדלעכער שמייכל העלפט שטענדיק משפיע צו זיין לטובת הכלל.

ער איז דער שטענדיקער "רזשענטלמען פּאַר עקסעלאַנץ". אויף אַלע וועגן און שטעגן פון זיין געזעלשאַפטלעכער קאַריערע ווערט ער אָפּגעשאַצט און באַליבט ביי יערען וואָס קומען מיט אים אין קאָנטאַקט, שרייבער, דיכטער, בינע קינסטלער – אַלע וועלן אים אייביק דאַנקבאַר זיין פאַר זיין מענטשלעכקייט, געטריישאַפט צו יידישקייט און יידישער קולטור.

## ישראל גובקין

י. בריסקער: ג. ישראל ג. בריסקער ג. צוקערמאַן – דאָס זענען פּסעוודאָנימען פון דעם טאַלאַנטירטן דיכטער, עסייאיסט, פּעדאַגאָג און לעקטאָר ישראל גובקין.

אַ סך יאָרן געווען טעטיק אין ניו־יאָרק, אין די שולן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן פון "פאַרבאַנד" און הסתדרות.

געבוירן, אין בריסק ד'ליטע, געלערנט אין ישיבה, אין רוסישער גימנאַזיע און פּוילישע לערער־קורסן, שפּעטער פאַרגעזעצט אין יידישן לערער־סעמינאַר און קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט.

זיינע ערשטע שאַפונגען באַווייזן זיך אין וואַרשעווער "באַפרייאונג", שפּעטער אין "יידישע שטימע" – שיקאַגאָ, ניו־יאָרקער "טאָג", "מאָרגן זשורנאַל", "יום טוב בלעטער", "יידישער קעמפער" און פילע אַנדערע יידישע און העברעישע אויסגאַבן. איבערזעצט י.ח. ברענערס "מן המצר", און פון צייט צו צייט באַשיינט די זייטן פון "חשבון" מיט אַ ליד, עסיי, ליטעראַטור־קריטיק, אָדער קורצע דערציילונג.

זיינע אָפטע לעקציעס אין יידישן קולטור־קלוב ווערן גוט באַזוכט און אויפגענומען. ר' ישראל ווערט אָנערקענט ווי אַ ווירדיקער טרעגער פון דעם צויבער פון מאַמע־לשון סיי בכתב סיי בעל פּה. זיין זאַץ איז געלייטערט און געשליפן און דאָך אַלע מאָל פּשוט און פאַרשטענדלעך, און פול מיט האַרציקער יידישקיט. זיין יידיש לשון שפּאַנט ווירדיק און טיף־נשמהדיק צוזאַמען מיט זיין ליבע פאַר אונדזער אייביקן לשון קודש אין זיין נייעם לבוש – עברית. די געטריישאַפט צום פּועלי־ציוניזם, צו דער אַרבעט פאַר הסתדרות, זיין טיפע פאַרערונג פון חלוציות – קומט אָפט צום אויסדרוק אין זיינע פּאָעמעס און אין צייטלעכע אָפּרופן אויף געשעענישן אין און אַרום מדינת ישראל און די תפוצות. נישטאָ ביי אים קיין גלות און ארץ ישראל, קיין "דאָ" און "דאָרטן" ער איז שטאָל־און־אייזן פאַרליבט איןביידע פאַזן פון יידישער פאָלקישער צעשפּרייטונג און, ביידע אונדזערע שפּראַכן דינט ער מיט דער זעלבער מאָס פון ליבשאַפט און געטריישאַפט.

מיר – זיינע תלמידים, מיטאַרבעטער, און חברים וועלן געדענקן וואָס ער האָט אונדז אויסגעטייטש און געלערנט ווי אַ לעקטאָר און מיטרעדאַקטאָר פון "חשבון"...
תהי נשמתו צרורה בצרור החיים.

## אלימלך דייטש

פרעזידענט, אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג. וויצע־פרעזידענט, יידישער קולטור־קלוב. פיליאָריקער פירער פון ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אָנערקענטער אַקטיוויסט פון הסתדרות, יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און פיל אַנדערע יידישע קולטור און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

אין די אָנהויב צוואָנציקער יאָרן האָט זיך אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין באָסטאָן באַוויזן אַ צאַרטער, הויכער יונגערמאַן מיט געדיכטע קוטשעראַווע האָר. ער האָט זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון ציוניסטישן ארבעטער־פאַרבאַנד און די פאָלקס־שולן. דאָ האָט ער באַגעגנט די חנוודיקע באַאַבטע לערערין רחל כהן, זיין צוקונפטיקע לעבנס־באַגלייטערין. ביידע ווערן אַקטיוו אין די אַרבעטן פון פאַרבאַנד און זיינע פאָלקס שולן.

מאָריס דייטש, אַ פראַקטישער טוער און גלייכצייטיק אַ וויזיאָנער, אַ פאַרליבטער אין אונדזערע ליטעראַרישע אוצרות, ווערט באַפריינדט מיט פיל ריכטער, שרייבער און קינסטלער און ווען ער קומט קיין ל.א. העלפט ער אָפּט אַראָפּצוברענגען זיי אין יידישן קולטור־קלוב. נישטאָ קיין ציוניסטישע און קולטורעלע אַקטיוויטעט, אין וועלכער ס'זאָל זיך נישט פולן זיין געטרייע און איבערגעבענע אַרבעט. ער איז אַ מענטש פון איניציאַטיוו און טאַט, נישט פאַראַן פאַר אים קיין ספק אויב מ'קאָן דורכפירן אַ וויכטיקע אונטערנעמונג, פאַר אים ווערט דאָס אוממעגלעכע - מעגלעך - אויב מ'ווידמעט זיך דערצו מיט האַרץ און קאָפּ.

נישט געקוקט אויף זיינע פאַרפליכטונגען צום עול פון פרנסה האַלט זיך מאָריס דייטש ביי זיין פּריציפּ כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם, און ער ווידמעט זיין צייט, ענערגיע און פינאַנסיעלע מיטלען דעם דערפאָלג פון דער אַרבעט אין קולטור־קלוב און "אינסטיטוט", אין די צווייגען פון "פאַרבאַנד" און העלפט מיט אין די אַקציעס פון הסתדרות און אַרבעטער־קאָמיטעט.

ווער עס האָט בייגעווינט דעם צוזאַמענקום ווען מאָריס דייטש האָט געהאַלטן אין האַנט דעם מעלדונגס־דאָקומענט אַז דער "מאָרגעדזש" איז אָפּגעצאָלט און ער האָט די נאָטיץ פאַרברענט אין אַ פייערלעכער צערעמאָניע, האָט געקאָנט זען טרערן אין זיינע מידע אויגן און אַ פרייד רויטלען זיך אויף זיין פּנים. דער בנין איז פריי פון חובות... אלימלך (מאָריס) דייטש, באַליבט און געשעצט דורך אַלע וואָס האָבן געקאָנט פון זיין אינטעליגענץ, פאָלקסטימלעכן און געשמאַקן יידיש, זיין זעלטענער אַרמיניסטראַטיווער באַגאַבונג און זיין גלויבן אין נצח ישראל האָט פאַרלאָזן דעם עולם הזה זאַט אין יאָרן און פול מיט פּראָדוקטיווע דערגרייכונגען.

## ר' העניך בערמאַן

פון צווישן דער אַלטער גוואַרדיע געטרייע עסקנים לטובת דעם יידישן וואָרט פּאַסט זיך צומבעסטן דער אות "ר" פאַרן ערשטן נאָמען, צו דעם באַוווסטן געלערטן בן הרב און ייד מיט סמיכה אויף רבנות, תלמיד חכם, און ליבהאָבער פון אונדזערע ביידע לשנות, העניך בערמאַן.

זיינע אָפטע געשפּרעכן מיט אונדז, זיינע מאמרים זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט

יידישע משלים און הומאָר. זיין גענײטשאַפט אין למדנות האָט ער געקראָגן און דער ישיבה "חפץ חיים", זיין סמיכה האָט ער פאַרדינט ביים באַרימטן מדריך, הרב צירעלסאָן אין קישענעוו. אין די יאָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט דער גורל אים צוזאַמען געפירט מיטן באַרימטן פועלי־ציון פירער, ברוך צוקערמאַן, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט דעם אַמעריקאַנער "פּיפּלס רעליוו" און ער איז געוואָרן זיין "רעכטע האַנט".

זייענדיק אין לאָס־אַנדזשעלעס ווערט ער פאַרוואַלטער פון "חשבון" און פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון יידישן קולטור־קלוב, פון צייט צו צייט פירט ער די שבת־אָוונטן און די תנ"ך לעקציעס מיט גרויס דערפאָלג, די לעצטע יאָרן פון זיין אַקטיוון לעבן איז ער דער פאַרטרעטער פון ניו־יאָרקער "יידישן קעמפער" און אַקטיווער לעקטאָר אין יידישן קולטור־קלוב. זיינע שיינע יידישע מעשהלעך פול מיט געזונטן הומאָר, זיין בקיאות אין יידישער אַלטער און נייער ליטעראַטור, זיין הברישע באַציונג צו אַלע באַקאַנטע און פריינד האָבן אים פאַרדינט גרויס דרך ארץ און אָנערקענונג.

אַזוי האָט ער געלעבט, געאַרבעט פאַר קיום יידיש לשון און יידישער קולטור, און אַזוי פאַרבלייבט ער און אונדזער זיכרון.

## גרשון פרידמאַן

שלא על מנת לקבל פרס... אַזוי איז געווען דער געזעלשאַפטלעכער וועג פון דעם שטילן, באַשיידענעם ליבן פריינד און מיטאַרבעטער: אַדמיניסטראַטאָר און פינאַנס־סעקרעטאַר פון "חשבון" - גרשון פרידמאַן.

ער איז אַלע מאָל געשטאַנען פנים אל פנים מיט פאַרוויקלטע פּראָבלעמען און קיין מאָל נישט פאַרצווייפלט און נישט אויפגעהערט זוכן נייע מיטלען צו פאַרגרעסערן די צירקולאַציע פון זיין באַליבטן זשורנאַל.

שטענדיק צוגעגרייט מכבד צו זיין אַ נייעם קלוב־באַזוכער מיט אַן עקזעמפּליאַר פון דער צייטשריפט, ענטפערן אויף פראַגן פון אַ נייעם לייענער און פרייען זיך ווען אויף דער בימה האָט זיך באַוויזן אַ גאַסט־רעדנער, אַרטיסט, אָדער זינגער, דעמאָלט האָט מען געזען אַ גליקלעכן שמייכעל אויף די פּנימער פון גרשונען און, איר אויף צו לאַנגע יאָר, זיין באַליבטער חיהלע.

אַ פיליאָריקער מיטגליד פון אַרבעטער־רינג און באַגייסטערטער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון קולטור־קלוב, האָט ער זיין גאַנצע ענערגיע און פעיקייט אַריינגעפלאָכטן אין דער אַרבעט פון פאַרשפּרייטן דעם "חשבון". דאָס איז געוואָרן זיין "עבודת הקודש". זיין באַציונג צו חברים, פריינד און מיטאַרבעטער היימיש, וואַרעמהאַרציק, פול מיט רעספּעקט פאַר אַנדערש־דענקענדיקע מיטשמועסער.

אַ מענטש מיט אַ זעלטענעם זיכרון, האָט ער מיט גרויס פאַרגעניגן דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן און באַקאַנטשאַפטן מיט שרייבערס, קינסטלערס און לעקטאָרן, וואָס האָבן באַזוכט אונדזער קלוב. זיינע מידות און איבערגעגעבנקייט האָבן משפיעה געווען יענע פון אונדז, וואָס האָבן געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זיין זיינע מיטאַרבעטערס און פריינד.

פסח מאַלעוויטש

## מיין וועג צום יידישן קולטור־קלוב

הייסן הייס איך פסח־יונה. געבוירן בין איך צוריק מיט זעקס און פערציק יאָר אין שיקאַגע, אילינוי. דער פאָטער עליו השלום אַ גראָדנער, האָט שווער געאַרבעט אין אַ בענזין־סטאַנציע. די מוטער, איר צו לאַנגע יאָר, איז נאָך אַלץ באַשעפטיקט מיט דער הויזווירטשאַפט.

איך בין דער יינגסטער און דער איינציקער זכר. דער פיפטער ביים טאַטן און דער דריטער ביי דער מאַמען. מע זאָגט, אַז איך האָב געקענט דעם אלף־בית נאָך איידער כ׳האָב געקענט די לאַטיינישע בוכשטאַבן און אַז איך האָב פאַרשטאַנען סיי יידיש סיי ענגליש גלייך פון קינדווייז אָן.

אונדזער שטוב איז געווען אַ יידישע. ניט נאָר וואָס מע האָט תמיד געהערט דאָס גערעדטע וואָרט, האָט מען אויך געהערט יידישע מוזיק און געזאַנג. דער פאָרווערטס, די פרייהייט און דער טאָג־מאָרגן זשורנאַל זענען געווען טאָג־טעגלעכע געסט ביי אונדז אין שטוב. יעדע וואָך האָבן מיר באַקומען די צייטשריפט אידישער קעמפער און אויף אונדזערע פאָליצעס האָט מען געזען אַן אויסוואַל פון אַלערליי יידישע ביכער.

מסתם פרעגט איר זיך ווי אַזוי האָט מען געהאַט ביי אונדז סיי די מאָרגן פרייהייט סיי דעם טאָג־מאָרגן זשורנאַל? דער תירוץ איז וואָס דער זיידע פון דער מאַמעס צד ע״ה אַן אַמאַליקער ״לינקער״, און אַ מאָרגן פרייהייט לייענער, האָט מיט אונדז געלעבט די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן. די באָבע ע״ה האָט ליבערשט געלייענט דעם פאָרווערטס בעת דער פאָטער ע״ה, אַ טראַדיציאָנעלער ייד, האָט אַבאָנירט דעם טאָג־מאָרגן זשורנאַל. ביי אונדז האָט מען טאַקע געטאַנצט אויף אַלע חתונות.

ביז ניינצן יאָר איז מיין קענטעניש אין דער יידישער שפראַך געווען אַ פאַסיווע. כ׳האָב אַלץ פאַרשטאַנען נאָר אַזוי ווי ביז דעמאָלט האָבן די אַלע יידיש־רעדערס מיט וועמען כ׳בין געקומען אין קאָנטאַקט אויך פאַרשטאַנען ענגליש, האָב איך תמיד געענטפערט אין דער ענגלישער שפראַך. צו ניינצן יאָר בין איך געפאָרן קיין ארץ־ישראל אויף אַן איין־יאָר לערן־פּראָגראַם אין ירושלים. געפאָרן בין איך מיט אַ רשימה פון מיינע קרובים וואָס איך בין מיט זיי ניט געווען באַקאַנט. אין מערסטן־טייל זענען זיי געווען גראָדנער, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן קיין ארץ ישראל פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

זייער יידיש האָב איך פאַרשטאַנען און ענטפערן זיי האָב איך אויך געמוזט אין דער זעלבער שפראַך. איך האָב זיך דערפרייט צו אַנטדעקן, אַז איך קען טאַקע רעדן אַ גוטן יידיש. קיין ענגלישע צייטונגען זענען ביי זיי ניט געווען, נאָר די לעצטע נייעס האָב איך יאָ ביי זיי געטראָפן. איך האָב אָנגעהויבן לייענען יידישע צייטונגען און ביכער און צוהערן זיך צו די יידישע ראַדיאָ־אוידיציעס יעדן טאָג.

אַז איך בין צוריקגעקומען פון ישראל האָב איך שוין דאָ מיט רעגולערקייט געקויפט דעם פאָרווערטס ביז ער איז געוואָרן אַ וואָכן־צייטונג, דערנאָך האָב איך אים אַבאָנירט. כ׳האָב אָנגעהויבן איבערצושרייבן זיך מיט מיינע יידיש־רעדנדיקע פריינד

וואָס כ'האַלט עס אָן ביזן הײַנטיקן טאָג.

אין די זיבעציקער יאָרן האָב איך געלייענט אין פֿאָרווערטס וועגן דער אָרגאַניזאַציע "יוגנטרוף - יוגנט פֿאַר ייִדיש". כ'בין געוואָרן אַ מיטגליד און פֿלעג אַ מאָל אַריינשיקן אַרטיקלען וואָס מע האָט געדרוקט אין זייער זשורנאַל "יוגנטרוף".

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין ניו־יאָרק אויפֿן אוריאל ווײַנרייך זומער־פּראָגראַם אין דער ייִדישער שפּראַך, ווו כ'האָב זיך פּערזענלעך באַקענט מיט ד"ר מרדכי שעכטער און אַ צאָל יוגנטרוף מיטגלידער. ביי דער סיום־צערעמאָניע פֿון זומער־פּראָגראַם האָב איך געהאַט די זכיה צו האַלטן די געזעגענונגס־רעדע.

צוריק אין לאָס־אַנדזשעלעס, האָב איך זיך באַקענט מיט שיינדל ליבערמאַן־רייך דורך דער אָרגאַניזאַציע "דער צווייטער דור", קינדער פֿון עלטערן, וואָס די פֿאַשיסטן ימח שמם האָבן געררופֿט. שיינדל איז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון דער ייִדישער שפּראַך אין צוויי גרויסע אוניווערסיטעטן: דער אוניווערסיטעט פֿון יוראַיזם און דער אוניווערסיטעט פֿון קאַליפֿאָרניע. איך האָב געהערט שיינדלס העכערע קורסן אין ייִדיש ביים אוניווערסיטעט פֿון יודאַיזם.

דורך שיינדלען האָב איך זיך באַקענט מיט גרשון פֿרידמאַן ע"ה. גרשון איז געווען פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד פֿון לאָס אַנדזשעלעסער ייִדישן קולטור־קלוב, ווי אויך דער פֿינאַנציעלער סעקרעטאַר פֿון זשורנאַל "חשבון". כ'האָב געוווּסט וועגן ייִדישן קולטור־קלוב פֿריער, ווייל מיין מאַמעס אַ קוזין, משה וויניאַרסקי ע"ה איז געווען אַ פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד פֿונעם קלוב אין די זעכציקער יאָרן. גרשון האָט מיר פֿאָרגעלייגט ווערן אַ מיטגליד פֿון קלוב און אַ אַבאָנענט פֿון "חשבון" און אַזוי האָב איך געטאָן.

אין לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדישן קולטור־קלוב האָב איך זיך באַקענט מיט מיין פֿרוי זעלדע־מרים. זעלדע איז היינט אַ פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד פֿון קלוב און פֿון "חשבון".

מיר האָבן ביידע ליב דאָס ייִדישע געדרוקטע וואָרט און אַבאָנירן אַזש פֿינעף ייִדישע צײַטונגען, וואָס מיר באַקומען יעדע וואָך. זיי זענען: "פֿאָרווערטס", "אַלגעמיינער זשורנאַל", "דער איד", "די צייטונג - נייעס באַריכט", און פֿון תל־אביב די "לעצטע נייעס". מיר זענען ביידע אומפּאַרטייאיש און כאָטש די פֿילאָסאָפֿיע צווישן דעם "פֿאָרווערטס" מיט "דער איד" איז ווי טאָג און נאַכט, האָבן מיר ליב צו לייענען וואָס יעדער האָט צו זאָגן און צו דערלערנען די שפּראַך און אויסדריקן פֿון יעדער צייטונג.

מיר אַבאָנירן אויך אַ צאָל ייִדישע זשורנאַלן און צייטשריפֿטן: "דאָס ייִדישע וואָרט" (פֿון אגודת־ישראל), "די גאָלדענע קייט", "דער אָנהייב", אידישער קעמפּפֿער", "ביאַליסטאָקער שטימע", "קולטור און לעבן", "ייִדישע קולטור", "אויפֿן שוועל", "יוגנטרוף", "אונזער צייט", "די צוקונפֿט", "לעבנספֿראַגן", "די פּען" און אחרון־אחרון חביב - "חשבון" וואָס איך אַבאָניר שוין צען יאָר און וואָס איז מיר ליב און טייער.

---

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

## די איינציקע ייִדישע צייטשריפֿט אין די מערב־שטאַטן פֿון אַמעריקע

מ. סלוצקי

# טראַדיציע

מיט 70 יאָר צוריק, אין 1926, ווען אונדזער קלוב איז געשאַפן געוואָרן, האָבן זײַנע גרינדער פּראָקלאַמירט, אַז דאָס וועט זײַן אַן אומפּאַרטייאישע ייִדיש־רעדנדיקע אינסטיטוציע אָן קאָנקרעטע פּאָליטישע צילן. דער קלוב האָט געדאַרפט דינען דער ייִדישער באַפעלקערונג, פלעגן אונדזער מאַמע־לשון און אויפהיטן די ייִדישע פאָלקס־קולטור. אין דעם וועג גייט דער קלוב, מיט פאַרשיידענע שטרויכלונגען, ביזן היינטיקן טאָג. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ גוטע טראַדיציע פון ליטעראַרישע און מוזיקאַליש־אַרטיסטישע שבת־אָוונטן, וואָס זענען געוואָרן אַ שם דבר אין שטאָט.

אמת, עס איז נישט לייכט געווען אויפצוהאַלטן די דאָזיקע טראַדיציע, בפרט ווען מענטשן זענען עלטער געוואָרן, אָבער צום גליק האָבן פון צייט צו צייט זיך באַוויזן נײַע טאַלאַנטן און ייִנגערע טוער, וועלכע פילן אויס מיט ענטוזיאַזם די נישט לייכטע אַרבעט. די גרינדער פון קלוב, י. פרידלאַנד, א. טענענהאָלץ, תנחם ברייס און אַנד. וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינטלעכן אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט, האָבן געפונען ווירדיקע פאַרטרעטער.

אונדזערע פּראָגראַמען אין די שבת־אָוונטן זענען געווען און זענען אַ נחת רוח פאַר דער מיטגלידערשאַפט און געסט פונעם קלוב. און אַזוי האַלט עס אָן שוין זיבעציק יאָר. אין די ערשטע צייטן פלעגט דער קלוב זײַן טעטיק אויך אין מיטן וואָך, מענטשן האָבן גענאָסן פון דער רייכער ביבליאָטעק און לייען־זאַל מיט ייִדישער פּרעסע פון גאָר דער וועלט.

נאָך 19 יאָר עקזיסטענץ אויף סאַנסעט־בולוואַר איז דער קלוב אַריבער אויף מאָנראָ־גאַס אין אַן אייגענעם לאָקאַל מיט באַקוועמע אײַנריכטונגען, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ קולטור־אינסטיטוציע. אין יענער צייט האָבן אין די שבת־אָוונטן זיך באַטייליקט אַ צאָל אָנגעזעענע שרײַבערס און דיכטערס, ווי ה. רויזענבלאַט, פּינטשע בערמאַן, ז. בונין, ש. מילער, מלכה לי, מלכה חפץ־טוזמאַן, ש. סיגעל, בלויז צו דערמאָנען אייניקע פון זיי. מיט קינסטלערישע פאָרלייענונגען פלעגן אויפטרעטן א. טענענהאָלץ, י. ראָטבלום און אַנד.

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז די ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך אַריבערגעקליבן אינעם מערב־טייל פון שטאָט, און די צאָל באַזוכער פון קלוב איז שטאַרק געפאַלן. דעמאָלט האָט די פאַרוואַלטונג באַשלאָסן אויסצוואַנדערן צוזאַמען מיט דער ייִדישער באַפעלקערונג, און דער קלוב האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דער געביידע פונעם "אינסטיטוט פאַר ייִדישער דערציונג" אויף דער דריטער גאַס. די געביידע האָט נישט געהאַט קיין פּאַסיקן זאַל, וואָס זאָל קאָנען דינען פאַר די שבת־אָוונטן, האָבן די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער ש. צוקערמאַן, מ. רייטש און אַ. ראַבין אויספּלאַנירט און איבערגעבויט דעם בנין מיט אַ זאַל וואָס נעמט אַרײַן אַריבער 150 מענטשן. אין 1974 איז פאָרגעקומען די אָפיציעלע דערעפענונג פון דעם נײַעם לאָקאַל. עס איז געווען אַ גרויסע שמחה. שלמה צוקערמאַן און אַלעקס ראָבין האָבן אין זייערע דערעפענונג־ווערטער אויסגעדריקט אַלעמענס צופרידנקייט און די האָפענונג, אַז דער אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט צום קלוב וועט אָנהאַלטן פונקט ווי אין די

פריערדיקע יאָרן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

אין האַרבסט 1974 האָט דער קלוב באַנייט זיינע אַקטיוויטעטן. די שבת־אָוונטן ווערן ווידער אויסגעפילט דורך שרייבער, ריכטער, אַרטיסטן, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. עס טרעטן אויף צוו. אַנד. א. גאָלאָמב, אַ. פּאָזי, חיים גראַדע, אַ. ליס, מ. שקליאַר, בינם העלער און זיין פרוי הדסה קעסטין, משה שולשטיין און זיין פרוי מילקע, העשיל קלעפּפיש, ז. זילבערצווייג, ס. נוטקעוויטש, ז. שלאָסער,לילקע מייזנער, משה וואָלף.

אָבער מיטן עלטערן זיך פון קלוב ווערן אויך עלטער זיינע מיטגלידער און די אָנטייל נעמער אין די פּראָגראַמען. עס גייט אַוועק אין דער אייביקייט דער עלטערער דור און דעם פאַרלוסט איז שווער בייצוקומען. טייל חברים זענען אַפילו ביי דער מיינונג, אַז דער קלוב זאָל פונקציאָנירן בלויז צוויי מאָל אין חודש, אָבער דער פּאָרשלאָג ווערט נישט אָנגענומען און דער קלוב זעצט פאָר זיין טעטיקייט ווי אין די פריערדיקע יאָרן. עס קומען צו נייע מיטגלידער און צוזאַמען מיט די עלטערע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פירן מיר ווייטער אונדזער אַרבעט. די איבערגעגעבנקייט און אידעאַליזם ווערט נישט אָפּגעשוואַכט אויך אונטער דער אָנפירונג פון לילקע מייזנער, וועלכע איז געוואָרן פּאָרזיצערין פון קלוב נאָך דעם ווי משה כהן איז אַוועק אין דער אייביקייט.

דער קלוב אונדזערער איז, ווי געזאָגט, אַן אומפּאַרטייאישע אינסטיטוציע און דער גייסט און כאַראַקטער זיינער האָט זיך אין פאַרלויף פון די זיבעציק יאָר נישט געענדערט. די צילן און אויפגאַבן זענען די זעלבע, ווי בעת זיין אַנטשטייונג, און די גוטע טראַדיציע האַלט אָן.

ס'ווילט זיך פאַרענדיקן די קורצע דערמאָנונג מיט די ווערטער פון אונדזער געוו. מיטגליד חיים אָסטראָווסקי, וועלכער האָט געשריבן אין "חשבון" צו די 42 יאָר עקזיסטענץ פונעם קלוב: "משה האָט באַקומען די תורה אויפן באַרג סיני, שפּעטער זי איבערגעגעבן צו יהושען און יהושעה האָט זי איבערגעגעבן צו די נביאים, און אַזוי כסדר פון דור צו דור, און יעדער פרישער דור האָט זי שטאַרק אָפּגעהיט".

און אַזוי זאָל עס זיין מיט אונדזער יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס.



אויפן שלוס־באַנקעט פון קלוב 1995. עס רעדט מענדל סלוצקי.
פון רעכטס זיצן: לילקע מייזנער, י. באַסנער, ריסאַ איגעלפעלד און יעקב לעווין.

# "חשבון" - 50 יאָר

פופציק יאָר אין לעבן פון אַ מענטש ווערט היינטיקע צייטן פאַררעכנט צו מיטעלער עלטער. אָבער אין לעבן פון אַ זשורנאַל, בפרט נאָך אַ יידישן, איז עס אַ היפשער מהלך, מ'קאָן זאָגן אַ בקובדיקע עלטער, וואָס איז נישט לייכט צו דערגרייכן. און אָט האָבן מיר אָט די בקובדיקע עלטער דערגרייכט. מיר, דער "חשבון" אין לאָס-אַנדזשעלעס, דער זשורנאַל וואָס איז מיט פופציק יאָר צוריק געשאַפן געוואָרן דורך אַ גרופע ענטוזיאַסטן פון יידישן לשון, פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, און וואָס האָט אויסגעדויערט ביז היינט. איז אַוודאַי פאַראַן מיט וואָס זיך איבערצונעמען סיי פאַר אונדז, די אַרויסגעבער פונעם זשורנאַל, סיי פאַר די מיטאַרבעטער און באַזונדערס פאַר אונדזערע געטרייע לייענערס און שטיצערס, וואָס אָן זיי וואָלטן מיר דאָך אָט דעם יובל בשום אופן נישט בכוח געווען צו דערגרייכן.

אויף אַן אַנדער אָרט דערמאָנען מיר אַלע רעדאַקטאָרן און מיטרעדאַקטאָרן פונעם זשורנאַל, פון ערשטן ביזן לעצטן, מיר קאָנען אָבער, לײַדער, נישט דערמאָנען די אַלע חברים און פריינד, וואָס האָבן געהאָלפן אים פאַרשפרייטן, און פאַר די פופציק יאָר איז דאָך זייער צאָל געווען אַ גאָר באַטייטיקע. ווילט זיך אונדז דאָ בלויז דערמאָנען די חשובע פריינד אונדזערע, וואָס מיט זיי איז אונדז אויסגעקומען צו אַרבעטן די לעצטע יאָרן: קודם כל דער געוועזענער פאַרוואַלטער ה ע נ י ך ב ע ר מ אַ ן ז"ל און פינאַנס-סעקרעטאַר ג ר ש ו ן פ ר י ד מ אַ ן ז"ל, און, זיי צו לאַנגע יאָר: צ ב י ה י ר ש, נ ת ן ש ט י י נ מ אַ ן און ז ע ל ד ע מ אַ ל ע ו ו י ט ש. זיי אַלעמען - אונדזער האַרציקער דאַנק!

ווען אונדזער "חשבון" האָט אָנגעהויבן דערשיינען, אין יאָר 1946, האָט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אַמעריקע און אין דער וועלט זיך געפונען אויף אַ שיידוועג. עס איז געווען אַ קנאַפּ יאָר נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט-מלחמה און דער אויסראָטונג פון דעם וויטאַלסטן טייל פון אונדזער פאָלק - דעם מזרח-אייראָפּעישן יידנטום, און ס'האָט געקאָנט געשען, אַז פאַרהילט אין טרויער זאָל אויפהערן קלאַפּן דער געזעלשאַפטלעכער דופק. געזיגט האָט אָבער דער אַלט-יידישער בטחון. מיט פאַרטאָפּלטער ענערגיע, ווי ווענלנדיק בייקומען דעם מוראדיקן פאַרלוסט, האָט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור-לעבן באַקומען אַ נייעם שוווּנג; דער יידישער ישוב אין ארץ ישראל האָט זיך גענומען גרייטן צום ענדגילטיקן קאַמף פאַר מלוכהשקייט; יידישע שרייבערס, אָפּגעראַטעוועטע פון היטלער-חורבן, און יענע, וואָס זענען "אין טרעבלינקע נישט געווען" האָבן מיט באַנייטער ענערגיע זיך גענומען צו דער פען כדי פאַרשפיגלען אין זייערע ווערק די איבערלעבונגען פונעם פאָלק בעת דער "עפּאָכע פון אויוונס", ווי ס'האָט באַצייכנט יענע שווידערלעכע צייט דער יידיש-פּוילישער שרייבער אַראָלף רודניצקי; אַפילו אין מזרח-אייראָפּע, אויף די אַש פון חורבן, האָט די שארית הפליטה גענומען ווידערבויען יידיש לעבן, נישט אַנענדיק אַז אין אַוועלכע צוויי-דריי יאָר אַרום וועט זיך אויפהייבן איבער איר די בלוטיקע סטאַלינישע האַק, וואָס וועט זיך פאַרמעסטן צו פאַרענדיקן היטלערס "ענדגילטיקע לעזונג" פון דער יידן-פראַגע.

אַזוי ווי אומעטום, אַזוי איז אויך געווען אין לאָס-אַנדזשעלעס. אָנגעהויבן האָט עס זיך

באַשיידן, ווי עס דערמאָנט דער געוועזענער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון "חשבון", דער דיכטער ז. בונין ז"ל אין זיין אַרטיקל צום יובל פון פופציקסטן נומער "חשבון":

"לכתחילה איז ער (דער "חשבון") טאַקע געווען כשמו כן הוא - אַ בולעטין פון דעם ל.א. יידישן קולטור־קלוב מיט אַ פינאַנציעלן באַריכט און אַ צוגאָב פון אַ ליטעראַרישער ביילאַגע, רעדאַקטירט פון ה. רויזענבלאַט, ערשט שפּעטער, אין יאָר 1955, האָט ער אָנגעהויבן דערשיינען ווי אַ פערטליאָר־שריפט".

אין זעלבן אַרטיקל ("חשבון" פאַרן יאָר 1986) רעכנט אויס דער מחבר אַן ערך פופציק שרייבערס און מיטאַרבעטערס פונעם זשורנאַל, וועלכע זענען פאַר דער צייט אַוועק אויפן עולם האמת, און צוויי מאָל אַזוי פיל, וואָס באַטייליקן זיך אַלץ אין זשורנאַל פון צייט צו צייט אָדער ווי שטענדיקע מיטאַרבעטערס, און צווישן זיי געפינען זיך די אָנגעזעענסטע נעמען אין דער יידישער ליטעראַטור - שרייבערס, פּאָעטן, עסייאיסטן פאַר וועלכע "חשבון" איז געווען - ווי עס שרייבט בונין - "אַן אכסניה, הגם אַ זייער באַשיידענע".

אָט אַזאַ באַשיידענע אכסניה איז "חשבון" ביז היינט צו טאָג. אונדזערע "שפּאַלטן" שטייען אָפן פאַר שרייבערס פון אומעטום און מיר נעמען אויף מיט כבוד יעדן נייעם מיטאַרבעטער, וועלכער באַרייכערט מיט זיין בייטראָג דעם זשורנאַל און זיינע לייענער.

פאַר די פופציק יאָר פון אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ צייטשריפט, וואָס איז אויפגעקומען אַראָנק דעם יידישן קולטור־קלוב, וועלכער ווערט איצט, מיט מזל, זיבעציק יאָר אַלט, האָט דאָס יידישע קולטור־לעבן אין לאָס־אַנדזשעלעס דורכגעמאַכט זיין עליה און ירידה. געווען דאָ, ווי אומעטום אין אַמעריקע, יידישע נאָכמיטאָג־שולן, יידישע טעאַטער־גרופּן, כאָרן, אַ באַטייטנדיקע גרופּע שרייבערס, קינסטלערס, לייען־קרייזן און, ווי אומעטום אין אַמעריקע, איז פון דעם אַלעם געבליבן בלויז שפּליטערס.

פאַר דער צייט זענען אויפגעקומען און אונטערגעגאַנגען אַ היפּשע צאָל יידישע צייטונגען און צייטשריפטן. טייל צוליב מאַנגל אין פינאַנציעלע מיטלען, אַנדערע צוליב מאַנגל אין לייענערס, און נאָך אַנדערע צוליב מאַנגל אין מיטאַרבעטערס אָדער צוליב אַלע דריי סיבות צוזאַמען. צום גליק האָט "חשבון" אויסגעדויערט און איז ממשיך צו טראָגן דאָס שעפערישע יידישע וואָרט צו אונדזערע לייענערס און פריינד אין לאָס־אַנדזשעלעס און אין פיל אַנדערע שטעט און לענדער.

מיט צופרידנקייט אָבסערווירן מיר דעם אינטערעס פאַר יידיש - אונדזער מאַמע־לשון צווישן גרופּן יוגנטלעכע אין אוניווערסיטעטן פון אַמעריקע און אייראָפּע, אין אוניווערסיטעטן און מיטלשולן פון מדינת ישראל, און די אַרבעט פון גרופּן אַקטיוויסטן און ליבהאָבערס פון דער יידישער קולטור כדי אויפהאַלטן אונדזער אומפאַרגלייכלעכע קולטור־ירושה. זיי אַלעמען - די שרייבערס, מיטאַרבעטערס, לייענערס און קולטור־אַקטיוויסטן דאַרף "חשבון" אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון פופציק יאָר היטן און פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט און אויך אַ צוזאָג, אַ האָפענונג, ווייטער אָנצוגיין מיט אונדזער אַרבעט נאָך לאַנגע יאָרן.

מ. ש.

# שרײַבערס וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אין לאָס־אַנדזשעלעס

פּרץ הירשבײַן

## מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט י.ל. פּרצן

י.ל. פּרץ איז ביז דרײַ בײַטאָג געווען פאַרנומען אין דער "גמינע", ווו ער האָט פאַרוואַלטעט מיט די בית־עולם ענינים. באַזוכער האָט ער אויפגענומען בײַ זיך אין דער היים אויף צעגליאַנע גאַס נומער אײנס. צופוס בין איך געגאַנגען צו אים. אַ פערטל צו פיר בין איך אָנגעקומען צו זײַן הויז. אַ שטילע גאַס. דער אַרײַנגאַנג – פון הויף. הילצערנע טרעפּ האָבן געפירט צום צווייטן שטאָק - י.ל. פּרצעס דירה.

אײדער איך האָב אָנגעקלונגען, האָב איך אַ װײַל באַטראַכט דאָס אָפּגעשײַערט מעשן בלעכל אויף דער טיר, מיט ייִדישע אותיות געווען אָנגעשריבן, אַז י.ל. פּרץ נעמט אויף פון דרײַ ביז פיר. איך האָב אָנגעקלונגען אין טיר, און אַ שוויס האָט מיר אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן. איך האָב עס געשפּירט, און געאײַלט אָפּצווישן דעם שטערן אײדער די טיר עפנט זיך.

די טיר האָט אויפגעעפנט רוזשע, די דינסט און באַלעבאָסטע. פון מיטעלן וווּקס, אַ בלאָנדע, פּוילישע פרוי, מיט אַ רונדן פּנים און בלויע אויגן. זויבער, לעבעדיק, כאָטש שווערלעך. מיט דערפאַרנקייט האָט זי מיך באַטראַכט פון אויבן־ביז־אַראָפּ נאָך אײדער זי האָט מיך דורכגעלאָזן דורך דער טיר.

פון אינעווייניקסטן צימער האָט זיך דערהערט י.ל. פּרצס שטים, ברייטלעך און אַ ביסל גרילצנדיק: "קומט אַראַן".

י.ל. פּרץ האָט געהאַלטן בײַם פאַרענדיקן עסן. ווען איך האָב זיך באַוויזן אין טיר, איז איבער אים געשטאַנען מאַדאַם פּרץ, אויף אַ גאָפּל האָט זי געהאַלטן אַ מילכיקן קרעפּל, און זיך געבעטן בײַ אים, ער זאָל כאָטש דעם אײנעם קרעפּל אויפעסן. דאָס לשון צווישן זיי איז געווען פּויליש.

י.ל. פּרץ איז אויפגעשטאַנען דעם גאַסט אַנטקעגן. מאַדאַם פּרץ האָט געלאָזן דעם קרעפּל פאַלן אויפן טעלער, אַן אומצופרידענע איז זי אַרויס פון צימער. אינסטינקטיוו האָב איך זי נאָכגעקוקט. ער האָט עס באַמערקט. עס איז געווען אַן אומבאַקוועמע רגע.

י.ל. פּרץ האָט זיך אַליין אַנידערגעזעצט בײַ זײַן טיש, מיר אָנגעוויזן אַן אָרט אַנטקעגן, האָט אָנגעהויבן רעדן אויף רוסיש, און איז באַלד אַריבערגעגאַנגען אויף ייִדיש.

- וואָס ט'איר עפּעס זאָגן גוטס?
- בין געקומען פון ווילנע מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק.
- אַ געבוירענער דאָרט?
- ניין. געבוירן אין גראָדנער גובערניע.
- וואָס וועט איר זאָגן גוטס?
- אהרון הורוויטש פון ווילנע... יע, ער האָט זיך געדרוקט אין אײערע "יום־טוב

בלעטלעך", ער האָט געבעטן אויסגעפינען, וואָס איר האָט געטאָן מיט זיינע איבערזעצונגען.

– יאָ, איך ווייס – האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ ברייטן שמייכל – אָבער איר שרייבט דאָך אויך, וואָס, ניט?

ער האָט זיך איינגעשניטן מיט זיינע אויגן אין מיר. איך האָב געשפּירט ווי דאָס בלוט שפּאַרט מיר אין פּנים. איך האָב אָנגעגעבן אַ נאַרישן תּירוץ צוליב וואָס איך בין געקומען, און ער האָט פאַרשטאַנען מיין נאַרישקייט.

– נו, נעמט אַרויס פון בוזעם־קעשענע וואָס איר האָט, לאָמיר עס לעזן.

שווייג איך אַ צעטומלטער.

– איר זייט דאָך אַ שרייבער, טאָ, פאַרוואָס שעמט איר זיך?

– אמת, איך שרייב טאַקע; איך האָב מיט זיך גאָרנישט מיטגענומען.

– כאַ־כאַ־כאַ, וואָס פאַר אַ שרייבער זייט איר, אויב איר טראָגט ניט מיט זיך אין בוזעם־קעשענע קיין שריפטן? וואָס אַזעלכעס שרייבט איר?

– דראַמעס.

– דראַמעס?

– יאָ, אין העברעאיש.

– איר זאָגט דאָך דראַמעס, מיינט דאָך עס מער ווי איינע.

– צוויי האָב איך פאַרענדיקט. איך שרייב אַ דריטע.

– איינאַקטערס?

– איינע אין פיר, און די אַנדערע צו דריי אַקטן.

– אַ וווּ וווינט איר?

– אויף פּאַוויע.

– גייט, נעמט אַן איזוואָשטשיק. פאָרט הין־און־קריק, איך וועל באַצאָלן.

איך האָב אים געפאָלגט. גאָרניט מיט מיין אייגענעם אימפּעט בין איך אַוועק, און געקומען צוריק מיט מיינע צוויי דראַמעס: "מרים" און "שובבים". איך האָב אים געטראָפן אויף דעם אייגענעם פּלאַץ ווו איך האָב אים געלאָזן.

– גיט מיר דאָס לעצטע.

איך האָב אים געגעבן "שובבים", געשריבן מיט אַ קורצן דיאַלאָג אויף באַזונדערע בלעטלעך פּאַפּיר. ער האָט אָנגעטאָן די פענסנע און גלייך צוגעטראָטן צום לעזן. איך בין געבליבן ביי זיין זייט און אים באַטראַכט.

***

אַרום פיר און פופציק יאָר איז י.ל. פרץ דעמאָלט שוין אַלט געווען. מיט איבער דרייסיק יאָר עלטער פון מיר, און פון דעסטוועגן האָב איך געשפּירט, גלייך ווי די עלטער איז געקומען צו דער יוגנט זיך אָנוואַרעמען.

זיין קאָפּ, רונד, שטאַרק. אַ ברונעט. אַ ביסל גרוילעך. די אויגן – טיף ברוינע, פולע; דורך די ברילן שלאָגט זייער ליכט. פון אונטער שווערע, טונקל־קופּער קאָלירטע וואָנצעס – שווערע ליפּן. די מאָרדע, קורץ און שטאַרק. דער גאַנצער געבוי, ניט הויך, און שווערלעך. זיין קאַריערע ווי אַ יידישער שרייבער האָט ער שוין אַ סך מאָל "פאַרענדיקט", און ווידער פון דאָס ניי אָנגעהויבן מיט נאָך מער פרישקייט. דעמאָלט, ווען איך האָב אים באַגעגנט, איז דראַמע געווען זיין לעבנס־אידעאַל. ער אַליין האָט שוין דעמאָלט געהאַט צום וויפלטן מאָל איבערגעאַרבעט זיין "גאָלדענע קייט", וואָס

האָט נאָך דעמאָלט געהייסן "חורבן בית צדיק". טעאַטער האָט אים פֿאַרשיכורט, ווי נאָר עס שיכורט יונגע דראַמאַטורגן. אָבער ער איז דאָך געווען דער פֿיר און פֿופֿציקער, און זײַנער אַן אָנהויב האָט געמיינט - ווייט ניט קיין אָנהויב פֿאַר אַן אָנפֿאַנגער. ער האָט ניט געהאַלטן פֿון קיין פּשרות. דעם יונגן טאַלאַנט האָט ער געוואָלט צו זיך דערהויבן. פֿאַר דער צײַט וואָס איך בין געווען אין וואַרשע, איידער איך האָב אים באַגעגנט צום ערשטן מאָל, האָב איך זיך באַמיט צו לעזן פֿון אים געשריבן אַלץ וואָס איך האָב נאָר געקענט קריגן. זײַן וועלט איז מיר נאָך דעמאָלט געווען שטאַרק פֿרעמד. זײַן ליטעראַרישע געשטאַלט - צעשפּליטערט און מיט אינערלעכן ליכט באַלויכטן, און איילט אין גאַלאָפּ צו יעדער אידעע. ער איז פֿאַר מיר געווען אַ סוד. כאָטש מען האָט אים שוין דעמאָלט געהאַט געפֿייערט זײַן פֿופֿציק יאָריקן יובילײ, אָבער די יידישע גאַס אין אַלגעמיין האָט אים ניט געקענט. געוווּסט פֿון אים, אָבער ניט געקענט. אים האָט מען געפּרוּווט אַ סך פֿאַרלייקענען; אָבער אין דעם פֿאַרלייקענען איז געווען דערקענונג.

ער האָט מײַן מאַנוסקריפּט געלעזן און אויף קיין רגע פֿון אים ניט אָפּגעריסן די אויגן. דער כתב איז אים גרינג אָנגעקומען. די באַזונדערע בלעטלעך האָבן זיך שנעל איבערגעמישט.

איך האָב באַטראַכט זײַן שרייב־צימער פֿון מײַן פּלאַץ זיצנדיק. אָרדענונג. זײַנע געלבלעכע בויגנס גלאַטע פּאַפּיר, אַ זילבערנער שרייב־געצייג מיט צוויי טינטערס - אַ מתנה. געשריבן האָט ער, ווי איך האָב באַמערקט, פֿון אַ פּשוטן טינטער. וואַזאַנעס ביי די פֿענצטער. אויפֿן טיש אַ בוקעט פֿרישע בלומען. אויף די ווענט, אַלערלײ בילדער און פֿאָטאָגראַפֿיעס. אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דער דעמאָלט יונגער בערטאַ קאַליש, אין דער ראָל פֿון י.ל. פּרצעס "שוועסטער" צוגעשיקט פֿון אַמעריקע. אַנטקעגן, פֿון אַריבער דער גאַס, האָט אַריבערגעקוקט אַ רויטער קוימען פֿון אַ ביר־ברויערײ.

אין יענע אָנדערהאַלבן שעה וואָס י.ל. פּרץ האָט געלעזן מײַן מאַנוסקריפּט, בין איך געזעסן שטיל, און געשפּירט ווי איך ווער עלטער, ניט אין יאָרן, אין דערפֿאַרונג. מיך האָט אַרומגענומען אַ טרויער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פֿון אויבן, און געקוואָלן פֿון דער טיף. שאַרף און קלאָר. איך האָב אין יענע אָנדערהאַלבן שעה געבלעטערט מײַנע פֿאַרגאַנגענע יאָרן. איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, נאָר מײַן מוטער, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ פּאָר יאָר טויט, איז מיט איר מוטערלעכער שיינקייט אַרויסגעקומען און ממש געשטאַנען ביי מײַן זייט - אָט אַזוי ווי זי האָט עס שטענדיק געטאָן דעמאָלט, ווען זי האָט מיר אין פֿרילינג אָנגעוויזן אויף די ערשטע קנאָספּן, וואָס האָבן געשפּאַרט פֿון די שוואַרצלעך־ברוינע צווײַגן פֿון די אָלשענע בוימער ביי אונדזער וואַסער־מיל.

מיט מײַן גאַנצן מהות האָב איך דעמאָלט ניט געהערט, ניט צו דער שטאָט, און ניט צום דאָרף אַפֿילו. איך האָב גיכער געהערט צום פֿרילינג, אָדער צום האַרבסט, צום זומער, און צום ווינטער; ווי עס איז איצטער מײַן לעבן, אין דער צײַט פֿון פֿולער דערפֿאַרונג. זיצנדיק לעבן אים האָב איך געשפּירט גרויסשטאָטישקייט. ליטעראַרישע גרויסשטאָטישקייט. אַפֿילו אין זײַן באַנעמונג, וואָס האָט מיך אַזוי טיף גערירט, האָב איך עס געשפּירט.

(פֿונעם בוך "אין גאַנג פֿון לעבן")

ה. רויזענבלאַט

## קאַליפאָרניע

...אין מדבר האָט זי אויפגעבליט,
אין אַ חלום זיך פאַרוואַנדלט.
ווי אהרנס שטעקן, האָט אין זאַמד,
דער דאָרן זיך צעמאַנדלט.

אין סליאַד פון רעדער, איינגעשפּאַנט
אין בוידן־קאַראַוואַנען,
אַרויסגעשוואומען זיינען שטעט
און דערפער - סטייטס שוואַנען...

אַ נס - אַן אָדלער אויפן ווינט
מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען,
אין זאַמד, אין ווייסן, בליאַסקען אויף
אָאַזיסן, ווי שפּיגלען...

און דו און איך, פאַרשפּעטיקטע -
צו זוכן ברויט און שלום -
געקומען זיינען דאָ אַהער
אַ פּיתרון צו אַ חלום.

אַזוי איז אונדזער גורל שוין.
עס איז ניט שייך געדענקען
אַ חלום וואָס דו חלומסט ניט.
דאָס האַרץ גייט איין פון בענקען...

און אַז די בענקעניש טויכט אויף
אין מיין געמיט, דעם שווערן,
דערמאָן איך זיך אָן ים און אין
דער נאַכט מיט אירע שטערן...

דער ים איז אַלט, זיין פּנים - קלוג,
און ווי די שטערן - אייביק.
און דאָס וואָס ער דערציילט איז וואָר,
און איך... בין פרום און גלייביק!

די זון פאַרגייט ביים מערבֿ־ראַנד.
די וואָלקנס זשאַרען צונטער...
איך נעם אַרום די זון און גיי
מיט איר אינאיינעם אונטער.

די וועלן וויגן, וויגן מיך
און שעפּטשען: - שלוה! שלום!
איך דרעמל, דרעמל איין און ווער
אַליין אַ מדבר־חלום...

---

מלכה חפץ־טוזמאַן

## בענקעניש

איך בענק נאָך די פויגל־מחשבות וואָס
פליען מיר אָן
און כ׳קען ניט
איך קען זיי ניט כאַפּן

איך בענק נאָך די טענער אין מיר וואָס
סטרונען קוים העריק
און רייצן מיין הערן
און לאָזן זיך פּאָרט ניט דערהערן

איך בענק נאָך דער באַק וואָס
מיין האַנט וויל באַרירן
און ווייסט ניט
און ווייסט ניט אַוווּ זי צו זוכן

איך בענק נאָך בענק נאָכן אויסדאַכט וואָס
שאָטנט דיין וווינאָרט
אָן באָדן
אָן ווענט און אָן טירן.

איך בענק נאָך מיין "איך", אַזאַ איך וואָס
פאַרגיכערט דעם צי פון מיין אָטעם
מיין איך וואָס
איך קען ניט דערגרונטן

איך בענק נאָך מיין בענקען וואָס
איז אַזאַ בענקען
וואָס איך דערקען ניט
און האָב נאָך פאַר דעם ניט קיין נאָמען
און בענק...

אריה פּאָזי

# אַ מאָרגן־שירה

אויף מאָרגן, ווען דווידקע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט שוין די פרילינגזון אַריינגעקוקט אין פענצטער. געגלאַנצט און געשיינט האָט די זון, ווי זי וואָלט אַ יום־טוב מקבל פּנים געווען. אויסגעגאָסן האָט זי איר חן אויף די פרישע, דורך טוי געוואַשענע גראָזיקע לאָקנס פון דער לאָנקע, און צעשמייכלט האָט זי זיך אין טייכל, וואָס אונטערן באַרג, טבלענדיק אירע שטראַלן אין דער שפּיגל־גלאַטער אויבערפלאַכלעכער קייט, וואָס האָט מיט אַזוי פיל פרישקייט אָפּגעגלאַנצט, אַז זי האָט זיך מיט אַ סך מונטערקייט אָפּגערופן אין זיין האַרץ.

פּאַר נחת־רוח האָט ער די אויגן פאַרזשמורעט. האָט זיך אים עפּעס פרייליקס געחלומט? ער ווייסט ניט, ער געדענקט ניט. אויפן האַרצן איז אויסערגעוויינטלעך לייכט, ווי ער וואָלט געוואָלט אויפשפּרינגען, אויפשוועבן אַנטקעגן דער זון, אויפהייבן זיך אין דער הייך, ביז די סאַמע קלאָרווייסע וואָלקנס, און טובלען זיך אין די סאַמע ריינקייטן פון די הימלען.

פונעם צווייטן צימער האָט זיך געהערט רבקהלעס שטימע. געהערט האָט זיך אויך ווי די מומע דוואָשע בעט זי שפּילן אויפן פידל, זאָגט איר וואָס צו שפּילן. און ניט לאַנג האָט גענומען ווי עס האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון סטרונעס, ווען מע שטעלט זיי אָן צו זייער ריכטיקער שטייפקייט און מעלאָדישקייט, אַ פּראָבעפיר מיטן סמיק איבער אַלע סטרונעס, אַ לאַנגער דויערנדיקער קול, אַן אָנזאָגער פון דער מעלאָדיע ווי זי איז גרייט צו קומען, און איידער וואָס און ווען האָט זיך גלייך דערהערט די אמתע מעלאָדיע, אַ פידל־מעלאָדיע פון אַ נייעם מאָטיוו, וואָס קיין מאָל פריער האָט אים דווידקע נאָך ניט געהערט.

און אַזאַ שיינע אָנגענעמע מעלאָדיע! אין דעם פרישן פרילינג־פרימאָרגן האָט זיך אויסגעוויזן ווי ס׳וואָלט געווען אַ מאָרגן־שירה צום רבונו של עולם, און אַז ניט אויף אַ פידל ווערט זי געשפּילט, נאָר די נאַטור אַליין טוט עס, זי קען זיך ניט באַהערשן און זי זינגט פּשוט מחמת דעם וואָס עס זינגט זיך. פונקט ווי די בלומען, צעעפנט אַנטקעגן דער זון זייערע טוי־אָפּגעפרישטע קעפּלעך, צערופּטן זיך מיט ריחות פון קלאַנגען צו דעם געבוירענעם אין ליכט גוטמאָרגן, און זיי צעציטערן זיך, אַזש ביזן אָפּשטאָם, אין דעם געפיל פון קדושה; פונקט ווי דער וואַלד צעשפּרייט אָפן זיין ברייטע שטאַרקע ברוסט צו דער לעצטער אַשמורה און ווערט מיט סודות פון קלאַנגען אָנגעפילט; פונקט אויך ווי דאָס פעלד, ווען צעשפּרייט ברייט און לאַנג איז עס אויך צעגרינט מיט די פּאַרקעמטע גראָזענע לאָקן, איבערגעשאָטן מיט דעם צירונג פון בלוי־רויט־ווייס און פּיאָלעטע בלומען, וואָס זיינען מקבל באהבה די גנעדיקע ברכות, געשאָטן פון אויבן; פונקט אויך ווי דער הימל, דער איינציקער פילנדיקער חבלי־לידה געבורט פון טאָג, פון וואָס ער ווערט אַזש צערויטלט ביז פּורפור, צעפלאַקערט ביז העלישקייט, און ווען די חבלים ווערן שוין איבערגעקומען, גיט ער פריי אַן אָטעם, לאָזט אַרויס זיין ניי קינד, די זון, צעשפּילן זיך אויף זיין שויס, אין מקובל פּנים צו ווערן פון אַלץ און אַלעמען אַרום, וואָס זיי אַלע צעשמייכלען זיך, און דער שמייכל איז אַ פאַרביק־הילכיקער, דער שמייכל איז אַ מעלאָדיע; און די מעלאָדיע קומט צו די סאַמע הימלען, און זיי ווערן

מלא שימחה פון איר, און באַגייסטערט צעקייקלען זיי זיך פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן, פֿאַרביק צעבלויען זיך, צעצויבערן זיך, בלייבן הענגען אין רואיקן תענוג, הויך, הויך, ניט צו דערלאַנגען, ניט צו דערגרייכן, אַ באַגער אויף אייביק צו פֿאַרבלייבן, אַ חלום, אַן אידעאַל. אַזוי זיינען אויך די פייגעלער, זשעדנע דעמאָלט פֿאַרן הימל, זיי טרייסלען פונאַנדער זייערע אין שלאָף פֿאַרגליווערטע אברים, גלייכן זיי אויס, שפּרייטן ברייטער פונאַנדער די פליגלען און צעשוועבן זיך מיט לוסט העכער און העכער, נאָענטער צו די הימלען... און דאָס טייכל, וואָס צעשלענגלט זיך אין זילבער, הערט אויף צו מורמלען, נאָר ציטערט אויף אין לוסט, שווענקט די גראָזיקע ברעגן, צעוויגט די קעפּלעך פון די וואַסער־ליליעס, און ניט האָבנדיק קיין כוח צו הייבן זיך העכער צום הימל, שפּיגלט עס כאָטש אָפּ אַ הימל אין איר אייגענעם בוזים, און אַלץ אין איינעם איז אַ שירה, אַ שירה פון סאַמע קדושה, אַ שירה פון סאַמע טהרה...

דאָס, האָט זיך דווידקען אויסגעוויזן, איז רבקהלעס פּידל־שפּילן; דאָס אַלץ האָט ער פּלוצעם דערפילט, דאָס אַלץ פֿאַרשטאַנען. ער האָט קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן דעם, קיין מאָל ניט דערפֿאַרן די האַרמאָניע פון דער וועלט־שאַפֿונג, די מוזיק וואָס איז אין פֿאַרבן אַריינגעטאָן, און איצט - טאַקע איצט און ערשט איצט - האָט ער עס באַנומען, ניט באַוווסטזיניק, ניט אויסדריקלעך שפּראַכלעך, נאָר געפילפוליק, ממש בחוש.

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. אונטער דער הויכער חופּה פון דער הימל־בלויקייט האָבן אַרומגעשוועבט ווייסינקע גלאַנצנדיקע פינטעלעך פון בוקאַשקעס און שמעטערלינגען, געבאָדן האָבן זיי זיך אין זונליכט און געגלאַנצט אין זיי; געהערט האָבן זיך אויך טרילִיען, פֿאַרב מיט מעלאָדיע האָבן זיך צוזאַמענגענומען, צוזאַמענגעגאָסן האָט זיך די מעלאָדיע פון דרויסן מיט דער מעלאָדיע פון דער פּידל, און באַגריפן האָט ער, אַז ניט רבקהלעס פינגער שפּילן עס, נאָר עפּעס וואָס איז אינעווייניקער, אין איר סאַמע איכיקייט, וואָס איז אַזוי ווי אַ חזן־באַהעלפער צום עצם פון חזנות - אַ מעלאָדיע־באַהעלפער צו דעם עצם פון מוזיק. צו דער קלאַנג־האַרמאָניע פון דעם בוים, וואָס טרייסלט איבערן פענצטער זיינע גרינע קודראַווע (געקרייזלטע) צווייגן, צום טייכל, וואָס גלאַנצט דאָרט פון וווייטן, צו דער זון, צו דער לאָנקע, צום הימל, אַפילו צו דער טשערעדע, וואָס באַוועגט זיך דאָרט אויפן באַרג הינטערן טייכל אין דעם גאָלדענעם שטויב. און אַלץ, אַלץ אַרום זינגט, שפּילט, לוסטיקט זיך, קלייבט נחת, אַ סך נחת פון דעם פּריש געבוירענעם טאָג אין דעם פּריש געבוירענעם פרילינג.

און דערפילט האָט ער אַ מאָרנעם געפיל, זייער אַ טיפן און ביז איצט גאָר אַן אומבאַקאַנטן, טאַקע אַ פּרעמדן, הגם גלייכצייטיק אַ טיף־טיף אינטים־אייגענעם. וואָס? ער ווייסט בשום אופן ניט, ער האָט אים קיין מאָל פריער ניט איבערגעלעבט: אַ טיפע גלוסטעניש אין אים, אַז זיין גאַנצער וועזן זאָל צעעפענען אַלע זיינע פֿאַרשלאָסן־פֿאַרחתמטע קאַמערן, זיין ברוסט זאָל זיך צעעפענען, צעשפּרייטן אַזוי ווי דער גאַנצער הימל פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט, אַזוי טיף אַז דער מוח קען ניט משיג זיין, און דעמאָלט וואָלט שוין פֿאַרבליבן אין איר געגוג אָרט פֿאַר דער גליקלעכער האַרמאָניע, וואָס האָט זיך אַזוי צעגאָסן, צעשטראָמט, צעפלאַסן אין זיינע חושים!

(אוי, גליקלעכע, נאַיווע, פּרימיטיווע חושים פון יוגנטלעכע, ערשט בר־מצוהדיקייט אין דעם געמיט פון בחור אָדער מיידל וועמענס אויגן האָבן נאָך מער ניט געזען ווי דעם בראשית, דעם נאָך ניט באַפלעקטן בראשית!)

און ערשט אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, נאָך אין דער צעטומלעניש פון די חלומות אין וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן און וואָס זיינען פון זיין זכרון שוין אַרויסגעשוועבט געוואָרן, דוכט זיך אים איצט, אַז ער איז גאָר ניט ער, האָט גאָר קיין קיום ניט, ער איז ווי צעשוווּמען, צערונען, צעפלאָסן, צעלאָזן געוואָרן אין דעם גרויסן שטראָם, אין דער אומגעהייערער כוואַליע פון הערלעכקייט; ס'דוכט זיך אַז ס'זיינען דאָ קלאָרוויסע, ריינע, פון זונשטראַלן געוועבט, פון קדושה געפלאָכטן, פון סאַמע טהרה געשפּונען פליגלען פון אַ וועלט־מאַרים, וואָס צעפּאָכן זיך מיט נעימות איבער הערצער און מאַכן זיי צעשמעלצן זיך אין גאַנצע וועלטן, אין אומבאַקאַנטע, הייליקע, גוטע, גליקלעכע וועלטן, וואָס זיינען פון דעם סאַמע תמצית פון גרויסאַרטיקייט.

רבקהלע!

און אין דעם אַלעמען איז זי אַריינגעפלאָכטן, זי איז דער חוט־השדרה פון דעם אַלעמען.

דערפילט האָט ער עפּעס, וואָס ער קען ניט אָנרופן ביי קיין שום נאָמען - ווי איר עצם קיום וואָלט עס געווען, וואָס שאַפט אָט די געפילן.

ער זעט אירע אויגן. ביי דער מעלאָדיע פון דעם פירל זעט ער ווי זיי זשמורען זיך. און זיי האָבן אַ שייכות צו זיין נשמה. אַ שייכות? זיי זיינען זיין וועלט, זיין נייע וועלט, אָט די, וואָס איז פון צויבער געפלאָכטן. אַן אָפּגרונט פון געפילן, ברייטקייט פון הימלען, ריינקייט פון דער זון, גוטסקייט פון אַ מלאך. דוכט זיך, דאָרט ברענען פייערלעך וואָס וואַרעמען אים, און אַחוץ דעם ווינקען זיי, צעגלאַנצן זיך, גיסן נעימות.

ער זעט זי ניט, און אָט שטייט זי פאַר זיינע אויגן, זי שטייט אין דער וועלט־מעלאָדיע, זי שוועבט אין זיין נשמה.

און אַ מערקווערדיקע פאַרשטעלונג: ער נעמט זי ביי דער האַנט און פירט זי אין פעלד אַריין, און אַזוי ווי אין "הלל" ווערט געזאָגט, צעטאַנצן זיך אַנטקעגן איר די בערג אַזוי ווי אינדן, צעשפּרינגען זיך דיביימער, בוקן זיך די גראָזן, פאַרנייגן זיך די בלומען, און אַלע זינגען אין איין קול: "לכה דודי", און ווען זיי קומען שוין אָן, בוקן זיי זיך דריי מאָל אין באַגריסונג און פאַרהערלעכקייט:

"קדוש, קדוש, קדוש..."

(פונעם בוך "באַגינען")

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 • L.A., CA 90049

Phone: (310) 820-2976 פאַרוואַלטונג "חשבון"

חיים שוואַרץ

# אַ נאַכט אין מדבר

אַ גאַנצע נאַכט געבושעוועט אין מדבר האָבן ווינטן,
ווי בייזע רוחות, אָפּגעלאָזענע פון קייט;
באַפאַלן זיינען זיי דעם הויפל דעם צעגרינטן,
דאָס שטיבל דאָס צעלויכטענע,
די אָוונטדיקע פרייד.

זיי זיינען פון באַשנייטע בערג־שפּיצן אַרונטער
מיט רוגזה אָנגעכמורעטע, מיט וועלפישן געבריל,
צוזאַמען, כאַפּטעסווייז,
צעשפּליטערטע, באַזונדער -
אין הפקרדיק־צעווילדעוועטער שפּיל.

געשיקט האָט מדבר זיינע אייביק־טרייע דינער
אויף אויסוואָרצל, פאַרטיליק און פאַרלענד;
באַהערשט פון אומזין און פון שנאה -
געשטורעמט האָבן זיי די שטיבלדיקע ווענט.

אין ווילדער נאַכט
געטרייסלט האָבן זיי די שויבן,
די שטאָלצע פּאַלמע קרעכצנדיק געוויגט;
און זי האָט אירע בלעטער־פליגל אויפגעהויבן,
ווי זי וואָלט הילף־סיגנאַלן ערגעץ־ווו געשיקט...

פאַרטאָג אַנטשוויגן האָט דער אויסגעשעפּטער מדבר,
ס'האָט הייס געאָטעמט אויפגעוואַכטע ערד;
די גרינע פּאַלמע, אַ פאַרקלערטע, מידע,
האָט אין דער בלויער ווייט זיך איינגעהערט...

אין שיין אין אויפגעהעלטער פון באַגינען
געוואַלגערט האָט זיך ווו
אַ בלעטל אַ פאַרגעלטס;
אַ מדבר־פלאַנץ,
וואָס איז מסתם אַראָפּ פון זינען,
האָט הפקרדיק געדרייט זיך אויף דער וועלט...

אברהם גאָלאָמב

# איז אַמעריקע היים?

ווען גרויסע מאַסן יידן פון די שטעטלעך האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין אַמעריקאַנער שטעט, האָבן זיי געשאַפן יידישע ראַיאָנען, היימישע. האָט די יידישע ניו־יאָרק געהאַט מסתמא היפשע טויזנטער יידישע שטעטלעך, מיט אַלע שטריכן און פּיטשעווקעס. ניט באַזונדערע יידישע יחידים זיינען דאָס געווען, נאָר גאַנצע יידישע "לאַנדסמאַנשאַפטן", טאַקע לויט די היימישע שטעטלעך. יידן האָבן זייערע היימען אַריבערגעטראָגן קיין אַמעריקע, ווו מען האָט זיך געפילט נאָך היימישער ווי פריער. האָט זיך אַריינגעגאָסן דער גאַנצער שטייגער, די רעליגיע, וועלטלעכקייט, געזעלשאַפטלעכקייט, אידעאַלן, באַוועגונגען – ציוניזם, סאָציאַליזם אַנאַרכיזם, אַ ליטעראַטור, אַ פּרעסע, אַרבעטער־באַוועגונג, יוניאָנס מעכטיקע, קאַמף און קולטור. יידן אַסימילירטע, פון פריערדיקע אימיגראַציעס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָט די אימיגראַנטן־מאַסע האָט זיך גענומען שטאַרק אָנזען אין אַמעריקע. האָט אַמעריקע איבערגעריסן איר אָפּמאַך מיט רוסלאַנד צוליב אירע דיסקרימינאַציעס קעגן יידן. און געווען זיינען אין אַמעריקע יידן אַ סך ווייניקער ווי היינט. זייער וואָגיקייט פאַר דער דעמאָקראַטיע איז אָבער געווען אַ סך אַ גרעסערע. ניט בלויז יידן זיינען געקומען קיין אַמעריקע. עס איז געקומען יידישקייט קיין אַמעריקע. אין גייסט פון אונדזער טראַדיציע וואָלט איך געזאָגט, אַז די יידישע שכינה האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין אַמעריקע. ניט בלויז יידן האָבן דאָ געבויט זייער היים, נאָר טאַקע יידישקייט, דער יידישער גייסט, די יידישע שכינה. געקומען מיט אַ היים־געפיל און דאָ גענומען בויען אַ בעסערע דירה פאַר דער יידישער היים.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָרט היים, ווי אויך דאָס וואָרט גלות נוץ איך דאָ בלויז ווי באַגריפן פּסיכאָלאָגישע, אין זינען פון עמאָציע, ניט אין פּאָליטישן, יורידישן און אויך ניט אין עטנאָגראַפישן, קולטורעלן זינען. יידן זיינען געווען פאַרהיימישט אויך אין רוסלאַנד, פּוילן. און זיי האָבן זייער היים־געפיל מיטגעבראַכט. דערביי מוז מען קלאָר מאַכן:

היים־געפיל – וואָס מיינט דאָס וואָרט? – אַ ייד, יעדער ייד האָט זיין היים געפילט ניט דירעקט "אין אַמעריקע", נייערט קודם כל איז אַ ייד געווען גייסטיק איינגעהיימישט אין זיין יידיש פאָלק. און אָט דאָס יידישע פאָלק האָט אַ פרייע היים געפונען אין אַמעריקע. ראַכט זיך, אַז פון דער בבל־תקופה אָן האָבן יידן ניט געהאַט אַזאַ "פרייע", רואיקע היים ווי אין אַמערקיע. טאַקע ניט אומזיסט האָבן יידן זיך געבענטשט מיט אַמעריקע. עס זיינען געווען אַלע מעגלעכע באַרינגונגען יידן זאָלן איינשטעלן אין אָט דער נייער היים פון זייער געפיל אויך אַ היים אין סאָציאַלן זינען, אין קולטור־זינען, און במילא שוין אויך אין פּאָליטיש־יורידישן זינען. אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע וואָלט עס ניט געשטערט, וואָלט געלאָזן פריי בויען. אַזוי וואָלט עס געקאָנט זיין, אַזוי וואָלט עס געדאַרפט זיין. וואָרום: וואָס מיינט אַזוינס היים?

אין אַ היים איז קודם כל פאַראַן דאָס געפיל: איך בין "איך". דאָס איז די פאַרזיכיקייט פון געפיל. אָט די עמאָציאָנעלע פאַרזיכיקייט ברענגט צו אַ פאַרזיכיקן אויפפיר, צו אַ פאַרזיכיקן שטייגער: מיר פירן זיך ווי מיר זיינען געוווינט, ווי אונדז איז אָנגענעמער, ליבער. אַ מענטש מיט געפיל פון פאַרזיכיקייט קען ניט זיין קיין נאָכמאַכער. זיין לאָגיק

איז – דו ביסט דו און איך בין איך. דרך־ארץ פֿאַר דיין איך און דרך־ארץ פֿאַר מיין איך; מיר זיינען שכנים אין איין לאַנד, די זעלביקע געזעצן באַשיצן דיין פֿרייהייט צו זיין וואָס דו ביסט און ווי דו ביסט, און די זעלביקע געזעצן באַשיצן אויך מיך צו זיין וואָס איך בין און ווי איך בין. מיט איין מאָל האָט זיך די יידישע אימיגראַציע אַרויסגעריסן פֿון אמתער קנעכטשאַפֿט, פֿון הונדערטער יאָרן אונטערטעניקייט, אָפּהענגיקייט פֿון ווילן און קאַפּריזן פֿון מושלים, און די לעצטע הונדערט יאָר איז געווען אַ טאָפּעלע קנעכטשאַפֿט: אונטער רוסלאַנד – ווי אָרעמע בכלל און ווי פֿון אייביק פֿאַרהאַסטע יידן. אַ לאַנד געווען וווּ מען האָט זיך גערעכנט נאָר מיט די "ארעלע", וווּ די מערהייט פֿון פֿאָלק – די פּויערים – זיינען געווען פּשוטע קנעכט צום פֿאַרקויפֿן, און צו קויפֿן ניט בעסער ווי בהמות, ווי די נעגערס אין אַמעריקע. האָט מען דאָך ניט געקאָנט פֿאַרלאַנגען פֿון אָט די פּריצים־הערשער, זיי זאָלן זיך צו יידן באַציען בעסער ווי צו זייערע אייגענע פּויערים. און דערצו נאָך זיינען דאָס יידן, וואָס די שנאה צו זיי איז אַזוי אַלט ווי די גאַנצע רעליגיע און נאָך עלטער! און מיט איין מאָל: מעבדות לחירות, משעבוד לגאולה! אין אייראָפּע איז נאָך די פֿרייהייט פֿון יידן געווען פֿאַרבונדן מיט דער אַנולירונג פֿון יידישקייט. יחידים יידן ווי בירגער באַקומען אַלע פֿרייהייטן, אָבער יידנטום ווי אַ פֿאָלק – קיין רעכט ניט! דאָ, אין אַמעריקע, איז עס געווען פֿאַרקערט: קיין שטערונגען פֿון קיינעם. יידן קאָנען האָבן רעכט ווי יחידים און רעכט ווי אַ פֿאָלק. ווי איר ווילט, וואָס איר ווילט און וויפֿל איר ווילט. אַזאַ פֿרייהייט האָבן יידן ניט געהאַט אין דער קריסטלעכער וועלט קיין מאָל פֿריער. האָט אַ ייד פֿאַרטראַכט צו שאַפֿן אין אַמעריקע אַ צווייטע ארץ ישראל (מרדכי עמנואל נח מיט זיין "אררט"), האָט ער ניט געהאַט קיין דרויסנדיקע שטערונגען. עס זיינען געווען אָביעקטיווע מעגלעכקייטן צו בויען אַ צווייטע ארץ ישראל, אַ נייע ארץ ישראל אין די שטאַטן, אין קאַנאַדע, און נאָך מער – אין אַרגענטינע.

ארץ ישראל – מיינט דאָך פּשוט אַ לאַנד וווּ יידן לעבן פֿאַר זיך פֿריי און זיי זיינען ניט קיין שכנים ביי אַנדערע פֿעלקער. בלויז ריין סוביעקטיווע פֿאַקטאָרן האָבן געווירקט, אַז דווקא אין דעם ערקסטן, שווערסטן לאַנד איז געוואַקסן אַ יידישע פֿאַרזיכיקייט – אין דעם אַלטן ארץ ישראל. דאָס איז די פֿאַטאַלע ברכה אָדער קללה, וואָס האָט פֿאַרבונדן דאָס יידישע פֿאָלק דווקא מיט דעם לאַנד. יידן האָבן נאָך אין די טערקישע צייטן געדאַרפֿט ווי זיך אַריינגבענען אין לאַנד אַריין, קויפֿן יעדן שפּאַן ערד פֿאַר שווערע געלטער, קויפֿן יעדן טרונק וואַסער. דאָס לאַנד ארץ ישראל, וואָס האָט פֿאַרצייטן געשפּייזט עטלעכע מיליאָן באַפֿעלקערונג, וווּ אַפֿילו דער טרוקענער נגב איז געווען באַפֿעלקערט, דאָס לאַנד ארץ ישראל איז דורך די אַראַבער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן מדבר. אַ לאַנד איז תמיד אַ פּראָדוקט פֿון דער באַפֿעלקערונג. עס איז אַזוי ווי די באַפֿעלקערונג מאַכט עס. וויל מען דערקענען אַ פֿאָלק, דאַרף מען גיין אין זיין לאַנד. זעלטן אַ לאַנד זאָל אַזוי אָפּשפּיגלען דעם כאַראַקטער ווי די אַראַבישע פּאַלעסטינע האָט איינגעהיט דעם מדבר־כאַראַקטער. נאָך אין 1913 דערמאָן איך זיך אַן אַרטיקל פֿון אַן אַגראָנאָם, אַ פֿאַכמאַן, וואָס שרייבט, אַז פּאַלעסטינע קען קיין מאָל ניט באַשפּייזן אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַ מיליאָן איינוווינער...

## יצחק אלחנן ראָנטש

### מייסטער

ניט קיין הויקערדיקע קעמלען
דרעמלען
אין דעם מדבר פון דער ווייטן.
איבער בערג עס סטאַרטשען שפּיצן,
קריצן
אין זיך איין דעם גאַנג פון צייטן.

ניט פון העלפאַנטן די רוקנס
בוקן
זיך צו שטראָמען קוואַליק וואַסער,
ס'בייטן בערג פאַרנאַכט קאָלירן,
צירן
זיך אין פּורפּור־פּאַסן.

ניט די ווערק פון מענטשן־פינגער
זינגען
אויף די פעלדזן־בערג און טורעמס.
צויבער־צייט איר קונסט באַווייזט דאָ -
מייסטער
איבער מיליאַסן שטורעמס.

---

## שמואל דן

### נאָקטורן

לבנה־געוועב אויף טורעמס און הייזער,
איבער נאַכטיקע גאַסן, ווי זילבערנער שניי;
אויף שטאַטישן זייגער טונקעלע ווייזער,
שטייען און דרימלען און ווייזן אויף צוויי.

דאָס ווייטע געזאַנג פון נאַכט־קאַבאַרעטן
פאַלט לאַנגזאַם פאַרחלשט ביי טירן פאַרמאַכטע -
ווי היימלאָזע ליגן אויף ערדענע בעטן,
איבערגעדעקט מיט לבנהקער פלאַכטע.

ביי צעפאַלענע פענצטער, צעבויגענע דעכער,
פאַרשלאָפענע פאַלמען וויגן און וועקן;
אויף צווייגן און בלעטער, ווי צעריסענע פעכער,
זילבערנער פלאַטער פון לבנהקע פלעקן.

איך הער מיינע טריט, קוים ווי זיי גייען
אין זיגזאַגישן וואַקל ווי אַ שיכורער זעלנער.
איך שלעפּ זיך אַהיים אַליין - אין צווייען:
שפּעטער פּאָעט און פאַרמאַטערטער קעלנער.

מיט טעג אין גראַנגל אַ געשלאָגענער ריטער,
נאָר עס וואַרט נאָך אַ מאָרגן ביים שוועל פון מיין טיר.
און עס וואַרטן שוין איצט מיינע נאַכטיקע גיטער:
אַ שטוב אויפן בוידעם, פען און פּאַפּיר
און אַ זילבערנער דאַך איבער מיר.

זלמן שלאָסער

# דער ווײ־געשרײ פון אונדזער דור

דרײסיק יאָר נאָכן גרויסן חורבן, נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד, און דאָס געוויין פון אונדזער דור האָט זיך נאָך ניט אײַנגעשטילט. ביי דער מינדסטער דערמאָנונג פון אַזעלכע אומשולדיקע ווערטער ווי בערגען־בעלזען, אוישוויץ, דאַכאַו, נעמט אונדז אַרום אַ פחד און די טרערן נעמען שטיקן. מען בלייבט אָן אַ טרייסט און אָן אַן ענטפער פאַרן ווילדן גורל פון אַן אויסגעהרגעט און פאַרברענט פאָלק. צעבראָכן און טרייסטלאָז גייט דער דור אַוועק איבערלאָזנדיק אַ רייכע חורבן־ליטעראַטור פון אומקום און קינות.

טרערן טריקענען אויס און טרויער פאַרגייט. אַ נייער דור איז אויפגעוואַקסן זינט יענער צייט. וויפל פון אונדזער גרויליקן פיין קאָן דער נייער דור באַנעמען און ווי שטאַרק און ווי לאַנג וועט ער דאָס געדענקען?

אַ רייכע ירושה איז געבליבן. זיינען דאָ יורשים?

צווישן לאָס אַנזשעלעס און תל אביב, צווישן מעקסיקאָ און בוענאָס איירעס, מאָנטרעאָל און ניו־יאָרק לעבט אַ גייסטיק־רייך און ענערגיש פאָלק. עס מוזן זיין יורשים, יידישע יורשים – צו שעפּן גבורה און קדושה, גלויבן און שטאָלץ פון דער וואַרשעווער געטאָ; פון אַ מרדכי אַנילעוויטש, אַרבאַשאַ בלום, פון אַ יאַנוש קאָרטשאַק און אַ הלל צייטלין, און פון די טויזנטער אַנאָנימע העלדן פון פאָלקישן יחוס. עס מוזן זיין געטרייע יורשים, וואָס זאָלן קאָנען און וועלן טראָגן אין האַרץ יענע אויסערלעך רעזיגנירטע, טראָגיקע העלדישקייט, די פּחדפולע מוטיקייט און דעם טיפן גלויבן פון יענע זעקס טויזנט קדושים, וואָס זיינען געשטאַנען אַרומגערינגלט פון זייערע דייטשישע מערדערס ביי זייער אייגענעם אויסגראָב און האָבן אין לעצטן אָטעם אויסגעשריגן דעם שמע ישראל, דעם אחד.

כמעט אַלע יידישע פּאָעטן האָבן זייער ביטערן געוויין פון חורבן אַריינגעזונגען אין זייערע לידער. פון דער גרויסער צאָל יידישע דיכטער, וואָס זיינען "אין טרעבלינקע ניט געווען" און האָבן אויפגענומען דעם ווי־געשריי, טיילן מיר דאָ אויס דריי גרויסע יידישע דיכטערס, וואָס האָבן מער פון אַנדערע דאָ אין אַמעריקע קינסטלעריש פאַראייביקט אין וואָרט דעם גרויסן חורבן: אַהרון צייטלין אין זיינע צוויי בענד "לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן"; ה. לייוויק אין זיין באַנד "אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען". און יעקב גלאַטשטיין אין זיין זאַמלונג לידער "כ׳טו דערמאָנען". דאָס זיינען ביכער פון אַ הויכן קינסטלערישן און נאַציאָנאַלן ווערט, אַ ווירדיקער זכר לחורבן.

ווייט אַוועק פון גיהנום־לאַנד, אין זייערע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, יחידישע מעדיטאַציעס און אינדיווידועלן גייסטיקן געראַנגל צו געפינען אַ זין, אַ באַשייר, אַ טרייסט פאַרן מוראדיקן גורל וואָס איז באַפאַלן בוכשטעבלעך יעדן ייד אין דעם היטלער גיהנום האָבן די דריי פּאָעטן פאַרשטאַנען צו באַהעפטן זייער יחידשן געראַנגל מיט דער יידישער אייביקייט, מיט אמונה און נצח ישראל. לייוויק, גלאַטשטיין און צייטלין האָבן אויסגעוויייטיקט דעם חורבן אויף דעם סאַמע אינטימסטן, פּערזענלעכן אופן. עס וויינט און קלאָגט אַרויס פון זיי דער טיפער צער און טרויער פון זייערע נאָענטסטע, וואָס זיינען "אין טרעבלינקע יאָ געווען".

די אַזוי אומגלייבלעך שוידערלעכע ידיעות פון אומקום, וואָס האָבן לכתחילה

דערגרייכט צו אונדז דאָ אין אַמעריקע, האָבן אונדז אַלע אַריינגעוואָרפן אין אַ פינצטערן קאָשמאַר. אהרון צייטלין, וואָס האָט שוין דאַן געלעבט דאָ אין לאַנד, האָט גלייך דערפילט טיף, טיף אָט די שטימונג אין די עטלעכע שורות:

"איך וווין ביי יענעם, אויף דער עלפטער גאַס.

נאָר דאָס איז נישט מיין אמתער אַדרעס. איך וווין צווישן קאָשמאַר און משוגעת."

ה. לייוויק, וועלכער האָט כמעט אַלע זיינע יאָרן זיך געראַנגלט מיט דעם פּראָבלעם פון ליידן, פון קרבן־גרייטקייט און אויסליזונג האָט דאַן דערפילט, אַז ער דאַרף דאָס וואָרט און די צונג "וואַרפן אין פלאַם, ווו עס ברענען קרבנס גלידער," ווייל "וואָס דער קרבן האָט ביים לעצטן וואָרג געזען / קען קיינער היינט פאַר קיינעם נישט דערציילן". געטריבן פון יאוש און אוממאַכט זוכט דער דיכטער טרייסט און באַהעלטעניש "אין די פאַלדן פון בטחון" און איז גרייט פאַר זיין גורל:

"צו ווערן איינער פון גאָטס ערה –
באַדאַרף איך ווידער פון דאָס ניי
זיך לאָזן גיין צו דער עקידה."

הייס ווי זיין דיכטערישער באַגער איז געווען פאַר קרבן־גרייטקייט און שטאַרק ווי זיין ווונטש פאַר דער זכיה צו טיילן דעם גורל פון די פאַרפייניקטע, איז אים, לייוויקן, פונקט ווי אַהרון צייטלינען, ניט געגעבן געוואָרן אָט די געגאַרטע זכיה. בלויז איינער איז דאָס זוכה געווען, אַרטור זיגלבוים, וועלכער האָט אין לאָנדאָן זיך אַליין געבראַכט פאַר אַ קרבן, האָפנדיק אַז דאָס וועט פאַרטרייבן די שטילקייט און גלייכגילטיקייט פון דער וועלט און ברענגען רעטונג צו די יידן אינעם נאַצי־גיהנום. אַהרן צייטלין איז זיך מודה:

"כ'האָב נישט געהאַט די זכיה מיט מיין פאָלק צוזאַמען
צו גיין דעם וועג פון פלאַמען,
און ס'פּייניקט ווי אַ זינד נישט צו פאַרגעבן
די שולד פון בלייבן לעבן."

ער האָט אַ טרויעריקן געוויסן פאַר די לידער און גראַמען וואָס ער מאַכט און פון וועלכע ס'טראָגט זיך אַ יידס געשריי "און בלוט איז זיין טרער." ער פילט אַז זיין שולד פון "בלייבן לעבן" וועט אים פאַרסמען ביז ער וועט נישט פאָלגן איינס פון די דריי געשטאַלטן, וואָס זיינען גרייט אים צו באַהאַלטן: דאָס געשטאַלט פון קדושה, פון שגעון און פון זעלבסטמאָרד.

"נאָר זעלבסטמאָרד איז צו שטאַרק פאַר מיר, דעם שוואַכן,
מיין קליינקייט קאָן זיך קדושה נישט פאַרגינען,
און כ'קאָן אַפילו נישט אַראָפּ פון זינען."

נאָר וואָס פאַר אַ באַטייט האָט אַ קרבן יחיד געקענט האָבן אין אַ וועלט צעטיילט אויף מערדער און קרבן? און ווער אין זיין קלאָרן פאַרשטאַנד האָט דאָס געקענט באַנעמען. קלאָגט און וויינט יעקב גלאַטשטיין:

"אונדזער אומגליק וואַקסט מיט יעדער שעה
און מען גלייבט אונדז אַלץ נישט, אַז מיר זענען נישטאָ."

(פאַרגמענט)

ברכה קודלי

## פאַר נאַכט

באַרג און בוים שטייען פאַרטראַכט,
ס׳שפיגלט זיך אין טייך
אַ ראַזלער־זיסער וואַלקנשפיל
און וועקט אין מענטש אַ בענקענדיק געפיל,
אַ טונקעלער פליגל טוט אַ שוועב מיט פאַר
נאַכט.

אין בלויען שלייער פאַרשפינט
קומען בערג אַלץ נענטער צום טאָל
פלאַפלט עפעס דער פאַלמען־ווייער
צום טאַקט פון ווינט.

אַ ביסל וואַרעמקייט איז פאַרבליבן
אויף אָנגעגליטן שטיין,
אַ געשפאַנטקייט פאַרוויקלט אין שאָטנס
בלאָדזשעט אַרום
און זוכט לידער, וואָס זינגען זיך אַליין.

אַ בענקשאַפט טוט אַ פלאַטער,
ווינקט אַ שטערן צו אַ שטערן,
אַ וואַסער־קוואַלעכל פון באַרג
טוט די שטילקייט שטערן.

ישראל גובקין

## די זון אַ צעפלאַמטע

די פאַלמעס, פאַרגעלטע,
קוקן טרוקן, פאַרשטאַרט.
ווער האָט זיי
און אונדז דאָ
אַריינגענאַרט
אין אויפשטייג פון גרינען,
פון ווערן,
אין ריס פון ניט זיין?
און זע:
די זון אַ צעפלאַמטע
רייסט זיך שוין ווידער
אַריין...

ז. בונין

## האַרבסט

וואָס,
וואָס באַוויינסטו אַזוי דעם בוים,
באשר, וואָס,
ער ווערט פון ווינטן, רעגן,
אין האַרבסט
פון זיינע בלעטער אָפּגעשווילן;
און זיי וואַלגערן זיך, די בלעטער,
(דאַכט זיך ערשט געגריגט)
אונטער די פּיס
פון יעדן טרעטער!
נו,
און די בלעטער פון ד י י ן בוים,
ד י י נ ע בלומען,
ווו זיינען זיי אַהינגעקומען?
דער בוים וועט נאָך פון ס׳ניי,
זומערן און ווינטערן.
און פרילינגס אָן אַ צאָל
צום לעבן וועלן אים דערמינטערן.
און ווידער ציען וועט ער זיך
צום הימל,
צו די שטערן.
אָבער ד י י ן בוים
ד י י נ ע בלעטער -
קוים ווערן זיי אין האַרבסט
פאַרוועלקט -
צו זיי וועט מער קיין פרילינג,
זיך צוריק ניט קערן!

י. פּרידלאַנד

# סאַנדראַ

וואָס עלטער סאַנדראַ איז געוואָרן, אַלץ שטאַרקער איז איר באַגער געוואָרן צו זיין אין דער גרויסער וועלט־שטאָט, מיט אירע פּילצאָליקע מענטשן...

צו איר זיבעצנטן פרילינג איז סאַנדראַ שוין געווען אַ פול־אַנטוויקלט שיין מיידל, פון מיטעלן וווקס; געדיכט שיינע שוואַרצע האָר האָבן באַקרוינט איר שיינעם קאָפּ, פּאַרפּיקסירט לויט דער מאָדע פון דער צייט; טונקעלע, טיפע, שמייכלענדיקע אויגן; אַ מילד שיין פּנים און אין גאַנצן - אַ לויטער געשטאַלט.

אין אַ שיינעם פרילינג־טאָג האָט סאַנדראַ זיך אַריינגעכאַפּט אין דער באַן, אויפן וועג קיין סאַן פראַנציסקאָ - די שטאָט פון איר חלום. זי האָט געטראָגן אַ נעט געפּאַסטן אָנצוג מיט אַ בלוי "סיילאָר" היטעלע; דער הילוך האָט געפּאַסט צו איר שיין פּנים און שלאַנקער פיגור.

אַריינפאָרנדיק אין דער גרויסער סאַן פראַנציסקאָ, האָט זי דערזען דעם פּראַכט און גלאַנץ פון דער שטאָט, אין ממש, רעאַל. דער פּאַסיפיק האָט געגלאַנצט און שעמערירט אַנטקעגן דער פרילינג־זון; די בריקן און די גרויסע בנינים זענען געווען גראַנדיעזער און אויסטערלישער ווי זי האָט זיך געמאָלן אין דער פאַנטאַזיע. זי האָט געדונגען פאַר זיך אַ צוגענגלעכן צימער און תיכף זיך אַרויסגעלאָזן זוכן אַרבעט, וואָס וועט זיך מאַכן. טאָג־איין, טאָג־אויס איז זי געגאַנגען פון איין אַרבעטס־ביוראָ צו אַ צווייטער, האָט אָבער צו קיין זאַך ניט געקענט זיך דערשלאָגן. נאָך אַ פּאָר וואָכן פון אַרבעט זוכעניש און ניט געפינען זענען די עטלעכע דאָלער, וואָס זי האָט מיטגענומען פון דער היים, צערונען געוואָרן. ניט האָבנדיק דאָ קיין פריינד און נאָענטע, האָט זי מיט אַ מאָל דערפילט אַז זי איז דאָ היימלאָז און אַ פאַרוואָרלאָזטע. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט איר איצט געמאַטערט די האַרבע פראַגע: וואָס זאָל איך טאָן? צו וועמען זאָל איך גיין? און צו וועמען קאָן איך זיך ווענדן פאַר הילף?

במשך די אַכצן יאָר פון איר יונג לעבן האָט זי קיין מאָל ניט געוווסט פון אַזאַ פּראָבלעם ווי נישט האָבן אויף קיין עסן אָדער ווו איבערצונעכטיקן. אין דעם ווייטן, פאַרוואָרפענעם, כמעט איינזאַמען ווינקל ביי אירע עלטערן, האָט איר קיין זאַך ניט געפעלט. זי האָט געהאַט עסן צו זאַט, אַ דאַך איבערן קאָפּ; און דאָ, אין אָט־דער אויסגעחלומטער פאַר איר גרויס־שטאָט, צו וועלכער זי האָט זיך ממש געריסן און זיך געווונטשן צו ווערן אַ טייל פון איר, האָט זי איצט נישט קיין ווינקל ווו איבערצונעכטיקן... אין צימער ווו זי איז ביז איצט איינגעשטאַנען, האָט זי זיך נישט געקענט צוריקקערן, מחמת, ניט האָבנדיק מיט וואָס אָפּצוצאָלן דעם חוב וואָס זי איז שולדיק. צו די עלטערן שרייבן האָט זי זיך געשעמט, מחמת זיי האָבן לכתחילה זיך ביי איר געבעטן, אַז זי זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די פאַנטאַזיע וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן פאַר זיך אין דער גרויסער שטאָט.

וואַנדערט זי איצט אַרום גאַס־איין, גאַס־אויס, מיט אַ שווער געמיט און נאָך אַ שווערערן קאָפּווייטאָג, טראַכטנדיק וואָס דאַך צו טאָן.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן איז זי נאָכמער אומרואיקער געוואָרן: דער געדאַנק, אַז איר וועט אפשר אויסקומען אַזוי אַרומצוּוואַנדערן אַ גאַנצע נאַכט, האָט איר מוראדיק

געשראָקן און דענערווירט. זי האָט אָנגעהויבן גיין מיט גיכע טריט, ווי פון עמיצן געטריבן, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ העל־באַלויכטענער גאַס. פון דאָרט איז זי דערגאַנגען ביז די גאַסן פון דעם אָרעמען קוואַרטאַל, ווו ס'האָבן זיך געפונען ביליקע ביר־סאַלאָנען און טאַנץ־זאַלן. אין איר גאַנצער דאָרפישער אומשולד האָט זי אָבער תיכף דערפילט, כאָטש געווי ניט ווויסנדיק, וואָס פאַר אַ זינדיקע געגנט דאָס מוז אַוודאי זיין, און איז מיט אימפעט פון דאָרטן אַוועק.

אַרויסקומענדיק פון יענע גאַסן, איז זי אַריין אין אַ ווייניק באַלויכטענער גאַס מיט ביליקע האָטעל־הייזער. דאָ האָט זי באַמערקט אויף איין אַלטן בנין אַ שוואַך באַלויכטן שילדל מיט אַן אויפשריפט: "פופציק סענט פאַר אַ נאַכטלעגער." זי האָט זיך דערפרייט, אַזוי פיל האָט זי נאָך געהאַט אין איר באַזיץ. ווען זי איז צוגעקומען נאָענטער צום פּלאַץ האָט זי אָבער נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך אַרויפצוגיין די טרעפּ; עפּעס האָט דער פּלאַץ אָנגעוואָרפן אויף איר אַ מרה־שחורה: עס איז געווען אַלט און שמוציק, אַ פּלאַץ וואָס האָט סוגעסטירט זינד און פאַרברעכן. זי איז אַרומגעגאַנגען די געביידע אומאַנטשלאָסן. זי מוז דאָך אָבער פּאָרט האָבן אַ פּלאַץ ווו איבערצונעכטיקן! זי וועט דאָך נישט אַרומגיין אַזוי די גאַנצע נאַכט און וואַנדערן...

ענדלעך האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אַריין אין דער פּאָדערטיר פון דעם האָטעל. ברודיקע סקריפּנדיקע טרעפּ האָבן זי אַרויפגעפירט צום ערשטן שטאָק. ביי אַ טונקל־קאָלירלאָזן טיש איז געזעסן אַ מיטליאָריקער מאַן אין אַ ווייס־און־שוואַרץ קעסטלדיק העמד, ווי אַ שאַך־ברעט, מיט אַ רויכער־פּיפּקע אין זייט פון מויל. זיינע שווערע גרויסע פיס האָט ער געהאַלטן אויסגעצויגן אויפן טיש און פויל אַריינגעקוקט אין אַן אילוסטרירטן זשורנאַל. דער פּאַרשוין, ניט בייטנדיק זיין פּאָזיציע, האָט דער צעשראָקענער און שוויגנדיקער סאַנדראַ פויל און אַפּאַטיש אַ פרעג געטאָן וואָס זי וויל. סאַנדראַ האָט שטיל, שעמעוודיק, מיט אַ ציטער אין קול געפרעגט, צי ער האָט אַ בעט איבערצונעכטיקן. דער פּאַרשוין מיט דעם קעסטלדיקן העמד, ניט אַרויסלאָזנדיק די פּיפּקע פון מויל, האָט שמייכלענדיק און וואָוילינגעריש זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און כמעט ווי מיט רוגזה אַ זאָג געטאָן:

– ווייסטו דען נישט, אַז דאָס פּלאַץ איז בלויז פאַר מענער?

– אָ, אַנטשולדיקט, מיין טעות – האָט סאַנדראַ צעשראָקן און פאַרווונדערט זיך פאַרענטפערט. אין איר צערודערטן געמיט האָט זי אַפּנים פאַרזען אויף דעם שילד: "נאָר פאַר מענער".

דער פּאַרשוין האָט זיך מיט אַ מאָל אַ הויב געטאָן פון זיין פּלאַץ, פאַרכאַפּט פון עפּעס אַ געפיל, און אָנגעהויבן זי נאָכרופן:

– יאָ, יאָ, מיידעלע, קום אַרויף! פאַר דיר, מיין זיסקייט, וועל איך שוין געפינען אַ פּלאַץ!

די צעשראָקענע סאַנדראַ האָט שוין די לעצטע ווערטער זיינע נישט געהערט, אַרויסלויפנדיק פון דאָרטן ווי פון אַ פייער...

סאַנדראַ האָט זיך ווידער געפונען אין דעם פרעמדן דרויסן, און די האַרבע פראַגע וואָס צו טאָן איז פאַר איר געשטאַנען ווי אַ גרויליק, שרעקלעכער שד, וואָס וויל זי פאַרצערן... אַ מידע האָט זי זיך ווידער דערשלעפּט צו דער העל באַלויכטענער מאַרקעט־גאָס. דאָ האָט זי דערזען אַזויפיל שיין־דעקאָרירטע שויפענצטער מיט כלערליי שיינע הויז־זאַכן, רייכע קליידער, אַפּעטיטנע עסנוואַרגן, אַז ס'האָט ממש פאַרכאַפּט איר

לאָטי פּ. מלאך

# עד־דלא־ידע

באַקענט האָב איך זיך מיט מיין קליינער חברטע טשיפּל, בשעת זי איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ און מיטן הינטן אַרויף און געטרויערט אויפן קול נאָך אַ ניט אויפגעגעסענעם קליידל. דאָס איז געווען אין סאַמע ערב־פּורים – אסתּר־תּענית, גאַנץ פרי, אַ מאָל אין תּל־אָביב.

אין דרויסן האָט מען שוין געאַרבעט ביים צוגרייטן דעם פּאַראַד. מען האָט אָפּגעשפּאַרט די הויפּטגאַס, אַלענבי, מען האָט זי פאַרבויט מיט פּאַלאַצן פון טאָוול, ווענט און טויערן, ברייטע הויפן, מיט באַלקאָנען פון ברעטלעך. דערנאָך האָט מען דאָס אַלץ באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן, באַמאָלן מיט בילדער און אין דער מיט אַ הויכן טראָן פאַר אַחשוורושן, און איבער דעם אַלעמען האָט מען פאַרצויגן עלעקטרישע דראָטן און אָנגעצונגען קאָלירטע לעמפּלעך.

די קינדער האָט מען אַוודאי ניט געלאָזט פאַרשלאָפן דאָס געשעעניש. מען האָט זיי געדרופן און געמונטערט, געוועקט זייער פאַנטאַזיע. איין קלייניקייט: אַז מען האָט יאָ דערלעבט אויפצוהענגען המן הרשע, איז, קינדער, וואָס שווייגט איר? און די קינדער האָבן טאַקע ניט געשוויגן, זיי האָבן זיך געגרייט און געפּרייט, געטומלט און געזונגען. נו, יאָ. געשיכטע איז איין זאַך, אָבער אַ נשף וועט דאָך זיין; און נאָך וואָס פאַר אַ נשף, אַ גאַנצע עדלאידע (אַדלעיאַדע – פעסטיוואַל), אַ נשף אין מיטן העלן טאָג. די קינדער מיט זייערע פאָרשטעלונגען און פאַרווילונגען האָט מען אָפּגעפּטרט אַ טאָג פאַר פּורים, ווארעם דער "הייליקער" טאָג גופא איז באַשטימט געוואָרן פאַרן אמתן גאַסן־מאַסקנבאַל. דערווייל האָבן די קינדער געהאַט גראַגערס, רעשונים אויף עבֿרית, און זיינען אַ גאַנצע וואָך אַרומגעלאָפן מיט מאַסקעס אויף די פּנימלעך און גראַגערס אין די הענט און...

"הבה נרעישה רעש־־רעש־רעש,<br>
הבה נרעישה רעש־רעש־רעש –<br>
ברעשנים" – האָבן זיי פאַרצויגן מיט די הייזעריקע גראַגערס.

* * *

אַזוי איז עס געקומען דערצו, וואָס טשיפּל האָט געהאַט איר נשף פּונקט היינט, ערב־פּורים, ווען איר ניי קליידל איז נאָך ניט געווען אויסגעפּאַרטיקט.

איך האָב געהערט דורך דער וואַנט, ווען איר מאַמע איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, זיך געוואַשן און גענומען צוגרייטן עסן פאַרן קינד אויף אַ גאַנצן טאָג, וואָרעם ווער ווייסט ווען זי וועט היינט אַהיים קומען. אַ שטיקעלע הערינג, צוויי שטיקלעך ברויט אָנגעשמירט מיט פּוטער, אַ האַרט געקאָכט איי, צוויי רויטע טאָמאַטן און עטלעכע

---

אויג און "געוואַסערט" דאָס מויל... אַ סך פּאָרלעך, מענער און פרויען, האָבן געמיטלעך שפּאַצירט געאָרעמט; זאַטע, זאָרגלאָזע, פריילעכע און לאַכנדיקע; נאָר זי, איינע אַליין, אין דער גרויסער פאַרהאַרטעוועטער שטאָט פון שטיין און אייזן, איז דאָ עלנט, הונגעריק און פאַרוואָרלאָזט... אין אירע אויגן האָט זי דערפילט אַ פייכטקייט און אין האַרצן האָט געקלעמט אַ ווייטיק...

(פון דער סעריע: "אונטער אַמעריקאַנער הימלען". פראַגמענט)

גרינע ציבלקעס. זי האָט דאָס צוגערעקט מיט ליבשאַפט, איבערגעשפּרייט מיט אַ ווייסער סערוועטקע און אַריינגעשטעלט אין אייזקאַסטן. "צו געזונט דיר, מיין קינד, מיין איינציק קינד".

זי האָט צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג אויפגעוועקט טשיפּלען אַזוי פרי, איר עפּעס אָנגעזאָגט, געטרייסט, געבעטן און זי געפּרוווט איינעמען: "זע, טשיפּל, ס'איז ניט אַזוי שלעכט. אַזאַ יאָר אויף מיר ווי שיין דו ווערסט אויסזען". זי האָט דערביי אויסגעשפּרייט אַ ריין אויסגעוואַשן און אויסגעפּרעסט קליידל מיט צוויי שפּאָגל־נייע לאַטקעלעך אַריינגעזעצט ביי ביידע עלנבויגנס און איז אַוועק צו דער אַרבעט מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט געגאַנגען צו מזכיר־נשמות.

טשיפּל האָט געקוקט, געקוקט און גאָרניט געענטפערט. ערשט ווען די מאַמע האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך און טשיפּל האָט זי געהערט אַראָפּגיין די שטיינערנע טרעפּ, האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין. אָבער אַ געוויין...

איך קלאַפּ אָן אין וואַנט.

טשיפּל הערט ניט.

איך קלאַפּ אָן אין טיר.

זי ענטפערט ניט.

גיי איך אַריין –

זי זעט ניט.

נאָר ווי זי איז אַזוי געלעגן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין קישן און מיטן הינטן אַרויף, האָט זיך ממש געבעטן: "שמיר". האָב איך איר טאַקע דערלאַנגט אַ פיין "פּלעצל". דאָ האָט טשיפּל אויף אַ מאָל דערהערט און דערזען און דערפילט. זי האָט זיך געגעבן אַ קוצקע איבער, אַ זעץ אויף און פון אונטער אַ געדיכטער כוואַליע בראָנז־קאָלירטע האָר האָבן זיך אַרויסגעפּאַטלט אַ פּאָר אויגן, וועלכע האָבן מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט: "מי אַת?" – ווער ביסטו? "איך, איך בין דיין שכנה". האָב איך זיך גאָר געמיטלעך באַזעצט ביי איר אויפן בעט. זי האָט זיך אויך אויפגעזעצט, גלייך און גענומען שאַרן מיט ביידע הענט די האָר פון איר פּנים: "אין את מדברת עברית?" "לאָ". "דיין מאַמע רעדט מיט דיר אויך יידיש". מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט אַ לענגערע צייט און גאָר אויף אַ מאָל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דערנאָך האָבן מיר זיך ערשט אַרומגעזען אַז מיר ווייסן גאָרניט וואָס מיר לאַכן, האָבן מיר זיך ערשט רעכט צעלאַכט.

– איז וואָס־זשע האָסטו אַזוי שטאַרק געוויינט? – פרעג איך זי.

– ווייל... איך האָב ניט געוווּסט אַז דו ביסט דאָרטן דאָ. – ווייזט זי מיטן פינגער אויף דער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ איר צימער פון מיינעם.

– יאָ, אָבער צוליב מיר האָסטו דאָך ניט געוויינט.

–- איך האָב געוויינט, ווייל, ווייל... איך ווייס שוין פאַר וואָס.

– פאַר וואָס, טשיפּל, זאָג מיר אויך, האָב איך געפּרוווט צונויפנעמען אירע סאַמעטענע האָר – דו וויינסט ווייל די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען?

– הס, די אמא גייט דאָך אַרבעטן. נאָר ווען איך בין אַלט געווען פיר יאָר בין איך געבליבן אַליין און האָב ניט געוויינט – האָט טשיפּל זיך גענומען באַרימען.

– מיין אמא זאָגט, אַז איך בין אַ ילדה טובה (אַ וויל מיידעלע) איך וויין קיין מאָל ניט. נאָר... אַ מאָל, ביינאַכט, פאַרגעס איך זיך און וויין יאָ, קומט די אמא גלייך צו מיר אין בעט אַריין. נאָר ווען איך כאַפּ זיך אויף, טרעף איך זי שוין אַוועקגעגאַנגען. דעמאָלט

## פינטשע בערמאַן
# אין בלויען באַגינען

איז בלויען באַגינען, אין גאָלדן פרימאָרגן,
ווען ס'ברויזט אויף דאָס גאַנצע באַשאַף,
און נאַכטיקע טרערן זיי ווערן פאַרבאָרגן -
איך וואַנדער און וווּנדער, און גאַף.

איך וואַנדער און וווּנדער,מיט זון אין די אויגן,
דער הימל שוין פלאַקערט און גליט,
די ערד איז מיט סאַמעט מיט גרינעם פאַרצויגן,
און עס רייסט זיך פון האַרצן אַ ליד.

די שעהען זיי לויפן, די צייט איז אין פלאַטער,
און איך וואַנדער און וווּנדער און זינג;
עס שטראָמט דאָס געזאַנג, ווי די לאַווע פון קראַטער,
עס וויכערט, עס ברויזט, און עס קלינגט.

און אַזוי אין באַגינען, אין גאָלדן פרימאָרגן,
גייט אויף אין די בלוטן מיין ליד.
איך וואַנדער און זינג, ווי דער פויגל אָן זאָרגן,
און גאָט אַליין זינגט מיט מיר מיט.

---

וואָלט איך אַזוי שטאַרק געוואָלט אַז דער אַבא זאָל צו מיר אַריינקומען, אַך לרגע אחד (כאָטש אויף איין רגע) זאָל ער אַריינקומען. אָבער ער קומט ניט, דער אבא. די אמא זאָגט, אַז ער וועט שוין קיין מאָל ניט קומען. און איך וויין שוין קיין מאָל ניט - האָט דאָס קינד געכליפּעט.

- פאַר וואָס־זשע האָסטו פריער געוויינט?

- איצט וויין איך, ווייל, ווייל...

- פאַר וואָס, טשיפּל, דערציייל מיר, איך וויל מיט דיר זיין חברה.

- ווייל - מיט איין שאַר פון דער האַנט האָט זי ווידער אַרויסבאַקומען די צוויי גרויסע אויגן - ווייל די אמא איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און האָט גענייט אָט די אַלע משונהדיקע זאַכן - האָט זי געוויזן מיטן הענטל אויף אַ הויפן קאָלירן וואָס איז געלעגן אויפן דיל: גרויסע קופקעס מיט אָן אַ שיער פאַלבן; מיצן, מאַסקעס און היטלען ווי קוגלטעפּ, און וועסטן ווי טשערעפּאַכעס - און מיין קליידל, מיין איינציק קליידל האָט זי ניט אויפגענייט, בהו, בהו, און איך וועל ניט גיין צום נשף, בהו, בהו...

- אָבער טשיפּל, דו ווייסט דאָך די אמא - - -

- איך ווייס, איך ווייס - פאַלט טשיפּל אַריין אין די רייד. - די אמא דאַרף אַרבעטן אַ סך, ווייל זי פאַרדינט ווייניק. אָבער מיין קליידל, בהו, מיין איינציק קליידל. די מורה האָט אָנגעזאָגט, אַז אַלע "פּרינצעסינס" דאַרפן קומען אין ווייסע קליידלעך, און מיר דאַרפן טאַנצן אַרום אסתר־המלכה, בהו - האָט טשיפּל ביטער געוויינט און עס זיינען געפאַלן גרויסע קינדערשע טרערן.

# רעדאַקטאָרן פון "חשבון"

דער ערשטער נומער "חשבון" איז דערשינען אין יאַנואַר 1946 צום חנוכת־הבית פון דער נייער היים פון יידישן קולטור־קלוב אויף מאָנראָ־גאַס און צום 20־טן יאָרטאָג פון זיין אַנטשטייונג. די רעדאַקטאָרן זענען געווען: ה. רויזענבלאַט, יצחק פרידלאַנד און אליהו טענענהאָלץ. דער צווייטער נומער פונעם זשורנאַל איז דערשינען מיט פינף יאָר שפּעטער - אין אָקטאָבער 1951, צום 25־טן יובל פון קלוב, אונטער דער רעדאַקציע פון ה. רויזענבלאַט און יצחק פרידלאַנד, וועלכער איז געבליבן רעדאַקטאָר ביז צו זיין טויט, אין יאָר 1965. די נאָענטסטע פיר יאָר איז "חשבון" דערשינען יעדן אָקטאָבער צום אָנהייב פון דעם נייעם זמן פון קלוב. אַ. באַביטש, ל. מאַלטמוט און אַ. טענענהאָלץ זענען געווען מיטרעדאַקטאָרן.

אין 1955 האָבן וויליאַם נאַטאַנזאָן און נח גאָלדבערג, וועלכע זענען געקומען פון טשיקאַגאָ, געשאַפן אַ שרייבער־קרייז א.נ. "בוך און לעבן". מיט זייער הילף האָט "חשבון" גענומען דערשיינען פיר מאָל אַ יאָר. צוזאַמען מיט דער דיכטערין מלכה חפץ־טוזמאַן האָבן זיי געשאַפן אַ רעדאַקציע־ראַט. יצחק פרידלאַנד איז געבליבן הויפּט־רעדאַקטאָר.

נאָכן טויט פון יצחק פרידלאַנד איז דער 44־טער נומער "חשבון" דערשינען אין אַפּריל 1966 אונטער דער רעדאַקציע פון אַ. טענענהאָלץ מיט דער מיטהילף פון מלכה חפץ־טוזמאַן און ה. לאַנג. אין 1966 האָט די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל איבערגענומען דער שרייבער אריה פאַזי און זוסמאַן בונין איז געוואָרן רעדאַקציע־סעקרעטאַר. אין 1969 איז שמואל ווייס געוואָרן מיטרעדאַקטאָר, און אין אַפּריל 1973 איז צוקקאָאָפּטירט געוואָרן ווי מיטרעדאַקטאָר יצחק קאָלער.

דער אַפּריל־נומער 79-80 פאַרן יאָר 1975 איז געווען געווידמעט דעם אַכציקסטן געבוירניאָר פון אריה פאַזי. דעם נומער האָבן רעדאַקטירט א. גאָלאָמב, ש. ווייס, א. ראָבין און זלמן שלאָסער, וועלכער איז געוואָרן מיטרעדאַקטאָר און שפּעטער הויפּט־רעדאַקטאָר. זוסמאַן בונין האָט צו זיין 85־טן געבוירנטאָג באַקומען דעם ערן־טיטל סעקרעטאַר־עמעריטוס.

אָנהייבנדיק מיטן האַרבסט־נומער פאַרן יאָר 1977 זענען צו דער רעדאַקציע־קאָלעגיע צוגעצויגן געוואָרן שמואל ווייס און משה שקליאַר, און אין פרילינג 1985 - ישראל גובקין. נאָכן טויט פון זלמן שלאָסער, דעם 13־טן סעפּטעמבער 1986, איז דער דיכטער משה שקליאַר געוואָרן הויפּט־רעדאַקטאָר פון "חשבון".

**יוסף סאָסקי**

משה וואָלף

# די בונין־דינאַסטיע און דער "גילגול" פון איר ניגון

## א

"ימים חולפים ושנה עוברת ורק המנגינה, רק היא נשארת".
"עס פאַרשווינדן די טעג און ס'פאַרלויפן די יאָרן, און נאָר
דער ניגון, נאָר ער פאַרבלייבט".

(פון ז. שניאורס אַ ליד)

דער באַוווסטער יידישער פּראָזע־מייסטער יחיאל שרייבמאַן פירט אַרויס אין איינער פון זיינע דערציילונגען אַ ייד, אַ סטאָליער, וועלכער איז נישט מסכים מיט שלום־עליכמען, מיט זיין זאָג: "אַ מענטש איז געגליכן צו אַ סטאָליער. אַ סטאָליער לעבט, לעבט און שטאַרבט, און אַ מענטש לעבט, לעבט און שטאַרבט". דער אויפגעבראַכטער סטאָליער טענהעט:

...ניע פּאַניע שלום־עליכם... ניע סאָגלאַסיען! אַ סטאָליער שטאַרבט נישט!

פאַרשטייט זיך, אַז דער ראָזיקער ייד האָט זיך אויסגעדריקט בילדעריש. געמיינט האָט ער נישט דעם סטאָליער גופא, נאָר דעם סטאָליערס ווערק - זיין זכר. און דאָס איז דאָך טאַקע אַזוי. מער ווי 3500 יאָרן צוריק האָבן צוויי סטאָליערס - בצלאל בן אורי בן חור און אהליאָב בן אחיסמך - פון שיטים ביימער אויסגעהיבלט און אויסגעטאָקט דעם מזבח, דעם אָרון, דעם טיש, די טירן און טויערן פונעם משכן. (שמות ל"ו, ל'). פאַר אָט דער פאַרגאַנגענער צייט זענען חרוב געוואָרן וועלטן, צוויי מאָל - ירושלים און אויך דער בית־מקדש, אָבער די צוויי סטאָליערס לעבן עד היום. זייערע נעמען זענען פאַרבליבן אין זכרון פונעם פאָלק.

ס'פרעגט זיך, אָבער, וואָס פאַר אַ שייכות האָט יחיאל שרייבמאַנס סטאָליער צו דער געשיכטע פון דער בונין־דינאַסטיע און צום "גילגול" פון זייער ניגון?

- אַ זייער נאָענטן! - ווייל דער צענטראַלער גליד פון דער דאָזיקער "דינאַסטיע" איז אויך געווען אַ באַגאַבטער סטאָליער, זיין אַרבעט האָט זיך קאָטירט זייער הויך, און גערופן האָט מען דעם דאָזיקן סטאָליער יקותיאל זוסמאַן בונין. און כאָטש ס'איז שוין אַריבער יאָרן, ווי ער איז נפטר געוואָרן, לעבט ער נאָך ביז היינט. זיין נשמה איז "מגולגל" געוואָרן אין צוויי פּראָזע־און פּאָעזיע־ביכער און אין צוויי זיינע קינדער (סטענלי און יהודית).

- שטימט עס דאָך טאַקע! - "אַ סטאָליער שטאַרבט נישט".

- נו, און אַ ניגון? - אַ ניגון שטאַרבט אויך נישט?

- "אַ ניגון" -- לערנט אונדז י.ל. פרץ - "קען אויפשטיין תחית המתים" (...) "עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס יעדער דור שפּילט זיינס (...) דער אַלטער זיידע שפּילט סיני נגונים (...) דער פאָטער צעגייט זיך אין אַ גוט־יידישן שטייגער, דער זון ווייטער שפּילט שוין פון נאָטן" (...) "אַזוי ווי דער דור, אַזוי איז דער ניגון" (י.ל. פרץ. געקליבענע דערציילונגען. "אַ גילגול פון אַ ניגון", ז. 231)

## ב

אין די אויבן דערמאַנטע צוויי פּראָזע־און פּאָעזיע־ביכער (צו זייער אינהאַלט ווענדן

מיר זיך נאָך אומקערן), האָט דער ריכטער זוסמאַן בונין באַשריבן דעם אָפּשטאַם פון זיין פאַמיליע און, באַזונדערס, דעם אָפּשטאַם פון זיין טאַטן, אפרים יצחק, וועלכער איז, לויט זיין מיינונג, געווען אַ פּאָעט און אַ קאָמפּאָזיטאָר, "כאָטש ער האָט קיין מאָל ניט געלייענט "זשאַרגאָן און ניט געוווּסט פון נאָטן". אין אַ באַזונדערן טייל ("אפרים יצחק בונין. כתבים") פון זיין בוך "געזאַנג פון מיינע טעג" (1950 ז.ז. 123 - 159) האָט זוסמאַן בונין פאַרעפנטלעכט דעם טאַטנס לידער און נאָטן צו אַ ריי זיינע נגונים, וועלכע ער האָט פאַרהיט אין זכרון. און ער גיט צו: "זאָל דאָס וואָס איך פאַרעפנטלעך דאָ מיין פאָטערס כתבים און מיינע עטלעכע ווערטער רינען פאַר אַ מצבה אויף מיינע טייערע ניט פאַרגעסענע עלטערן".

אַזאַ ליבע און געטריישאַפט צו עלטערן אין אונדזער גיך לויפנדיקן און טומלדיקן לעבן איז באמת אַ זעלטענע דערשיינונג. מיר האָבן, אָבער, דאָס רעכט צו דערלאָזן, אַז זוסמאַן האָט פאַרעפנטלעכט דעם טאַטנס לידער נישט נאָר צוליב כיבוד אב ואם. ער האָט געטון דאָס אויך צוליב זיין ליבע און אינטערעס צום יידישן פאָלקלאָר, צו דער היסטאָריע און אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּאָעזיע און איר נגינה.

- ווער זשע איז געווען אפרים יצחק בונין?

אין דער שטאָט סאָסניצע, טשערניגאָווער גובערניע (אוקראַינע) האָט געלעבט אברהם דער קירזשנער. זיין ווייב האָט פון אים געבוירן דריי קינדער - אַ מיידעלע און צוויי יינגעלעך. אפרים איטשע איז געווען דער יינגסטער. ווען ער איז געוואָרן אַלט 3 יאָר האָבן די "כאַפּערס" מיט געוואַלד צוגענומען זיין פאָטער און אים אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט אין דער רוסישער אַרמיי. פון שרעק און צער איז די מאַמע פון די 3 קינדער געשטאָרבן. גוטע מענטשן האָבן די קינדער צוגענומען צו זיך. דעם יינגסטן פון די יתומים, דעם 5־יאָריקן אפרים איטשען, האָט אַריינגענומען צו זיך אַ פאַרפאָלק, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קינדער - אסתר די עקרה און איר מאַן - אַן אָרעמער שניידער, אַ ליידנשאַפטלעכער בעל־צדקה - משה דער שוואַרצער. צו דער צייט האָבן שוין די דאָזיקע גוטהאַרציקע מענטשן געהאָדעוועט אַ 2־יאָריקע יתומה, באַשקע. די קינדער האָבן זיך זייער גיך באַפריינדעט און מיט דער צייט פאַרליבט. און ווען באַשקע איז געוואָרן 14 און אפרים יצחק 17, האָבן זיי חתונה געהאַט און געבראַכט אויף דער וועלט 13 קינדער.

***

אפרים יצחק האָט פון קינדווייז אָן זיך אויסגעצייכנט מיט זיין כח־הדמיון און "אָפּענעם" מוח. ווען ער איז געוואָרן 10 יאָר אַלט האָבן אַלע מלמדים און די רבנים פון דער שטאָט דערקלערט, אַז ער האָט זיי איבערגעשטיגן, אַז עס וואַקסט אַן עלוי. אָן זייטיקער הילף האָט ער זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן יידיש. ער פלעגט חידושן די אַרומיקע מיט זיין זינגען און אויסזינגען די תהילים־און גמרא־פּרקים. פּלוצעם פלעגט ער זיך פאַרטראַכטן, זיך אויפכאַפּן און אַוועקגיין פון חדר אין וואַלד אַריין און דאָרט דערזינגען דעם איבערגעריסענעם ניגון.

באַלד נאָך דער חתונה איז ער געוואָרן אַ מלמד. כדי צו דערנערן דאָס הויזגעזינד איז ער אויך געווען אַ שמש אין שול און האָט געהאַט נאָך פאַרשידענע זייטיקע פרנסות: געניציוועט און איבערגעניציוועט קליידער, געמאַכט צייכענונגען און באַפּוצונגען פאַר הייזער, געשריבן כתובות און בריוו צו כלות און חתנים. ער פלעגט קיין מאָל ניט פרעגן וואָס צו שרייבן. ער האָט געשריבן פון זיך און שטענדיק צוגעטראָפן.

זוסמאַן כאַראַקטעריזירט זיין פּאָטער ווי "אַ קאַסריליק, אַ גרויסער וויצלינג, אַ תּלמיד־חכם און וווּנדערבאַרער דערציילער". דערצו נאָך פלעגט ער יעדע געשיכטע, יעדעס גלייכוועדטל אויסשפּילן. יעדע געשיכטע האָט געהאַט איר באַזונדערן גאַנג, איר באַזונדערן שניט, פול מיט ווייכן הומאָר און חוזק.

אָבער די געשיכטעס, און דאָס בריוו־שרייבעריי האָבן אים ניט געגעבן די פולע מעגלעכקייט זיך פאַרווירקלעכן, זיך אויסרעדן פונעם האַרץ. טאַקע צוליב דעם האָט ער אָנגעהויבן שרייבן לידער, מיט וועלכע "די קענער פון שטאָט פלעגן זיך אַרומטראָגן".

די לידער פלעגט ער שרייבן שפּעט אין דער נאַכט: "ביים שיין פון אַ קאַנציל, וואָס ראַכט זיך, עס שעמט זיך פאַר זיין אייגן ליכט" (...) "ער איז פאַרטראָגן אין גאָר אַן אַנדער וועלט און פילט ניט אין הויז די קעלט און ניט דעם ווינט, וואָס פייפט און ברומט" (...) "ביז עס הייבט ניט אָן אויף טאָג שאַריען, האָט ער שוין אַ פּאַרטיק ליד, צו וועלכער ער פאַרפּאַסט מעלאָדיען". ("פון פרילינג ביז האַרבסט" 1965, ז' 288)

דאָס רוב פון אפרים יצחקס שאַפונגען זענען געווידמעט באַשטימטע משפּחה און געזעלשאַפטלעכע געשעענישן. אָפט זענען דאָס בריוו צו קינדער און פריינד און יום־טוב לידער, תּמיד אָנגעפילטע מיט וואַרעמע געפילן, מיט הומאָר און זעלבסט־איראָניע.

אָט ווי אַזוי דער אָרעמער מחבר באַשרייבט זיינע באַמיונגען אָפּצונאַרן און אַרויסטרייבן דעם דלות פון זיין הויז:

"עס איז פשוט שרייבן אין די גאַזעטין... / איך האָב אַנומלט געדאַרפט פון הזוי אָפּטרעטין, / האָב איך אַ טראַכט געטאָן אין דער גיך / איך וועל נעמען דעם דלות מיט זיך / אפשר וועט ווערן אין דער היים אַ ליכט אין די אויגן" (...)

דער דיכטער לאָזט זיך אַוועק אין ווייטן וועג און איז זיכער, אַז דער דלות גייט אים נאָך, "און אפשר דער פּרא־אדם, דער שוטה וועט זיך פאַרקוקן אויף די דאַמען די רייטע, וועל איך עס גאָר מאַכן די פּליטה" (...). עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז דער דלות האָט אָפּגענאַרט דעם דיכטער. ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים און געעפנט די טיר, האָט זיך דער דלות צעלאַכט:

"אומזיסט האָסטו נחת געקליבן / איך בין לכתחילה אין דער היים געבליבן. / דאָס האָסטו מיין שותּף דעם שלים־מזל / מיט זיך געפירט, / - נו מיינע פריינט וואָס זאָגט איר היינט / טאָמער האָב איך געוואָלט דער דלות זאָל פון מיר אַראָפּ / נאַ דיר נאָך אַ שלים־מזל אויף מיין קאָפּ".

די דאָזיקע פשוטע, דערציילערישע פּערזן זענען אָנגעשריבן געוואָרן מער ווי מיט 100 יאָרן צוריק. זיי זענען אינטערעסאַנט פון פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן. קודם כל אַנטפּלעקן זיי די סאָציאַלע באַדינונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען - געלעבט און זיך געראַנגלט די אָרעמע יידישע מאַסן. זיי אַנטדעקן אויך אייניקע שטריכן פון דעם מחברס פּערזענלעכקייט און זיין שעפערישן טאַלאַנט. ער איז באמת אַ "קאַסריליק" - אַן אָרעמער, אָבער אַ פריילעכער און ווילמוטיקער מענטש, פון וועלכען עס שפּריצט אַרויס דער ספּעציפיש יידישער הומאָר, געפּאָרט מיט אייגן־חוזק.

די פּערזן דעמאָנסטרירן אויך, אַז דער מחבר פאַרמאָגט קינסטלערישע פעיקייטן און טאַלאַנט צו דיכטן - ניט נאָר פשוט שרייבן גראַמען, נאָר אויסדריקן זיי אין געוויסע ריטמען און קלאַנגען, און אויך שילדערן סאָציאַלע דערשיינונגען מיט דער הילף פון צוגענגלעכע בילדער (דער דלות - אין געשטאַלט פון אַ פּרא־אדם, אַ שוטה), וועלכע

אַנטשפּרעכן דעם פּאַרטכאַכט און דעם געמיט פונעם ליד.

נאָך מער איבערצייגעווודיק זענען די בילדער, וועלכע שילדערן דעם דיכטערס אומעטיקע לאַגע, וואָס איז פאַרבינדן מיט זיין מלמדות און מיט די "באַלעבאַטים פון דער שטאָרט", וועלכע דערנידעריקן אים און צאָלן ניט דעם שכר־לימוד צו דער צייט:

"דער באַלעבאָס זאָרגט זיך נאָר פאַר זיך, / אַז עס זאָל אים גאָר ניט פעלן אין זיין קיך. / אי וואָס דער מלמד האָט אַ הויז מיט שפּאַקעס, / וואָס קריכן אַרום הונגעריקע ווי די ראַקעס,/ עפּענען די מיילער און שרייען עסן!"...

אין די קורצע פערזן איז געשילדערט אַ דראַמאַטישע סיטואַציע. זי איז געמאָלט מיט טונקעלע פאַרבן און אָנגעפילט מיט טרויעריקע קלאַנגען. דאָ דאַכט זיך איז שוין ניט צו שפּאַסן. אָבער אויך אין דער דאַזיקער נויט־סיטואַציע איז דער דיכטער ווייט פון יאוש. פון דער דיכטערישער פען טריפט אַרויס זיין שמח בחלקו־געפיל, זיין נטיה צו שמייכלען, לאַכן דורך טרערן.

"כדי די צרות פאַרגעסן" גייט דער מלמד אַוועק אין שול אַריין. דאָ פאַרטיפט ער זיך אין אַ בלאַט גמרא און פאַרציט זיין אייגענעם גמרא־ניגון, וועלכער דריקט אויס די קעגנזעצלעכע מיינונגען פון די שטענדיק פּאָלעמיזירנדיקע תנאים. און ווען ער קומט צו זיך, דערזעט ער, אַז ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, כאַפּט ער זיך אויף און לויפט אַהיים צו די הונגעריקע "שפּאַקעס". און ווען ער קומט אַריין אין שטוב:

"דערוויס איך שוין – דעם הייזעריק, דעם שלאָפנדיק. / אָבער ברוך השם, שטיל אין שטוב, / און איך אַליין שווייג מיר שטיל – / וואָרום די "זי" קען מיר פאַרטיילן אַ חלק נאָך מער איידער איך וויל".

פול מיט אַנגסט איז אָנגעפילט אַן אייגנאַרטיקע פּאָעמע – דער פּסח־בריוו, וואָס דער עלנטער דיכטער האָט פאַרפאַסט און אַוועקגעשיקט צו זיין מיזינק, וועלכער האָט פאַרלאָזט די עלטערן און איז אַוועק קיין אַמעריקע. אין דעם דאַזיקן בריוו "לבני הנחמד כמר יקותיאל זוסמאַן, נ"י" מאָלט דער דיכטער די טראַגעדיע פון טאַטע־מאַמע, וואָס זענען פאַרבליבן אויף דער עלטער אַליין, אָן איין קינד. די טראַגעדיע האָט דער דיכטער מייסטעריש אַריינגעוועבט אין דעם סדר־פירן און אין דער הגדה של פסח, וועלכע ער דערציילט אויף זיין אייגענעם אופן און באַזינגט מיט זיין אייגענעם ניגון. צוזאַמען מיט זיין אַלטיטשקער "זי" טרינקט ער די ארבע כוסות און שלינגט טרערן. ער דערמאָנט יעדעס קינד, שטעלט זיי אַוועק אויף דעם אָרט פון די אַרבע בנים". דער דיכטער בייזערט זיך אויף זיינע זין, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די עלטערן און זיי איבערגעלאָזט "אָן א ווו און אָן אויף וועמען, אָן כוחות און אָן קרעפטן". און דאָך, אַז עס קומט צום "ברוך הבא", צו דעם אויפנעם פון אליהו הנביא, וועלכער באַווייזט זיך אין דער צעעפנטער טיר, קערט זיך אום דער פאַרלאָזטער פאָטער צו אים מיט זיין פערזענלעכער בקשה:

"הערט רעב עליע / גיוויינטלעך ווערט איר זיין באַ מיינע קינדער / וועט איר מוחל זיין זיי לאָזן ווישן, / אַז דורך אייך לאָז איך זיי גאָר האַרציק גרישן".

באַזונדער מוזן אָפּגעמערקט ווערן אייניקע לידער – קליינע פּיעסן: "דער אָרעמאַן", "די אַרעסטאַנטן", פורים־לידער און אויך אַנדערע, צו וועלכע דער דיכטער האָט צוגעפּאַסט זיין אייגענע מוזיק. יעדן יאָר ערב פורים פלעגט אפרים יצחק בונין פאַרפאַסן אַ נייע פורים־ליד. דערנאָך פלעגט ער מיט אַנדערע מלמדים פון דער שטאָט זיך איבערטאָן אין די קליידער פון די מגילת אסתר־פּערסאָנאַזשן, גיין פון הויז צו הויז

און דאָרט זיי אויסטאַנצן און אויסזינגען:

"אין דעם טאָג האָט געשעהן / זייער גרויסער ווונדער / מיט די אויגן האָט געזען יעדערער באַזונדער. / לויבט גאָט פאַר זיין גבאָט / אויף זיין הצלה. טאַנצט, שפּרינגט / שוועבט, טרינקט אויף המנס מפּלה"

אויף אַזאַ אופן פלעגט ער זאַמלען מעות חטין־געלט פאַר אָרעמע לייט אויף מצות פאַר פּסח.

אפרים יצחק בונין איז נפטר געוואָרן אין 1929־יאָר, אין עלטער (לויט אונדזער אויסרעכענונג) פון 81 יאָר.

די ציטירטע "כתבים" אין זייער אָריגינעלן אויסלייג מיט זייער דעמלטיקער לעקסיק האָבן אַ געוויסן ווערט פאַר דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פון אונדזער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. ווען מיר נעמען אין אַכט די צייט, 100 – 150 יאָר צוריק, די קולטורעלע און סאָציאַלע אומשטענדן, אין וועלכע עס האָט געלעבט דער פּאַרפאָסער פון די דאָזיקע "כתבים", מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז ער איז געווען אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט, אַ באַשאָנקענער מיט אַ דיכטערישן טאַלאַנט. די לידער זיינע זענען געשריבן אויף דעם יידישן דיאַלעקט פון דער פּראָווינץ. אין וועלכער ער האָט אויסגעלעבט אַלע זיינע יאָרן. זיי זענען אויסגעפילט אין דעם זשאַנער פון פאָלקס־ליד. די פערזן זענען לייכט און אָפט באַצירט מיט מוזיקאַלע ריטמען און קלאַנגען. דאָס גיט רעכט צו מיינען, אַז א.י. בונין איז געווען איינער פון יענע "אַנאָנימע" פּאַרפאַסערס. פון וועלכע עס האָט געשלאָגן דער טיפער קוואַל פון פאָלקס־חכמה, פון פאָלקס־שאַרפזין און חוזק – איינער פון יענע, וואָס האָבן באַפּערלט דעם יידישן פאָלקלאָר.

ג.

זוסמאַן בונין, אפרים יצחקס בן־זקונים, געבוירן דעם 13 יאַנואַר 1890, אין שטעטל מענע (20 ווערסט פון סאָסניצע), איז געווען דער 12־טער און גרעסטער אין דער משפּחה. פון קינדווייז אָן האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט זיינע אַרטיסטישע פעיקייטן, מערקווירדיקן זכרון און באַפליגלטער פאַנטאַזיע. פרי זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן יידיש און רוסיש. ביז 12 יאָר זיך געלערנט אין חדר, 3 יאָר געווען אַ קלעזמער – געשפּילט אויף דער וואַלטאָרניע, דערנאָך געלערנט זיך סטאָליעריי. אַ סך יאָרן געאַרבעט אין דעם פאַך און מיט דער דאָזיקער "מלאכה מלוכה" געהאָלפן אויסהאַלטן די גרויסע משפּחה. זייער יונג ווערט ער פאַרכאַפּט מיט די "נייע ווינטן", וועלכע האָבן זיך צעבלאָזן אין "דער פינצטערער הערשאַפט פון רוסלאַנד", ער געפינט דעם וועג צום "בונד", לערנט אָרעמע אַרבעטער לייענען און שרייבן און הויבט אָן פאַרצייכענען אייגענע שורות און פערזן. ווען ס'דערנענטערט זיך די צייט זיך צו שטעלן צום "פּריזיוו", אין 1911, עמיגרירט ער קיין אַמעריקע. דער גורל פאַרוואַרפט אים קיין פאָרט־וואָרד (טעקסאַס), ווו עס וווינען עטלעכע אָפּגעשטאַנענע יידישע משפּחות – קרעמערס, פּעדלערס, שמאַטע קלייבערס און אַ רבי, וואָס לערנט די קינדער אָן עלעמענטאַרן העברעיש. דער נאָך "גרינער" ז. בונין פירט אַריין אין דעם דאָזיקן "היברו אינסטיטוט" קאָנצערטן פון יידישע פאָלקס־לידער, לערנט די קינדער יידיש, גרינדעט אַ יידישע ביבליאָטעק. צוזאַמען מיט עטלעכע חברים שאַפט ער דאָרט אָן "אַרבעטער־רינג" ־צווייג. אין פאָרט־וואָרד פאַרנעמט זיך זוסמאַן מיט סטאָליעריי און אַ קורצע צייט מיט געשעפט און... הערט נישט אויף צו שרייבן לידער.

אין 1923 פֿאָרט ער אַריבער קיין לאָס אַנדזשעלעס. דאָ ווערט ער באַלד געזעלשאַפֿטלעך אַקטיוו, נעמט אָנטייל אין דער גרינדונג און אין דער קולטור־אַרבעט פֿון לאָס אַנדזשעלעסער ליטעראַרישן קלוב און אויך פֿון דעם זשורנאַל "חשבון".

אין 1950 דערשיינט זיין ערשט לידער־בוך "געזאַנג פֿון מיינע טעג" און אין 1965 – דאָס צווייטע, "פֿון פֿרילינג ביז האַרבסט" (פֿאַרלאַג "מנורה" תל־אביב) זוסמאַן בונין איז נפֿטר געוואָרן דעם 11־טן נאָוועמבער 1987.

*

זייער פֿרי האָט זיך צעשפּילט זוסמאַן בונינס איינגעבוירענער כוח־הדמיון, זיין נייגונג צו שרייבן אין גראַמען און זיין ליידנשאַפֿטלעכע ליבע צו נגינה. די ראָזיקע אייגנשאַפֿטן האָט ער געערישנט פֿון זיין טאַטן, אַרום וועלכן ער פֿלעגט זיך פֿון קינדוויַיז "אַרומדרייען און ווי אַ מאַלפֿע נאָכמאַכן". אָבער ווי עס איז באַוווּסט, כּדי גערשנטע גייסטיקע אייגנשאַפֿטן זאָלן פֿאַרווירקלעכט ווערן, מוזן זיי האָבן גינסטיקע קוואַלן און אַ פּרוכטיקן באָדן, פֿון וועלכע זיי דאַרפֿן דעראָבערן די נייטיקע נאַרהאַפּטיקע שטאָפֿן. ניט אומזיסט האָט ח. נ. ביאַליק זיין באַוווּסט ליד "שירתי" אָנגעהויבן מיט דער שורה "התדע מאין נחלתי את שירי" – "צי ווייסט איר פֿון וואַנען איך האָב דעראָבערט מיין ליד". "פֿון וואַנען" און נישט פֿון וועמען. "דעראָבערט" און ניט געירשנט. זוסמאַן בונין האָט ניט נאָר געירשנט, ער האָט זייער פֿיל דעראָבערט.

אויף דער פֿראַגע "מאין" – "פֿון וואַנען" ענטפֿערט ער אַזוי:

"פֿון קינדוויַיז אָן האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך די בענקענדיקע לידער, וואָס די "פּאַרובקעס", "דיוּוטשאַטעס" און גלאַט פֿאָלקסמענטשן פֿלעגן זינגען און אויסגיסן אין זיי זייערע ביטערע הערצער פֿאַר דער בעריאָזע, טאָפּאָליע און ווערבע, און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז דיביימער וויינען מיט זיי" ("פֿון פֿרילינג ביז האַרבסט", 1965 ז. 9).

זוסמאַן בונין דערציילט, אַז אים האָט שטענדיק געצויגן צו קלעזמערס. ער פֿלעגט זיי נאָכלויפֿן "אויף פֿאַראַרדן און חתונות". באַלד נאָך דעם פֿאַרלאָזן דעם חדר (צו 12 יאָר) גיט אים אָפּ זיין טאַטע צו דעם שטאָט־קלעזמער שליאָמען. ער לערנט אים שפּילן אויף דער "אַריסטאָקראַטישער צווישן די מעשענע כּלים, וואָלטאַרניע". פֿון דעמאָלט אָן "האָט זיך אַ נייע וועלט פֿאַר מיר געעפֿנט". דאָרטן דערלערנט ער דעם נאָטן־כּתב. באַקאַנט זיך מיט די טאַקט־ציילונגען און זייער באַטייט פֿאַר דיכטונג – און מוזיק־קאָמפּאָזיציע. אַ געוואַלדיקן רושם מאַכן אויף אים די פֿידלען און קלאַרנעטן, וועלכע האָבן "ממש געוויינט, געלאַכט און גערעדט". אים פֿאַרכאַפּן די ניגונים פֿון די מאַזורקעס און חופּה־מאַרשן, די טרויעריקע "דאָברידיענס", און די "כּלה־באַדעקנס". זיי גייען אים נאָך זיין גאַנץ לעבן.

אין זיינע 70־ער יאָרן, אין טעג פֿון בענקשאַפֿט שרייבט ער:

"אָט זע איך דאָס הויז פֿון ר' שליאָמע דעם קלעזמער<br>איך שווער, אַז איך הער די קאַפּעליע.<br>איך שפּיל די וואָלטאָרניע, און הער דעם טראָמבאָן,<br>עס הייבן זיך טענער צו סטעליע.<br>עס הייבן זיך טענער צו סטעליע, און שליאָמע<br>ער שטייט מיטן סמיק איבער מיר:<br>"עך טאַ־טאַ, עך טאַ־טאַ, אַ רוח אין דיין טאַטן,<br>קיין לייט וועט ניט זיין שוין פֿון דיר".

איז טאַקע קיין לייט שוין פון מיר ניט געוואָרן
אומזיסט פון די נאָטן געליטן.
און גאָר אין מיין יוגנט, האָב איך די וואָלטאָרניע
אויף זעג און אויף הובל פאַרביטן"

צוליב אַ טראַגי־קאָמישן צופאַל (אָן אויסגעבראָכענעם פערערשטן צאָן) רייסט זיך איבער זוסמאַנס קלעזמערישע קאַריערע. מיט גרויס האַרצווייטאָג און פאַרדראָס פירט אַוועק אפרים יצחק זיין אַנטוישטן און צערודערטן מיזיניק צו דעם אָרטיקן סטאָליער ער זאָל אים אויסלערנען זיין מלאכה. ער לערנט זיך און דינט דעם לערער, זיין ווייב און זיין הויזגעזינד גאַנצע צוויי יאָר.

לערענדיק זיך די "מלאכה־מלוכה", דעראָבערט דער פעיקער שילער ניט נאָר לעבנס־דערפאַרונג, נאָר אויך מאַטעריאַל און נייע מאָטיוון פאַר זיין רייפנדיקער נגינה. זיין מוזיקאַליש אויער נעמט אויף די סטאַקאַטעס פון דעם "קלאַפּ־קלאַפּ העמערל", און די דיסאָנאַנסן, וועלכע עס שרייען אַרויס די זעג און דער שורשענדיקער הובל. צוזאַמען מיט זיין האַרץ־בענקשאַפט נעמט ער זיי אַריין אין זיין בראשיתדיקן קלאַנג און גראַם־פאַרמעג, אַרבעט זיי איבער און וועבט זיי אַריין אין נייע שאַפונגען, וועלכע ער פאַרטרויט נאָר זיין טאַטן און זיינע נאָענטסטע פריינד. פון די לידער פון דער ראָזיקער צייט איז צו אונדז דערגאַנגען נאָר איינע. ער האָט זי פאַרפאַסט אויף דער שיף, וואָס פירט אים אין דער נייער וועלט אַריין. באַווירקט פון מאָריס ראָזענפעלדס ליד "אויפן בוזים פון ים", שרייבט זוסמאַן בונין אַ פּאָעמע, אין וועלכער ער שילדערט דעם ים־שטורעם:

"ווילדע וואַסער־בערג,
אַריבער די מאַטשטן געשטורעמט
הימל און וואָלקנס האָבן מיט אים
יד אחת געמאַכט" (...)
און ווער ווייס ווי לאַנג, עס וואָלט
אַזוי נאָך פאַרבליבן,
ווען נאָר אַ פּאָר יידן קומען ניט צום שכל
און תהילים זאָגן גענומען,
און גויים עטלעכע האָבן זיך געצלמט"(...)
און דער שטורעם האָט זיך אָפּגעשטעלט"

ווי עס איז צו זען, פאַרמאָגן שוין די ציטירטע פערזן שחרית - סימנים פון דיכטונג, קערנדלעך פון בילדערישער שילדערונג, געוויסע פרוון פון געמאָסטענע ריטמען און נייע מאָטיוון. און דאָך זענען זיי נאָך געצנוג רוי און אומבאַהילפיק. אין תוך זענען זיי ניט ווייט אַוועק פון דעם טאַנטס - אפרים יצחקס כתבים: דער זעלבער פערזן־בוי, דער זעלבער דערציילערישער נוסח. דער זעלבער ניגון.

במשך פון די ערשטע 12 "אַמעריקאַנער" יאָרן, נישט געקוקט אויף דער שטענדיקער פרנסה־פאַרהאַוועניש, פאַרנומענקייט מיט פאַרשידענע משפחה־זאָרגן און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, הערט ניט אויף זוסמאַן די שווערע דיכטערישע עבודה - דאָס "דעראָבערן" און דאָס שלייפן זיין אייגענעם ניגון. ער לייענט, שטודירט און לערנט אויף אויסנווייניק די מאָדערנע פּאָעזיע.

באַזונדערס צעבליט זיך זוסמאַנס דיכטערישער טאַלאַנט אין די יאָרן פון זיין לעבן

אין לאָס אַנדזשעלעס. די שטאָט, דער פּאַסיפישער אָקעאַן, די שלאַנקע פּאַלמעס און די אייביק מיט שניי־באַדעקטע בערג־שפּיצן האָבן געמאַכט אויף אים אַ געוואַלדיקן איינדרוק. ענדלעך פּאַלט ער אַריין אין אַ שעפערישער סביבה, נאָך וועלכער ער האָט "יאָרן לאַנג געבענקט". דאָ באַפריינדט ער זיך מיט די באַוווסטע שרייבערס און ריכטערס ה. רויזענבלאַט, ש. מילער, ל. שאַפּיראָ, פּ. בערמאַן, י. בראָנשטיין, יונה ראָזענפעלד, מלכה טוזמאַן א.א., זיי אַלע האָבן אים וואַרעם אויפגענומען און סטימולירט זיין דיכטערישן טאַלאַנט. מיט זייער הילף פאַרעפנטלעכט ער זיינע צוויי ביכער.

די דאָזיקע צוויי לידער־זאַמלונגען האָבן אַנטפּלעקט פאַר דעם יידישן לייענער אַ באַגאַבטן דיכטער, וועלכער האָט געשאַפן אַ היפשע צאָל לידער, אָנגעזאַפּטע מיט חנעוודיקער פּשטות, מיט ווייכן הומאָר, מיט פּאָלקישער גוטמוטיקייט, מיט תמימותדיקע ליבע־געפילן:

„אין די שאָטנס פון די קעניאָנס,
אין די פאַלדן פון די בערג,
וואָס האַלטן
סודות אונדזערע באַהאַלטן.
אין יעדן רויז,
אין יעדן בלומען בלעטל,
וועלכע וואַקסן ביי דיין פענצטער,
בליען ביי דיין טיר
בליט אַרויס מיין דינסטע ליבע
צו דיר"

די דאָזיקע ליבע־ליד, געווידמעט זיין געליבטער, האָט דער דיכטער פאַרפאַסט אין די ערשטע חדשים נאָך זיין באַזעצן זיך אין לאָס אַנדזשעלעס (1923). עס איז לייכט צו באַמערקן, אַז די פערזן אָטעמען מיט נייע ריטמען און קלאַנגען – פון זיי זינגען אַרויס איידעלע געפילן, איינגעהילטע אין אַ נייעם לירישן ניגון.

זוסמאַן בונין איז דורך אויס אינטים אין זיינע לידער. זיי זענען שטענדיק געוועגדט און פול מיט צוטרוי צום לייענער. ער טיילט זיך גערן ניט נאָר מיט זיינע פריידן, נאָר אויך מיט זיינע אַנגסטן און טעותן. און ווען ער ווערט געשטרויכלט מיט אַן אַנטוישטער ליבע, געפינט ער די נויטיקע ווערטער און דעם פּאַסיקן שטילן, אומעטיקן ניגון:

„...וואָלט אונדזער באַגעגעניש
אַנדערש געווען
ווי צוויי פייגל,
וואָס צלמען איבער די לופט
אין בלינדן געאייל אין דער נאַכט
און פליען אַוועק צו נעסטן צו צוויי –
וואָלט בעסער געווען!"

אָנגעפילט מיט ווייטיק, צער און בענקשאַפט זענען די לידער, פאַראייניקטע אין אַ באַזונדערן ציקל "געהייליקט ליבעלעס אָנדענק". דער דיכטער האָט זיי פאַרפאַסט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם טראַגישן און פריצייטיקן טויט פון זיין פרוי. ("ווען איר וועט קינדער מיינע", "אַכטער יאָרצייט", "אין שוואַרצן טו זיך אָן", "אין די צווייגן פון די

ביימער", אַ חתונה־איינלאַדונג"). אין זיין ליד "ווען איר וועט קינדער מיינע" שילדערט דער דיכטער זיין אומגליק מיט דראַמאַטישע, סטערעאָסקאָפּישע בילדער: די צווייגן פון די ביימער "זעען אויס, ווי הענט אין צער פֿאַרבראָכן", "ווו געשטאַנען איז אַ בעט, ווייגט אַ ליידיק שטיקל ווינט, ווי עס ווייגט אַ ליידיק אַרבל, וואָס פֿאַרלוירן האָט זיין האַנט", פון דער פּוסט געוואָרענער פרויען־שאַנק "שרייט אַרויס אַ שטומער חלל, ווי פון אַ שאַרבן אויגן אויסגערונען", און "עס טריפן טראָפּנס פון אַן אָנגעשפּאָלטן טאָפּ (...)" – מיינע טרערן־טראָפּנס טראָפּ נאָך טראָפּ" (1965, ז. 226)

לאַנגע יאָרן דויערט זיין ווייטיק און דאָס טריפן פון זיינע טרערן־טראָפּנס, און ווען ער קומט צום אַכטן יאָרצייט באַזוכן ליבעלעס קבר, דערציילט ער איר:

"ליבעלע:<br>
ס'האָט זיך היינט מיר געדאַכט,<br>
מעפיסטאָ האָט געלאַכט,<br>
ווען איך האָב פֿאַרנומען דאָס געוויין<br>
פון דיין פֿאַרשניטן נאָמען<br>
געקריצט אויף טויטן שטיין.<br>
ניין!<br>
ניט דער שטיין,<br>
ניין!<br>
ניט דער שטיין,<br>
מיין האַרץ האָט געוויינט!"

די ראָזיקע ליד ווייזט, ווי ווייט איז מגולגל געוואָרן דער אַלטער בונין־ניגון. עס איז פֿאַרשוווּנדן די פריערדיקע באַריידעוודיקייט, די לייכטזיניקע באַציונג צו ריטמען און די אומבאַהילפיקייט פון דעם גראַם. אָנשטאָט זיי זענען געקומען וואָרט־שפּאָרעוודיקייט, געמאָסטענע ריטמען און שטרענגע קאָמפּאָזיציע, אויסגעפּילט אין דער פֿאָרעם פון מיניאַטור.

זוסמאַן בונין האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט די ענגע דלד אמות פון יחידישער זעלבסט־צופרידנקייט, אָדער זעלבסט־פּייניקונג. אין זיינע לידער געפינען מיר ליבשאַפט צום מענטשן, האָפענונג פאַר אַ גערעכטער וועלט, פאַר ברודערשאַפט. שלום און ליבשאַפט צו דער נאַטור. איינע פון די שענסטע און צאַרטסטע לידער הייסט "נאָקטורן", צו וועלכער ער האָט געשאַפן זיין אייגענע מוזיק:

"איך שטיי ביי מיין פענצטער און קוק אין דער נאַכט<br>
עס הערט זיך פון ערגעץ קיין ריר ניט, קיין קלאַנג.<br>
איך ווייס ניט, און קען ניט מיין אומעט דערקלערן:<br>
איך ווייס נאָר, אַז עפּעס טוט האַרציק מיר באַנג.

הינטער מיין פענצטער, אויף זיידענע פליגל<br>
באַוועגט זיך די נאַכט, אַזאַ מילדע, אַ שטילע<br>
מיין פענצטער ווערט פלוצעם אַ הייליקער עמוד,<br>
און איך, פון דעם צויבער אַרום, דער בעל־תפילה."

זוסמאַן בונינס נאַטור־לידער דריקן אויס זיינע ברכי־נפשי געפילן. דער דיכטער

באַזינגט דעם פרילינג און דעם האַרבסט, דעם ים און די לבנה, די בערג און די טאָלן. אָבער די נאַטור אַליין פאַר זיך איז ניט דער הויפּט־מאָטיוו פון זיין ניגון. אין צענטער פון זיין ליד שטייט שטענדיק דער מענטש מיט זיינע חלומות און געפילן.

פון זיינע יינגסטע יאָרן האָט זוסמאַן בונין תמיד זיך געפילט ווי אַן אינטעגראַלער מיטגליד פון זיין פאָלק און פון זיין דור. אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט ער פאַרפאַסט אַ צאָל לידער וועגן דעם שוידער און חורבן פון דעם יידישן פאָלק. דעם דיכטער פאַרפאָלגן די שאָטנס פון מיידאַנעק און טרעבלינקע, מאַרשירנדיקע מילאָנען פאַר שיך, וועלכע "קאָנען אין ערגעץ קיין רו ניט געפינען":

"עס גייען מאַרטירער פון וואַרשעווער געטאָ:
זיי וועלן דורך דורות ניט ווערן פאַרגעסן (...)
"די צייט וועט די וווּנד פון מיין פאָלק דאָך פאַרהיילן
עס וועט זיך צעשטראַלן אַ העלער באַגין,
נאָר דיך וועט די מענטשהייט מיט עקל דערמאָנען:
געוועזן איז אַמאָל אַ מכשפה־בערלין.

(געזאַנג פון מיינע טעג, ז. 37–39)

צו יענער צייט געהערן אויך ז. בונינס פראַכטפולע איבערזעצונגען פון רוסישע מלחמה־זינג־לידער. ("וואַרט אויף מיר", "טאַטשאַנקאַ", "טיכעלע בלויע", א.א.א.) ווען דער היסטאָרישער ווידערגעבורט פון מדינת ישראל האָט פאַרכאַפּט די הערצער פון די יידן אין דער גאָרער וועלט, און די יונגע מלוכה איז באַלאַגערט געוואָרן פון די אַרומיקע אַראַבישע מלוכות, האָט דער פּאָעט זיך אָפּגערופן מיט אַ ריי פּאַטריאָטישע לידער. זוסמאַן בונין קומט קיין ארץ ישראל, באַזוכט די הייליקע ערטער און אויך די ישובים און קבוצים פון דעם יידישן לאַנד, און ברענגט פון דאָרט אַ גרויסע צאָל באַגייסטערטע לידער. ("פון פרילינג ביז האַרבסט". ישראל־לידער, ז.ז. 211–224).

זוסמאַן בונין האָט אויך געשאַפן צאַרטע לידער, געווידמעט זיינע קינדער. דער דיכטער דרינגט אַריין אין זייער וועלט־באַנעם, פאַרשטייט גוט זייערע געפילן און באַגערן. די ראָזיקע לידער בעטן זיך אַריינגענומען ווערן אין כרעסטאָמאַטיעס פאַר קינדער. אָט איז אַ ליד, געווידמעט זיין קליינינקן זון סטענלי:

"איך בין אַ גוט יינגעלע
איך האָב געפאָלגט דער מאַמען.
– און ווער איז דען געוועזן דאָ שלעכטס?
– דאָס בערעלע מסתמא.
אַי איז דאָס אַ שטיפערל
אָט דער טעדי – בערעלע:
אַ טישטעכל האָט ער צעשניטן
מיט דער מאַמעס שערעלע
ניט געוואָלט די קאַשע עסן
און די מילך פאַרגאָסן
מיט אַ ביבי־גאַן אין קיך
אַ שייבעלע צעשאָסן.
און אין רעגן און אין בלאָטע
וויל ער נאָר זיך שווענקען.
דאַרף מען אים אַריינשמייסן,
אַז ער זאָל שוין געדענקען.

אַזאַ איז אויך די ליד, וואָס ער האָט פאַרפאַסט פאַר זיין טעכטערל רזשורי (יהודית).

ווי עס איז צו זען, טיילן זיך אויס די קינדער־לידער ניט נאָר מיט זייער ריטעם און מיט זייערע אַליטעראַציעס, נאָר אויך מיט זייער מוזיק. און דאָס איז שוין נאָך אַ העכערע מדרגה אין דעם גילגול פון דעם אָנפאַנגלעכן בוניך־ניגון.

און די צייט גייט, און די צייט לויפט... און אָט איז שוין געקומען די עלטער – די

זקנה. "אַ לעבן איז באַלד שוין פֿאַרגאַנגען. מיין קאָפּ איז באַרעקט שוין מיט שניי". מיט ציטערנדיקע הענט רייסט אָפּ דער ריכטער דאָס לעצטע בלעטל פֿון קאַלענדאַר. און די יאָרן "רינען אויס אויך, ווי צעגאַנגענער שניי"... אָבער זוסמאַן בונין באַרויערט נישט די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. "ניט די נעכטנס, ניט די היינטס, ביי מיר די מאָרגנס, ווי די פּערל זיינען טייער". ווי פֿריער לעבט ער מיט צאַפּלדיקע שעהן פֿון פֿריינדשאַפֿט, מיטן באַוווסטזיין, אַז ער איז געווען נוצלעך פֿאַר יעדן, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין זיין הילף, אין זיין וואַרעם וואָרט און אין זיין ניגון.

צום סוף מוזן מיר באַטאָנען, אַז אונדזער עסיי שעפּט ניט אויס אַלע אַספּעקטן פֿון זוסמאַן בונינס אינהאַלטרייכן לעבן און שאַפֿן. מיר האָבן בלויז אין פּרט פֿון "פֿאָטער און זון" פֿאַרגעשטעלט איינעם פֿון די מעגלעכע אַנטוויקלונגס־וועגן פֿון דער יידישער ריכטונג פֿאַר די לעצטע 100-125 יאָר – ווי אַזוי און וואָס איז באַשטאַנען דער "גילגול" פֿון ליד און ניגון, וועלכע עס האָט אָנגעהויבן ריכטן און זינגען דער פֿאַרשלאָסענער אין תחום המושב פּשוטער פֿאָלקס־מענטש, אפֿרים יצחק, און נאָך אים – זיין זון, זוסמאַן בונין, וואָס האָט במשך פֿון די לעצטע 75 יאָרן געלעבט און געשאַפֿן אין איינעם פֿון די גרעסטע אַמעריקאַנער קולטור־צענטערס, אין לאָס אַנדזשעלעס. פֿון דעם, וואָס עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו דערציילן, דרינגט אַרויס, אַז זוסמאַן בונין האָט ניט נאָר "געירשנט", נאָר האָט פֿאַרוואַנדלט דעם טאַטנס פֿאָלקלאָרישן ניגון אין רייכע פּאָליפאָנישע ריכטונגען, וועלכע האָבן אַריינגענומען און אַרויסגעהויכט די ווייען און פֿריידן פֿון זיין דור. אין דעם באַשטייט זוסמאַן בונינס צוגאָב אין דער יידישער פּאָעזיע און איר נגינה.

ד.

און דאָס "גוטע יינגעלע" סטענלי (געבוירן 1932 אין לאָס אַנדזשעלעס), וואָס האָט שטענדיק "געפֿאָלגט דער מאַמען" האָט באמת געפֿאָלגט דעם טאַטן – געלאָזט זיך לערנען יידיש און באַקומען יידישע דערציונג (גראַדוירט פֿון דער לאָס אַנדזשעלעסער יידישער מיטל־שולע), לערנט זיך שפּילן פּיאַנאָ, חתונה געהאַט מיט אַ יידישער טאָכטער (אַ טענצערן און אַ זינגערן), וואָס האָט אים געבוירן צוויי זין (רזשעף און קאַראָ), 35 יאָר געאַרבעט ווי אַ לערער אין פֿאַרשידענע יידישע שולעס און אין "אַרבעטער־רינג" אָרגאַניזאַציעס.

סטענלי בונין האָט אָבער קיין מאָל ניט געשריבן קיין לידער און ניט פֿאַרפֿאַסט ניגונים, און ניט געקוקט אויף דעם, געהערט ער צו דער בונין־דינאַסטיע, און לויט אונדזער מיינונג, נעמט ער אָנטייל אין דעם גילגול פֿון זיין זיידנס און טאַטנס ניגון.

כדי דאָס צו באַנעמען, מוז דאָ דערמאָנט ווערן, אַז סטענלי איז אויסגעוואַקסן אין דער צייט פֿון אָנגרייפֿנדער אַסימילאַציע. אין דער אייביקייט איז אַוועק דאָס רוב פֿון די ריכטערס, שרייבערס און קולטור־טוערס, אַרום וועלכע עס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גייסטיק־יידישע לעבן אין אַמעריקע. עס האָבן זיך פֿאַרמאַכט די יידישע שולעס און דער יונגער דור איז אַוועק אין "פֿרעמדע גערטנער". ביז היינט דויערט נאָך דער אונטערגאַנג פֿון די אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס. נאָר אין איינציקע אַמעריקאַנער שטעט, און בתוכם אין לאָס אַנדזשעלעס, זענען פֿאַרבליבן געציילטע ליטעראַרישע געזעלשאַפֿטן, וועלכע פֿירן אַן אומדערמידלעכן קאַמף פֿאַר דעם ווייטערדיקן קיום פֿון דער יידישער שפּראַך און קולטור. אין די אָנגעוויזענע באַדינונגען פֿאַרבלייבט אַן ערשט־ראַנגיקער

חוב אויפצוהיטן איבערגעבליבענע ירושה - דאָס יידישע ליד און ניגון, און געבן זיי אַ תקון - "אַן אָרט דעם קאָפּ ווו אַנידערצולייגן" (י.ל. פּרץ) אָט דעם חוב באַמיט זיך אויסצופּילן סטענלי בונין.

שוין 8 יאָרן היט ער געטריי אָפּ דעם טאַטנס (און ניט נאָר זיין) אָנדענק - לייענט, זינגט און שפּילט אויס די איבערגעלאָזטע לידער און ניגונים. ער איז אַן אָפטער גאַסט אין די קלובן פון אָראַנזש קאַונטי, פּאַלם ספּרינגס, צפון־קאַליפאָרניע און אַריזאָנאַ. ער ברענגט אַריין פרייד און טרייסט אויך אין די מושב־זקנים הייזער, ווו ער איז משמח מיט זיינע קאָנצערטן די עלנטע, קראַנקע מענטשן, וועלכע ווינען דאָרט. זיין רעפּערטואַר באַשטייט פון פאַרשידענע לעקציעס־קאָנצערטן. צווישן זיי: "די יידישע קולטור אין לאָס אַנדזשעלעס", "דער יידישער הומאָר", "די לידער פון די אַרבעטער־פּאָעטן" (דוד ערעלשטאַט, מאָריס ווינטשעווסקי א.א.) "דאָס לעבן און שאַפן פון די יידישע קאָמפּאָזיטאָרס אין לאָס אַנדזשעלעס (יוסף שראַגין, יעקב ווייַנשטאָק א.א.)", "די פּאָעזיע און מוזיק פון שלמה גאָלוב", "דער איינפלוס פון דעם יידישן זינג־ליד אויף מיין זעלבסטבאַוווסטזיין (אידענטישקייט)" א.א.

סטענלי בונינס אַרויסטרעטונגען ווערן אָפּט מגולגל אין קאָלעקטיווע זעלבסטטעטיקייט־אָוונטן. געוויינטלעך הויבט ער אָן זיין לעקציע ניט זיכער, אַ ביסל שעמעוודיק. נאָר אָט האָט ער זיך באַהערשט און עס גייט אַוועק אַ פריינדלעכער שמועס מיט זיינע צוהערער. באַזונדערס ווערט ער באַגייסטערט, ווען ער זעצט זיך צו צו דער פּיאַנע. ער הויבט אָן זינגען און דער עולם כאַפּט אונטער דעם ניגון. און עס קומט פאָר אַ נס - דער כמעט פאַרגעסענער ניגון לעבט אויף. ..."און עס ווערט דעם ניגון שוין ענג. ער רייסט זיך דורך פענצטער אין גאַס אַריין", אין די הימעלן... "אויב ניט נאָך העכער".

### עפּילאָג

אין 1905 איז קיין מאָסקווע געהיים געקומען אַ רעוואָלוציאָנער, שמואל בונין* אין 1924 איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ זון, ריוואָל, וועלכער האָט פון קינדרווייז אָן אַרויסגעוויזן וווּנדערלעכע מוזיקאַלע פעיקייטן. צו 6 יאָרן האָט ער שוין גוט געשפּילט פּיאַנאָ און צו 8 - פאַרפאַסט אייגענע מוזיק. ער איז באַערט געוואָרן מיט דעם טיטל "פאַרדינסטפולער קאָמפּאָזיטאָר פון (געוועזענעם) סאָוועטנפאַרבאַנד". ער האָט באַשאַפן אַ ריי אָראַטאָריעס, קאַנטאַטעס, סימפאָניעס און די באַוווסטע אָפּערע "דאָבראָוואָלצי" ("פריייוויליקע"). אין אַלע זיינע ווערק האָט דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר אַריינגעבראַכט יידישע ניגונים, וועלכע ער האָט אין דער קינדהייט געהערט פון זיין טאַטע־מאַמע. אין 1976 איז רעוואָל בונין געשטאָרבן. איינער פון זיינע זין, אַלעקסאַנדער בונין איז אַ באַוווסטער פּיאַניסט.

עס איז ניט אויסגעשלאָסן. אַז אויך די מאָסקווער בונין־פאַמיליע איז אַן אָפּצווייג פון דער אויבן באַשריבענער דינאַסטיע. נאָר דאָס איז שוין אַ באַזונדערע מעשה, וואָס דאַרף אויסגעפאָרשט ווערן.

---

*זע "קאָמפּאָזיטאָר בונין: נעכטן היינט, מאָרגן", "סאָוועטיש היימלאַנד" (רוסישער אָפּטייל) 1991, נומ. 9, ז.ז. 40-44

רחל בוימוואָל / ירושלים

## מיין מאַמעס ליד

וואָלט איך פרעגן ביי מיין מאַמען
ווי עס ענדיקט זיך דאָס ליד –
איז זי דאָך אויף דעם בית עלמן.
וויי, דאָס ליד גערענק איך ניט...

וואָלט איך מינטערן מיין מאַמען,
און איר פרעגן יענעם שטעל –
ווייס איך טיף ביי זיך אין האַרצן,
אַז שוין גאָרנישט ניט איך וועל...

און פון דעם, וואָס גאָרנישט וועל איך,
מיך באַפאַלט אַ וויסטע שרעק
כ'ווייס: צו מיין אַנשטומטער מאַמען
וועל איך שטומערהייט אַוועק.

און דאָס ליד, וואָס זיך דערוויסן
פון איר מויל האָב איך געהאַפּט,
וועט אַזוי שוין בלייבן הענגען אין דער
לופטן
אָן אַ סוף...

סעפּט. 94

## יידישער בטחון

פאַראַנען טעג, וואָס מאַכן זאַט ווי ברויט.
זיי מעגן זיין ניט אָנגעשמירט מיט פוטער.
דער לאַבן ברויט איז אַזאַ גוטער,
אַז איך פאַרגעס פון מאָרגנדיקער נויט.

און אימפּעט איך באַקום צו אויפטאָן
עפּעס מער,
ווי מיינע שוואַכע כוחות מיר דערלויבן.
כ'ווער זיכער דאַן, אַז דעם וועמען ס'איז
שווער
וועט מיר געלינגען אויפהויבן צום גלויבן.

פאַרנאַכט נאָך יווירט אין מיר דער
אינדערפריי,
מיר דוכט, איך טראָג די וועלט אויף די
שפּיץ פינגער.
וואָס דאַרף איך דען? דער טאָג מיינער איז
הי,
דער טאָג מיין קייסער איז, און איך – זיין
זינגער.

זאָל זיין עס גיט זיך איין איין גוטע שעה,
איז דאָס אַ רייכטום דאָך אָן
אומגעהערטע!
כ'זאָג אָן דער גוטער שעה אַז איך בין דאָ,
און האָב פאַר איר אַ שלל מיט פרישע
ווערטער.
מיין פרייד איז באָדנלאָז? – איר מאַכט אַ
שפּאַס!
דער באָדן פאַר מיין פרייד איז ניט פון
איצטער,
כ'האָב זי ניט צופעליק געפונען אויף דער
גאַס,
זי שטאַמט פון דודס פּאַלאַצן צעבליצטע.

מיין יומטבדיקער יידישער ביטאָכן –
איך וויל ער זאָל מיר דינען אינדערוואָכן!

אַפּריל, 94

חנן קיעל / ניו־יאָרק

## געבענטשטער ווײַן

רעגן־טראָפּ אויף גראָזיקע לאָנען,
רעגן־טראָפּ אין מײַן דורשטיק געמיט
ניגונט אַ ליד.

יונגשאַפט,
אָפּגעבליט שוין מײַנע קנאָביקע הענט,
די פליגל פאַרברענט.

פרילינג־טוי אויף סטעפּעס צעוויגטע,
אין פרעמדן געוואַלגער פאַרגלותטע
יאָרן
גליט אין זכרון.

צעשויבערטע ליבע, געבענטשטער ווײַן,
בלי־שפּורן, וואָס אין מײַן עלטער
פאַראַנען
זאָלן נישט וויאַנען.

רעגן־שפּריי טריפט אין די בלוטן,
אין האַרץ - אַ געפּויק פון האָגל־שטיין
אין מידן פאַרגיין.

אין שאָטן־טאָל מיט דיר כ׳האָב נישט
מורא,
ווען פייגל זינגען אויף בלוטיקע צווײַגן
ס׳געזאַנג פון שוויגן.

געפאַנגען אין נעץ מײַן בלענדיקע

## אין פרילינג געמיט

פון די מרחקים נאַקעט און הויל
געקומען צו פליען אַ היימישער סלאָוויק
מיט אַ בשורה־לידל אין מויל;

האָט ס׳פייגעלע פאַרלוירן די פוכיקע
פעדערן,
איז דעם לידל געוואָרן קאַלט
און ס׳פייגעלע - גרוי און אַלט.

*

אין בלומענפּאַרק זײַנען די שפּערלעך
גלגולים פון אויסגעצאַנקטע יאָרן,
אין בלומענפּאַרק כ׳בין אַליין

אַ נסימדיקער שפּערל
אין געטשווירק פון טרויעריקע
פייגל־כאָרן.

*

אויף דער גאָלדענער חתונה אין געבלימלטן קלייד
וויינט די ווערבע־מחותנעסטע פון פרייד,
מימאָזן־בלעטער ציטעריקע טאַנצן אין שלאָף
און די בעז־ביימער ווינטשן זיך מזל טוב.

אין ווייסן געשלייער די כלה־פרילינג שפּאַנט
אויפן קאָפּ זי טראָגט אַ רויזן־קראַנץ
און מיר, די מידע נחת־שעפּער אויפן באַנק
חלומען אַ ברוגז־טאַנץ.

שרה ליינער

# דער אוצר שבת*)

וויל מען דערקענען אַ פֿאָלק, דאַרף מען זיך איינקוקן אין זיינע יום־טובים, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר, ווי דאָס פֿאָלק פֿייערט זיי און פּירט זיך אין די דאָזיקע טעג.

אַלע פֿעלקער האָבן יום־טובים, ווייל אָן יום־טובים איז דאָס לעבן זייער אומעטיק; איין טאָג איז ענלעך צום צווייטן, אָן אונטערשייד. ס'גייט אוועק איין טאָג, ס'קומט דער צווייטער, ווידער דער זעלבער; מען אַרבעט, מען לויפֿט, מען טאַראַראַמט, מען רייסט איין וועלטן; יעדער טאָג - די זעלבע דאגות.

די טעג זענען גרוי, מאָנאָטאָן, אָן קאָליר, אָן פֿייערלעכקייט, און דאָס לעבן איז פּוסט אָן אַ זין.

די יום־טובים פֿאַרזיסן דאָס לעבן, זיי ברענגען אַריין פֿרייד, אינטערעס. אַפֿילו דאָס וואַרטן אויף דעם יום־טוב און דאָס צוגרייטן אים איז שוין אָן איבערייס פֿון די מאָנאָטאָנע טעג.

מיר יידן האָבן אונדזערע ספּעציפֿישע יום־טובים. מיר האָבן מועדים, חגים וזמנים; ווען מיר ווינטשן זיך איינע די אַנדערע זאָגן מיר "מועדים לשמחה, חגים וזמנים לששון".

מיר האָבן יום־טובים, וואָס שטאַמען פֿון גאָר אַלטע צייטן, וואָס זענען פּראָקלאָמירט געוואָרן, לויטן חומש, אויפֿן הר סיני. די מועדים זענען געבונדן צו נאַטירלעכע, יערלעכע סעזאָנען, ד.ה. צו דער זון און צו דער לבנה, ווי ראש חודש, ראש השנה און יום כפור, ווי עס זאָגט זיך אין חומש בראשית - ווען ג' האָט באַשאַפֿן די ליכטער אין הימל (זון, לבנה) "והיו לאותות ולמועדים ולימים ושנים". - זיי זאָלן זיין ווי צייכנס פֿאַר צייטן און פֿאַר טעג און יאָרן. די 5 יום־טובים דערמאָנטע אין חומש זענען: פּסח, שבועות, ראש־השנה, יום כפור און סוכות.

חוץ די 5 יום־טובים דערמאָנטע אין חומש זענען צוגעגעבן געוויסע יום־טובים, וואָס דאָס פֿאָלק אַליין האָט איינגעשטעלט, ווי פֿייערטעג פֿון געוויסע היסטאָריש - נאַציאָנאַלע געשעענישן, ווי חנוכה, פּורים, ל"ג בעומר, ט"ו באב. די זענען איינגעשטעלט געוואָרן דורך די אנשי כנסת הגדולה. איצט האָבן מיר בעזרה' יום העצמאות, וואָס האָט נאָך ניט קיין איינגעשטעלטע פֿאָרם פֿון פֿייערונג.

***

שבת אָבער איז דער ערשטער, דער עלטסטער און וויכטיקסטער כי הוא יום תחילה למקראי קודש; די אידעע פֿון שבת ליגט אין יסוד פֿון אַלע יידישע יום־טובים נאָך איידער די תורה איז געגעבן געוואָרן און איידער די יידן זענען אַ פֿאָלק געוואָרן. גלייך ביים אָנהייב פֿון בריאת העולם, ווען ג' האָט באַשאַפֿן די וועלט אין די 6 טעג, איז געקומען דער שבת אויפֿן זיבעטן טאָג, ווי די פֿאַרפֿאָלקאָמונג פֿון דער געטלעכער יצירה אין דער קרוין פֿון דער יצירה.

דער מקור פֿון שבת געפֿינט זיך גלייך אין מעשה בראשית און איז אַ טייל פֿון ג'ס קאָסמישן פּלאַן, אוניווערסאַל פֿאַר אַלע מענטשן פֿון דער וועלט, ניט נאָר פֿאַר יידן - ווי מיר זאָגן זכר למעשה בראשית - אַן אָנדענקונג פֿון דעם וועלט־באַשאַף. ווי אַזעלכער דינט ער ווי אַ גרונטשטיין צו דעם מאָנאָטעיסטישן גלויבן, וועלכער לערנט

*) פֿראַגמענט פֿון אַ גרעסערער אַרבעט.

אונדז וועגן מציאות הבורא, ד.ה. ג' איז דער איינציקער באַשעפּער פון דעם אוניווערס און דער הערשער פון דער נאַטור. די וואָס זענען מקיים דעם שבת זענען עדות צו דעם וועלט באַשאַף און צו דעם מאַנאָטעיזם.

ר' שלמה אַלקאָוויץ זאָגט אין זיין "לכה דודי" הימן, אַז די אידעע פון שבת האָט געגעבן צו ג' דעם פּלאַן צו באַשאַפן די וועלט, עס דריקט זיך אויס אין דער פראַזע "סוף מעשה במחשבה תחילה". די ענדגילטיקע טאַט איז געווען פריער אין דער מחשבה. די אידעע קומט שטענדיק פאַר דער טאַט, פאַר דעם אַקט. פלאַטאָן דערקלערט עס אין זיין פילאָסאָפישער לערע. עס איז אַזוי ווי דער אַרכיטעקט טוט, פריער אַרבעט ער אויס דעם פּלאַן, דעם "בלו-פּרינט" צו דעם בנין, און ערשט דאַן (שאַפט ער), בויט ער דעם בנין.

***

די אידעע פון שבת פליסט אַרויס פון די טיפסטע רעליגיעזע און מאָראַלישע געפילן; ס'איז אַ ספּעציפישע און אָריגינעלע מתנה פון ג' צו די יידן און צו דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. אין חומש בראשית ווערט דערציילט: ויכל אלק' ביום השביעי מלאכתו אשר עשה... ויברך את יום השביעי ויקדש אותו..." דעם זיבעטן טאָג נאָכן וועלט באַשאַף האָט ג' ניט נאָר גערוט, ער האָט געבענטשט דעם טאָג און האָט אים געהייליקט. שבת, הייסט עס, איז ניט קיין מענטשלעכע אינסטיטוציע, ווי די אַנדערע יום-טובים, נאָר עס איז אַ יצירה פאַר זיך אַליין; ס'איז אַ יסוד פון דער וועלט-באַשאַפונג, וואָס ג' אַליין האָט עס איינגעשטעלט נאָך פאַר מתן תורה און אונדז אָנגעזאָגט עס צו האַלטן הייליק און נאָכפאָלגן ג' דרכים "Imitatio Dei". ג' אַליין איז געווען דער ערשטער שומר שבת, ווען די יידן, זייענדיק אין מדבר, זענען געשפּייזט געוואָרן מיטן מן, וואָס ג' פלעגט אַראָפּשיקן אויף דער ערד טאָג-טעגלעך יעדן פרימאָרגן, אָבער שבת האָט ער ניט געלאָזט אַראָפּפאַלן דעם מן פון הימל, און די יידן האָבן געמוזט זיך באַזאָרגן פרייטיק מן פאַר 2 טעג, כדי צו האָבן שבת וואָס צו עסן.

שבת איז דער איינציקער פון אַלע יום-טובים, וועגן וועלכן עס רעדט זיך 2 מאָל אין די עשרת הדברות, ווו עס ווערן אויסגערעכנט די 10 רעליגיעז-עטישע עיקרים פון דער יידישער אמונה: איין מאָל אין פרשת יתרו (שמות) און דאָס צווייטע מאָל אין פרשת ואתחנן (דברים), ביידע מאָל ווערן מיר שטרענג אָנגעזאָגט צו האַלטן פון שבת.

עס איז אָבער ניט קיין אידענטישע איבערחזרונג, נאָר עס ווייזט 2 באַזונדערע מאָטיוואַציעס פאַרן שבת. דאָס ערשטע מאָל זאָגט זיך: געדענק "- זכור את יום השבת לקדשו..." דער מאָטיוו - ווייל ג' האָט גערוט דעם זיבעטן טאָג נאָך דעם וועלט באַשאַף. דאָס צווייטע מאָל זאָגט זיך: היט אָפּ - שמור את יום השבת לקדשו... דו און דיין גאַנץ הויז-געזינד, דיין שקלאַף און דער פרעמדער, וואָס איז אין דיינע טויערן... כדי זאָלסט געדענקען, אַז דו אַליין ביזט געווען אַ פרעמדער, אַן עבד אין לאַנד מצרים און ג' האָט דיך פון דאָרטן אַרויסגענומען. אָט אָ דער מאָטיוו איז אַ שטיק פּראָגרעסיווע, סאָציאַלע געזעצגעבונג, וואָס רעדט וועגן סאָציאַלער גערעכטיקייט, ווי אונדזערע נביאים שטורעמען, צו געבן אַ טאָג פון אָפּרו אויך דעם אונטערדריקטן מענטשן, דעם שקלאַף, דעם שווערן אַרבעטער, דעם אָרעמען פויער, כדי ער זאָל רוען איין טאָג אין וואָך אַזוי ווי דו.

דער שבת ווייזט, אַז אומאָפּהענגיק פון וועלכן סאָציאַל-עקאָנאָמישן סטאַטוס דו זאָלסט ניט זיין, ביזטו גאַראַנטירט איין טאָג אין וואָך אַן אָפּרו, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם

פון שווערער אַרבעט, זאָלסט קענען אָפּרישן זיך און קומען צו די כּחות.

דער שבת, הייסט עס, איז ניט נאָר פֿאַר דער עליטע, פֿאַר די גענוילשאָפּטלעך - אויסדערוויילטע, נאָר ער איז געגעבן געוואָרן פֿאַר יעדן איינעם, פֿון וועלכן שטאַנד ער זאָל ניט זיין. ער פֿירט איין סאָציאַלע גלייכהייט, ווו עס ווערן פֿאַרשוווּנדן אַלע אונטערשיידן צווישן מענטשן.

אַזוי איז דער שבת אַ ווונדערלעכער סינטעז פֿון רעליגיעז־קאָסמישן יסוד און פֿון דעם מענטשלעך־סאָציאַלן מאָטיוו; דער רעליגיעזער גלויבן און דער דראַנג פֿאַר עטיק גיסן זיך צונויף אין איין אחדות.

די גריכן און די רוימער (פּלוטאַרק, טאַציטוס, סענעקאַ און אַנדערע) האָבן קריטיקירט די יידן און געטריבן ליצנות פֿון שבת; זיי האָבן אונדז אַנגערופֿן פֿוילענצער, ליידיק־גייער, וואָס נעמען אַוועק אַ טאָג אין וואָך פֿון דער אַרבעט. הגם זיי אַליין האָבן גאָר ניט געאַרבעט; זיי פֿלעגן פֿאַרברענגען זייערע טעג אין דעם פֿאָרום ראָמאַנום און די גאַנצע אַרבעט האָבן זיי אַרויפֿגעלייגט אויף די שקלאַפֿן, און געקוקט אויף אַרבעט ווי עפּעס אַ מיאוסע זאַך. זיי האָבן ניט באַגריפֿן דעם מהות פֿון דעם הייליקן שבת. זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, אַז אין "ששת ימים תעשה את כל מלאכתך" - אין דעם אַליין איז די אַרבעט אַ באַפֿעל; ווער קען דען האָבן אַ שבת, ווער קען געניסן פֿון רו? - נאָר דער וואָס אַרבעט און פּראָדוצירט אַ גאַנצע וואָך. הייסט עס, אַזוי ווי דער רו־טאָג איז אַ מצווה, אַ געטלעכער אָנזאָג, אַזוי איז אַ מצווה צו אַרבעטן, צו שאַפֿן אין די 6 וואָכעדיקע טעג.

***

די קריסטן האָבן אונטער דער השפּעה פֿון יידן אָנגענומען דעם זונטיק פֿאַר זייער רו־טאָג און די מאַכמעראַנער - דעם פֿרייטיק. די גויים זענען געווען מקנא די יידן, אָבער צו גאוהדיק צו האַלטן שבת מיט אונדז און געוואָלט פֿאַרטושן זיין אָריגינעלן יידישן כאַראַקטער. האָבן זיי גענומען דעם זונטיק אַלס אַ דערמאָנונג פֿון יעזוסעס רעסורעקציע. זיי פֿילן אָן דעם טאָג מיטן טומל פֿון עולם הזה, מיט שכּורן און נאָך אַזעלכע פֿאַרווילונגען. האָבן זיי אַ רו־טאָג, אָבער ניט קיין שבת מיט קדושה. בכלל איז זיי שווער געווען אָראָפּצושלינגען, אַז אַזאַ אידעע ווי שבת זאָל אַרויסקומען פֿון יידנטום, האָבן זיי געזוכט און געגנישטערט און געוואָלט באַווייזן, אַז דער יידישער שבת איז גאָרניט קיין אָריגינעלע שאַפֿונג פֿון יידישן פֿאָלק, ס'איז אַ פּלאַגיאַט, יידן האָבן עס גאָר איבערגענומען פֿון די בבלים.

אמת, אַ געפֿונענער לוח פֿון אַלטע באַבילאָנער ווייזט, אַז זיי האָבן געהאַט אַזאַ סאָרט שאַפּאַטום. זיי האָבן געגלויבט, אַז דער 15־טער טאָג פֿון חודש (אלול - מרחשבן), ווען די לבנה ווערט פֿול, איז אַ מוראדיקער, שלעכטער, שלים מזלדיקער טאָג; עס איז בעסער אין אַזאַ טאָג ניט אונטערצונעמען קיין אַרבעט; דער קעניג מוז זיין אָפּגעזונדערט פֿון די מענטשן; דער דאָקטער טאָר ניט זיך צורירן צו אַ קראַנקן א.א. ווייטער; מען דאַרף נאָר זען צו באַרויקן דאָס האָרץ פֿון די געטער. פֿלעגן זיי זיך פּייניקן, כּדי אָפּצושטעלן און איינשטילן דעם צאָרן פֿון די געטער. ס'איז געווען אַן אומעטיקער טאָג, אַ טאָג פֿון אבלות. דער אָ טאָג איז געווען ספּעציעל געווידמעט צום פּלאַנעט Saturn וואָס איז געווען זייער גאָט פֿון צייט און פֿון טויט. איז אַרויסגעקומען אַ משונהדיקער געשטאַלט אָן טעם און אָן ריח, און אָן חן. Saturday.

דער ייד האָט אָנגענומען דעם שבת מיט שמחה און מיט פֿרייד, ווי די שענסטע פֿון

אַלע געטלעכע מתנות. ג׳ האָט ניט געפונען קיין בעסערן אָפּנעמער פאַרן שבת.

יידן האָבן געוועבט פאַרשידענע לעגענדעס אַרום דעם אוצר שבת. חיים נחמן ביאַליק אין זיין עסעי "די יצירה פון שבת" באַוווּנדערט די גרויסקייט פון דורות תנאים און אמוראים, וואָס האָבן אַריינגעטאָן אַזוי פיל קונסט אין דעם שבת־געשטאַלט, אין זיין שאַפונג, דורך דער גאַנצער צייט פון אונדזער געשיכטע. ווער האָט ניט געשריבן וועגן שבת? - שרייבער און פּאָעטן, פּיטנים און מוזיקער האָבן באַזונגען דעם שבת, געשאַפן קונסט־ווערק און הימנען צו אים געזונגען.

די שבת מנוחה איז באַגלייט מיט אהבה, מיט אַלטרואיסטישער גוט־האַרציקייט און רופט אַרויס ביים יידן ליבשאַפט און פריינדשאַפט צום צווייטן, ווייל שבת איז דער סימבאָל פון שלום און אחדות, שלום צווישן מענטש און מענטש און שלום אין משפחה־לעבן צווישן מאַן און פרוי.

שבת באַקומט דער ייד אַ נשמה יתירה ד.ה. אַ צוגעגעבענע נשמה פאַרן שבת־טאָג, וואָס ווירקט מיט אַ מעטאַפיזישן כח און באַלזאַמירט דעם יידנס קערפּער מיט זעלישער מנוחה און פילט אָן זיין נשמה מיט שמחה, ווי רש״י זאָגט (אין ביצה ט) נשמה יתירה רוחב־לב למנוחה ולשמחה. און אַז עס איז דאָ שמחה איז דאָ שכינה, דער ייד איז פריילעך און זאָרגלאָז און פול מיט בטחון.

ווען מען וויל זיך שאַפן אַן אויטענטיש בילד פון אַן אַמאָליקן הייליקן שבת אין די שטעטלעך פון מזרח אייראָפּע, איז כדאי צו לייענען שלום אַשס "דאָס שטעטל" אָדער "ר׳ שלמה נגיד", דאַן קאָן מען פילן דעם גן־עדן טעם פון אַ יום שכולו טוב, שכולו שבת. "יום זה מכובד מכל הימים".

***

דער שבת איז ספּעציעל פאַרשטאַרקט געוואָרן ביי די מקובלים פון 16־טן יאָרהונדערט אין דער אַלטער שטאָט צפת, די רויפּט־שטאָט גליל העליון. דער אר״י הקדוש, ר׳ יצחק לוריא אשכנזי מיט זיינע תלמידים פלעגן אַלע פרייטיק פאַרנאַכט אַרויסגיין אין פעלד, אַלע אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער צו מקבל פנים זיין דעם שבת מלכתא, מיט געזאַנג, פול עקסטאַז, "לכה דודי לקראת כלה", וואָס שלמה אלקאָוויט האָט פאַרפאַסט, און מיט תפלות ווי "לכו נרננה". זיי פלעגן ווערן אַזוי אינספּירירט און עמאָציאָנירט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז זיי זעען די מלכת שבת ווי זי גייט אַראָפּ פון די בערג באַגלייט פון מלאכים און ברענגט די שבת רו פאַרן גאַנצן באַשאַף און די בשורה פון גאולה פאַר דער מענטשהייט.

דער שבת איז פאַרבנרייך ווי אַ רעגנבויגן און פול מיט פאָלקסטימלעכקייט, מיט חן און מיט פשטות, אָבער פול מיט אינהאַלט. שבת איז אַן אָפּרו פאַרן קערפּער און פאַר דער נשמה. מען גיט זיך אָפּ מער מיט גייסטיקע טעטיקייטן, מען גייט אין שול, מ׳דאַוונט, מען לייענט די תורה וואָס איז איינגעטיילט אין סדרות פאַר אַלע שבתות אין יאָר.

ניט יעדער ייד איילט זיך צו געזעגענען אַזוי שנעל מיטן שבת; נאָך אַ מינוט שבת איז נאָך אַ מינוט פון עולם הבא, איז נאָך אַ מינוט צו אָטעמען מיט שבתדיקער אַטמאָספערע, פאַרציט ער צו מאַכן די הבדלה אויף גאַנצע שעהען. האָט דאָך ר׳ שלמהלע ביי י.ל. פרצן אין זיין "די גאָלדענע קייט" ניט געוואָלט מאַכן קיין הבדלה. שרייט ער אויס "שבת זאָל זיין, כ׳מאַך ניט קיין הבדלה. אויסגעלייזט פון פּיין און שרעק

ש. סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

## יואל מאַסטבוים - דער שרייבער און מענטש

אין ירושלים איז לעצטנס דערשינען אַ העברעישע מאָנאָגראַפיע וועגן לעבן און שאַפן פון יואל מאַסטבוים, דעם באַגאַבטן אָבער לעצטנס ווייניק־דערמאָנטן יידישן פראָזאַיקער. דאָס בוך פון אַרום הונדערט זייטן (יואל מאַסטבוים: סופר יידיש חייו ויצירתו) איז געשריבן און זאָרגפעליק אַרויסגעגעבן דורך יואל מאַסטבוימס זון, שמואל מאַסטבוים פון תל־אביב. אין דעם קורצן צוויי־שפּראַכיקן פאָרוואָרט שטרייכט אונטער מרדכי צאַנין, אַז דאָס איז אַ זעלטענער פאַל וואָס אַ זון פון אַ יידישן שרייבער "האָט אינוועסטירט אַ ים ענערגיע און עקשנות כדי צו פאַראייביקן אין אַ מאָנאָגראַפיע דעם גייסטיקן פאָרטערט פון זיין פאָטער, וואָס האָט בייגעשטייערט צו דער גרויסקייט פון דער יידישער ליטעראַטור".

יואל מאַסטבוים איז געבוירן געוואָרן אין מעזריטש, פוילן, אין 1882 און געשטאָרבן אין 1957 אין תל־אביב. ווען יואל איז אַלט געווען 15 יאָר האָט די משפחה זיך אַריבערגעקליבן קיין שעדלעץ. כאָטש מאַסטבוימס זיידעס זענען געווען גאַנץ פאַרמעגלעכע און טראַדיציאָנעלע יידן, זענען אָבער זייערע קינדער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט געקעמפט פאַר פוילנס באַפרייונג און אומאָפּהענגקייט. יואלס פאָטער און מוטער זענען אייניקע מאָל געווען אַרעסטירט און צוויי ברידער זיינע זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, פון וואַנען איינער פון זיי האָט זיך שוין קיין לעבעדיקער נישט אומגעקערט. צוליב די כסדרדיקע שיקאַנירונגען פון דער צאַרישער אָכראַנע איז די מאַסטבוים־משפחה געווען געצוווּנגען אויסצוואַנדערן קיין ענגלאַנד. בלויז יואל און זיין ברודער געצל זענען געבליבן אין פוילן.

כאָטש אַלע זיינע נאָענטע זענען געווען אַריינגעטאָן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, איז יואל פון זיין פריער יוגנט אָן געווען נאָענט צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, ספּעציעל נאָך דעם ווי ער איז אַריבערגעפאָרן אין 1906 קיין וואַרשע. דאָרטן איז ער געווען אַן אָפטער אייגגייער אין דער "אַרבעטער־היים" פון די

---

מוז ווערן די וועלט, איך מאַך קיין הבדלה ניט, מיט צוואַנגען האַלט איך שבת איין".

אַזוי האָט דאָס יידישע פאָלק אויסגעוועבט אַ גאַנצע מסכתא־שבת אין לעבן גופא, וואָס האָט אים געהאָלפן דורכצולעבן די שווערע צייטן פון לאַנגן גלות.

די גויים האָבן געוווּסט די וויכטיקייט פון שבת פאַרן קיום און המשך פון פאָלק, האָבן זיי זיך אָפט געטשעפּעט צום שבת און געצוווּנגען די יידן אים מחלל צו זיין. האָט דער שבת געהאַט אויסצושטיין פאַרפאָלגונגען, אַזוי ווי דאָס פאָלק. די יידן אָבער האָבן זיך מוסר נפש געווען, און גרייט געווען מקריב צו זיין זייער לעבן פאַרן שבת. און דער שבת איז געבליבן דער גרונטשטיין אין דער אייביקער עקזיסטענץ פון פאָלק און וועט קיין מאָל ניט בטול ווערן. "אין שבת בטלה מישראל". (מכולתא תישא) מיט רעכט זאָגט אחד העם אין זיין "על פרשת הדרכים": דער שבת האָט אָפּגעהיט דאָס יידישע פאָלק מער ווי דאָס פאָלק האָט אָפּגעהיט דעם שבת.

"מזמור שיר ליום השבת".

פועלי־ציון און געוואָרן באַפּריינדעט מיט דוד פרישמאַן, הלל צייטלין און אַנדערע שרייבער פון עלטערן דור, ווי אויך מיט די ייִנגערע שרייבער: איטשע מאיר ווייסנבערג, יהושע פערלע, פישל בימקאָ א.א.

זיינע ערשטע סקיצן און אַרטיקלען האָט יואל מאַסטבוים אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אין "דער וועג" און דערנאָך אין "מאָמענט", ביידע אונטער דער רעדאַקציע פון צבי פרילוצקי. מפרנס געווען די משפחה האָט ער הויפּטזאַכלעך פון זיין פאַך – שטובן־מאָלעריי, אויך פון האָנאָראַר פאַר זיינע לעקציעס און רעפעראַטן, וואָס ער פלעגט האַלטן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. אין 1912 איז אַרויס מאַסטבוימס ערשט בוך "סקיצן און בילדער", פאַרצייכענונגען פון זיינע קינדער־און יוגנט־יאָרן אין מעזריטש און שערלעץ.

געלעבט אין וואַרשע האָט מאַסטבוים ביז 1933 און דאָרטן אַרויסגעגעבן 14 ביכער ליטעראַרישע פאַרצייכענונגען, פּאָעמעס, דערציילונגען און פיר ראָמאַנען. אין 1933 האָט ער געלאָזן די משפחה אין וואַרשע און געפאָרן קיין ארץ ישראל פון וואַנען ער האָט געשיקט אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן אין וואַרשעווער "מאָמענט", באַזונדערס וועגן די אומרוען אין לאַנד אין די יאָרן 1936–1938. אין 1935 איז שמואל, מאַסטבוימס זון, אָנגעקומען קיין ארץ ישראל מיט דער חלוצישער עליה, אַזוי, אַז אין וואַרשע זענען געבליבן בלויז יואלס פרוי און טאָכטער. כדי צו העלפן אויך זיי אַריבערפאָרן קיין ארץ ישראל קומט יואל מאַסטבוים אין יולי 1939 קריק קיין וואַרשע. באַלד אָבער איז געקומען דער דייטשישער איבערפאַל אויף פּוילן און צו נישט געמאַכט אַלע זיינע פּלענער. נאָכן אָפּזיין אייניקע חדשים אין וואַרשע, אונטער דער ממשלה פון די דייטשן, געלינגט מאַסטבוימען צוריקצופאָרן איינער אַליין קיין תל־אביב. זיין פרוי און טאָכטער זענען שפּעטער אומגעקומען צוזאַמען מיטן רוב וואַרשעווער יידן. אַזוי אַרום איז יואל מאַסטבוימס לעבן און שאַפן פאַראומערט און פאַרשאָטנט געוואָרן צוליב אָט דעם גרויסן פּערזענלעכן פאַרלוסט און דעם געוואַלדיקן חורבן פון פּוילישן יידנטום.

בטבע אַן אָפּטימיסט, שטאַרקט זיך מאַסטבוים און הייבט אָן אויף ס'ניי: ער האָט חתונה נאָך אַ מאָל און זיין נייע היים אין תל אביב ווערט אַ בית־ועד פאַר אָרטיקע און אַריבערגעקומענע יידישע שרייבער. ער זעצט פאָר אינטענסיוו זיין ליטעראַרישע אַרבעט און עס דערשיינען איינער נאָכן אַנדערן זיין בוך זכרונות "מיינע שטורמישע יאָרן" (בוענאָס איירעס, 1950) און אַ ראָמאַן "דער כוח פון דער ערד־זאַלבעדריט" (לאָנדאָן, 1951), אויף דער קאַנווע פון חלוצישן לעבן אין פּוילן און אין אַ קיבוץ שוין אין מדינת ישראל.

אין משך פון דעם קנאַפּן פערטל יאָרהונדערט וואָס מיסטבוים האָט געלעבט אין ארץ ישראל האָט ער זיך דערוואָרבן פיל פריינד אין די קרייזן פון די העברעישע שרייבער. דאָס קאָן מען דרינגען פון זיין בוך "יידן אין ארץ ישראל" (וואַרשע, 1935), אין וועלכן ער צייכנט אינטימע פּאָרטרעטן פון אַ צאָל אָנגעזעענע שרייבער און עסקנים ווי ח.נ. ביאַליק, מאיר דיזנגאָף, אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש א.א. אַ דאַנק דער דאָזיקער אַריינגעלעבטקייט אין דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט האָט מאַסטבוים זוכה געווען, אַז כמעט אַלע זיינע ביכער זאָלן אַרויסקומען אין ערשטקלאַסיקע העברעישע איבערזעצונגען פון יעקב פיכמאַן, אליהו מייטוס א.א. צוויי וואָגיקע ביכער מאַסטבוימס זענען פאַרעפנטלעכט נאָר אין העברעיש, כאָטש געשריבן געוואָרן זענען זיי אין יידיש. דאָס זענען "זעכציק טעג אין היטלערישן פּוילן" (תל אביב, 1940) און "וואַרשע 1939

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק

## הייסער זומער

הייסער זומער און דושנע די נאָענטקייט
פון זשעדנע אָטעמס.
ווי ענג ס'איז געוואָרן די גאַס
און ס'געפילדער אירס –
אַ סטראַשעדיקס.
אַ פּלוצעמדיקער קער־און־ווענד
און שוין דערזעט מען אַ סטראַשידלע
פון אַ בייזן חלום אַרויס.
נאָכקלאַנגען ווידערקלאַנגען
פון יאָרן קריק
שטעלן זיך דיר אין וועג.

דו ביסט דאָרט און דעמאָלט
דו ביסט דו ווען יענע,
יענע איז געבליבן דו.
וויפל סע זאָלן זיך נישט בייטן
פנימער, ערטער, צייטן
סע בלייבן אַלץ די אייגענע שאָטנס
הויערן,
די ערשטע גאַסן, סודותדיקע טויערן,
פאַררעגנטער אָפּגלאַנץ אויף קרומע
טראָטואַרן,
ראָזעווע קווייטן און ביטרע קאָשמאַרן.

## מאַשינען נעמען דיך אַרום

ווייסע מאַנטלען
גלאַנציקע אינסטרומענטן
מאַשינען נעמען דיך אַרום,
ס'אויגן דיך אָן סטעטאָסקאָפּן
און קיל ווייעט אַ וואָרט,
קיל און שטום.
וואָסער ווערט האָבן דען ווערטער

אַז איטלעך רעדל רעדט.
פרישע ווייסקייט גלאַנצט
מיט אַבסאָלוטן וויסן;
"ביסט אַן אומווערטיק בינטל",
שווייגן די ווענט
קאַלט און פאַרריסן.

---

(תל אביב, 1944) ביידע באַזירס אויף זייַנע איבערלעבונגען אין וואַרשע אין יאָר 1939. אויסער די שילדערונגען פון חורבן און ליידן פון יידן אין וואַרשע אין די ערשטע חדשים פון דער היטלערישער אָקופּאַציע, האָבן מיר דאָ פאַרצייכענונגען פון שמועסן און באַגעגענישן מיט אַ צאָל באַקאַנטע יידישע שרייבער, געלערנטע און עסקנים ווי הלל צייטלין, פּראָפעסאָר משה שאָר, מאיר באַלאַבאַן, יצחק קאַצענעלסאָן, שמעון האָראָנטשיק, אַראָם טשערניאַקאָוו און נאָך.

יואל מאַסטבוים איז געווען פון די געציילטע יידישע שרייבער אין פּוילן, וואָס האָבן זייער לעבן און שאַפן פאַרבונדן מיטן אויפבוי־ווערק פון ארץ ישראל. ווי יוסף פּאַפּיערניקאָוו אין דער פּאָעזיע, אַזוי האָט מאַסטבוים אין פּראָזע באַזונגען די חלוצים, די יסודות־לייגער פון אויפגעריכטן יידישן לאַנד. ביידע האָבן זיי געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין לאַנד און געברענגט כבוד און אָנזען דער יידישער ליטעראַטור.

אין אַפּריל 1993 האָט שמואל, יואל מאַסטבוימס זון, באַזוכט פּוילן און קריקגעברענגט פון אוישוויץ אַ זעקעלע אַש, וואָס ער האָט אַריינגעטאָן אין טאַטנס קבר אין תל אביב. מיט דעם סימבאָלישן אַקט, ווי מיטן אַרויסגעבן די העברעיִשע מאָנאָגראַפיע, האָט שמואל מאַסטבוים פאַראייביקט דעם זכרון פון זיין פאָטער, דעם יידישן שרייבער. הלוואי זאָלן קינדער פון אַנדערע יידישע שרייבער נאָכטאָן זיין ביישפּיל.*) פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט.

משה שקליאַר

## דאָס אויג פון זיכרון

וואָס ווייטער אין וועג
איז שווערער דער בליק
אויף צוריק
דאָס אויג פון זיכרון
גרייכט בלויז צו אַ ברעג
נאָך וועלכן
ס'ווערט אַלץ ווי פאַרלאָרן
פאַרמישט
גלייך אַ ווינט וואָלט די האַרבסטיקע
בלעטער

פאַרקערט
און געבליבן איז נישט פון זיי
קיין סימן אויף ערד
וואָס באַדעקט ווערט מיט שניי.

פאַרוואָס־זשע באַגליט מיך נאָך אַלץ
דער נאָיענדער וויי
וואָס קומט ווי פון יענער זייט ברעג
און לעשט מיינע טעג?

## אַז איך וועל אַריבער

אַז איך וועל אַריבער דעם באַרג
פון מיין קינדערשן חלום,
דעם באַרג אינעם גאָרטן,
ווו ס'פירט מיך נאָך אַלץ פאַר דער האַנט
מיין גוטינקע מאַמע,
צי וועל איך זיך ווידער פאַרלירן

און זיך אַליין נישט דערקענען
אין שפיגל פון סטאַוו,
ווו כ'שווים מיט די שוואַנען
צעווישן די גאָלדענע בלעטער?
\- - - - - - - -
און וואָס וועט זיין שפּעטער?

## דאָס וואָרט דאָס נישט דערזאָגטע

דאָס וואָרט דאָס נישט דערזאָגטע,
ווענען וועל איך זאָגן?
דער טאָג דער נישט דערטאָגטער,
ווו וועט מיך פאַרטראָגן?

קיינער הערט נישט,
קיינער זעט נישט,
נאַכט און חושך אומעטום.
קיינער רופט נישט,

קיינער בענקט נישט,
פוסט און פוסטער
דער אַרום.

נאָר דאָס וואָרט דאָס נישט דערזאָגטע,
נאָר דער טאָג דער נישט דערטאָגטער
קאָן נישט,
וויל נישט
בלייבן שטום.

***

די אונטערשטע שורה –
צי מוז זי דען שטענדיק
זיך שטעלן ביים סוף
פון אַ לעבן,
ביים סוף פון אַ ליד?
זי קאָן אויך אַ מאָל
ווי אַ בשורה

אַ שוועב טאָן אין מיטן,
אַ לייכט טאָן
מיט ווערטער צעגליטע,
וואָס פירן צו נייעם באַגינען.
נאָר ווו,
ווו קאָן מען די ווערטער געפינען?

ישׂשכר פּאַטער / רמת־אביב

# ש. אַנסקי און יידיש פֿאָלקסליד

ש. אַנ-סקי האָט זיינע פּאָרש אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון עטנאָגראַפֿיע און פֿאָלקלאָר געטאָן ווי אַ דילעטאַנט, אָבער, ווייל זיין באַציונג צו פֿאָלקסשאַפֿונג איז אַרויסגעדרונגען פֿון לויטערער גייסטיק-עמאָציאָנעלער מאָטיוואַציע, פֿון זיין אידענטיפֿיצירן זיך מיט זיין פֿאָלק, האָבן זיינע מיינונגען קיין מאָל נישט פֿאַרפֿירט. זיי זענען געווען מער געבויט אויף אינטואיטיווער אַרגומענטאַציע, ווי אויף וויסנשאַפֿטלעכע באַגרינדונגען און, נישט געקוקט דערויף זענען זיי אַראָפּטירט געוואָרן פֿון צוקונפֿטיקע קולטור־היסטאָריקערס און מוזיקאָלאָגן. אַ סך פֿון זיי זענען ממש געוואָרן אַקסיאָמעס פֿאַר פֿאָרשערס.

אין אַנ־סקיס צייטן האָבן זיך געפֿירט לעבהאַפֿטיקע וויכוחים וועגן עצם מהות פֿון יידישן פֿאָלקסליד. אינטעלעקטועלע פֿיליסטערס האָבן מיט שיטות פֿון דיאַלעקטישער פּילפּוליסטיק געוואָלט פֿאַרענטפֿערן אַזעלכע קשיות ווי: וואָסערע זענען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון יידישן פֿאָלקסליד, אין מעלאָדישן און אינהאַלטלעך־טעקסטועלן זין; וואָס וועמען האָט מקדים געווען - די מעלאָדיע דעם טעקסט, אָדער פֿאַרקערט, און אפֿשר זענען זיי ביידע צוזאַמען געבוירן געוואָרן; וואָס איז דער עיקר און וואָס איז דער טפֿל - וואָרט אָדער קלאַנג; פֿאַרשיידענע גירסאות וועגן דער אַנאָנימקייט פֿון דיכטער און קאָמפּאָזיטאָר - טעמעס, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן חילוקי־דעות און זיך נישט געלאָזט פֿאַרענטפֿערן על רגל אחת.

און דאָ האָט זיך געיאַוועט דער אידעאַליסטיש־איינגעשטעלטער ש. אַנ־סקי און אַרויפֿגעפֿירט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען אויף אַ פּראַקטישער פּלאַטפֿאָרמע: יידיש פֿאָלקסליד נישט בלויז ווי אַ מאָזאַיק, וואָס אָרנאַמענטירט דאָס יידישע גרויע לעבן, נאָר בעיקר, ווי אַן עקסטראַקט, וואָס האָט געגעבן דער רוחנית די אויבערהאַנט איבערן חומריות, און איז אויך להבא באַרופֿן צו העלפֿן געשטאַלטיקן דאָס לעבן פֿון פֿאָלק; פֿאָלקסליד, ווי איינער פֿון די דאָמינירנדיקע פֿאַקטאָרן אין בילדן דעם גייסט פֿון פֿאָלק.

אמת איז, אַז ער האָט אומעטום אונטערגעשטראָכן די ראָל פֿון פֿאָלקסליד ווי אַ רעסקריפּטאָר און מאָלער פֿון יידישן זיין, ווי די לעבעדיקע שטימע פֿון פֿאָלקישן גייסט אין אַלע צייטן, ער האָט, אָבער, גלייכצייטיק נישט געלאָזט אין אים זען אַן עקספּאָנאַט פֿון עבר, וואָס קען אין בעסטן פֿאַל דינען דעם היסטאָריקער און פֿאָרשער ווי אַ דאָקומענט פֿון געוועזענעם, וואָס איז צום סוף עלול פֿאַרזינקען צו ווערן אין עולם השיכחה. זיין שטרעבן איז געווען צו פֿאַרוואַנדלען דאָס זינגליד אין אַ מעדיום צו דערציען די יידישע מאַסן צו העכערע, שענערע אידעאַלן. דערביי האָט ער אַליין געפֿילט דעם חוב צו העלפֿן פֿלעגן דאָס יידישע פֿאָלקסליד אין יעדער פֿאָרעם און אין יעדן אָרט, ווו דאָס איז נאָר געווען מעגלעך.

ווען מוזיק-פֿאָרשערס האָבן אָנגעהויבן צו צעטרייבערן מעלאָדישע מאָטיוון פֿון באַקאַנטע לידער און געפֿונען דערוויזן, אַז זיי שטאַמען פֿון פֿרעמדע מקורות, האָט אַנ־סקי מיט עקשנות אָוועקגעשטעלט די אומבאַרירלעכקייט און הייליקייט פֿון די מעלאָדיעס ווי אַ רעזידעראַט: יעדער קלאַנג וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן יידישן אות, אַפֿילו

ווען מען זעט באַשיינפערלעך, אַז ער איז פון אונדז אוזורפירט געוואָרן, איז אין משך פון דער צייט געוואָרן אַן אונדזעריקער און שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומצערייסלעכן טייל פון אונדזער קלאַנגענוועלט.

ניגונים ווערן נישט נאָרמירט דורך צייט און רוים. זיי וואַנדערן איבער לענדער און פעלקער און שוועבן אין דער לופט ביז זיי געפינען ערגעץ ווו גראַוויטיר פונקטן, ווערן אויפגעכאַפּט פון זייערע חסידים־מעלאָמאַנען און ווערן פון זיי געזונגען. טרעפט אָפּט, אַז איין און די זעלביקע מעלאָדיע ווערט פאַרטראָגן אין פאַרשיידענע טיילן פון ערדקוגל און ווערט אין דער זעלביקער צייט געזונגען פון פאַרשיידענע עטנישע גרופּעס.

ביי י.ל. פרץ ווערט דער בערדיטשעווער מזל־טוב־ניגון, וואָס ווערט געשפּילט אויף יידישע חתונות, מגולגל אין אַ קיעווער גיהנום־קופּלעט, וועלכן גויישע קאַטאַריניאַזשעס שפּילן אויף יאַרידן, און ווען דעם זעלביקן ניגון זינגט אַן אָרעמע יתומה, וועקט ער אין חסידישע הערצער אַזוי פיל רחמים, אַז ר׳ דוידל טאַלנער זעט אין אים ניצוצות פון קדושה. דער ניגון ווערט גאָר אַ רפואה פאַר תיקון־נשמה.

ס'האָט אויך געטראָפן. אַז יידישע מעלאָדיעס זענען אַריינגעדרונגען אין נישט־יידישע ספערעס. אַן־סקי דערציילט, אַז ער האָט אַ מאָל געהערט שפּילן אַן אונגאַרישן אָרקעסטער אַ מעלאָדיע, זייער אַן ענלעכע צום ליאַדער רבינס "ניגון פון פיר פאַלן". אויף זיין פראַגע צום קאַפּעלמייסטער וואָס פאַראַ קאָמפּאָזיציע דאָס איז, האָט ער אים געענטפערט, אַז דאָס איז אַ פאָפּולערע אונגאַרישע נאַציאָנאַלע מעלאָדיע.

אַן אָריגינעלע שטעלונג האָט אַן־סקי געהאַט וועגן דער גענעזיס פון די אַזוי גערופענע צווייספּראַכיקע פאָלקסלידער. זאַמלערס און פאָרשערס זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז די דאָזיקע לידער זענען אַ דאָקומענט פון גייסטיקער אָרעמקייט פון זייערע שאַפערס און זינגערס: געוועזן יידן, וואָס האָבן געוווינט אין אַ פרעמדער סביבה, ווייט פון יידישע קאָמפּאַקטע יישובים, ווו דאָס יידישע לשון איז נישט געהערט געוואָרן, האָבן זיי די פאַרגעסענע ווערטער פאַרטראָטן מיט רוסישע, אָדער אוקראַאינישע. אַפילו שמעון דובנאָוו האָט געטענהט, אַז די שפּראַך־געמישטע לידער שטאַמען פון עמי־האַרצישע יידן.

ש. אַן־סקי האָט דער אַ דערשיינונג געגעבן אַ קאַפּויערדיקן אויסטייטש: נישט פאַרגרעבטע יידן, פראָסטאַקעס, נאָר דווקא רעליגיעזע יידן, חסידים יודעי־ספר זענען געווען די מחברים פון אַזעלכע לידער. ווען זיי זענען בשעתן דאַווענען, אָדער בעת שימחות אַריינגעפאַלן אין התלהבות, האָבן זיי נעגעבן אויסגאָס זייערע געפילן דורך אַריינפלעכטן פאָפּולערע נישט־יידישע אויסדרוקן אין זייערע לידער. ווייל צי קען דען געמאָלט זיין, אַז לידער, וואָס פאַרמאָגן אין זיך ווערטער פון תפילות, תהילים, צי פון אַנדערע ספרים, זאָלן קענען האָבן געשאַפן געוואָרן פון גראָבע יונגען? אַפילו בלויז דאָס נאָכזינגען זיי האָט דאָך פאַרלאַנגט קענטעניש פון די קליינע אותיות!

אַן־סקי האָט דאָס פאָרמולירט כהאַי לישנא:

"...אין אַלגעמיין האָבן חסידים, און איבערהויפּט גוטע יידן, און דווקא פון די מער מיסטיש־געשטימטע, ליב געהאַט צו באַנוצן זיך מיט גוישע ווערטלעך, אויסדרוקן און אַפילו מאַכן פירושים אויף גוישע לידלעך... אויך האָבן זיי ליב געהאַט אַריינלייגן אין אַ גאַנץ געוויינלעכן וואָרט פון אַ גוי אַ מיסטיש־רעליגיעזן באַטייט". למשל:

פאַראַן אַ ליד צ י א ט ו ט ק ר אַ וו י ע ץ מ ע ש ק אַ? (צי ווינט דאָ דער

שניידער?) אַ פּירסטראָפּיק ליד, געזונגען מיט אַ מעלאָדישן מאָטיוו פון גמרא־לערנען, וואָס פאַרענטפערט אויף אַ אַ הימליש־מיסטישן אופן אַ פּשוטע ערדישע פראַגע פון אַ גוישן שייגעץ, וועלכער זוכט די דירה פון אַ יידישן שניידער.

די פיר ווערטער פון טיטל ווערן פאַרביטן אין מיסטישע רמזים, און ווערן בהדרגהדיק אויסגעטייטשט ווי אַ הייליקער געבאָט מן השמים:

ציא – איז בגימטריא הונדערט און איינס,

טוט – איז טלית און תפילין

קראָוויעץ – איז דער נוטריקון פון קול רינה וישועה באהלי צדיקים,

מעשקאַ – איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ גלעזעלע משקה,

אין סך־הכל ווערט דער שייגעץ פאַרגעשטעלט ווי אַ נסתרדיקער מלאך, וואָס הייטס לערנען תורה הונדערט און איין מאָל... (דאָס ליד געפינט זיך אין 80 פאָלקס־לידער פון זמרה זעליגפעלדס און מ. קיפּניסעס קאָנצערט רעפּערטואַר, פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1925, 152.

ס'וואָלט געווען איינזייטיק אָנצונעמען, אַז אַלע צווייִשפּראַכיקע פאָלקסלידער זענען פון חסידישן אָפּשטאַם. אויך משכילים און מתנגדים האָבן געשאַפן און געזונגען געמישטע לידער, זיי זענען אָבער געווען פון גאָר פאַרקערטן אינהאַלט. די טעקסטן זענען צום מייניסטנס געווען הומאָריסטישע און האָבן אָפּגעלאַכט פון חסידיש, אָרטאָדאָקסישן שטייגער לעבן. זייער טענדענץ איז אַ פריאָרי באַשטימט געווען צו חוזקן און שפּאָטן פון די אָנגענומענע רעליגיעזע מינהגים.

צו די כאַראַקטעריסטישע לידער פון דעם סאָרט געהערט דאָס ליד וו'נאשעי ראסיי (אין אונדזער רוסלאַנד), אָדער ווי ס'ווערט גערופן אין אַן אַנדערן וואַריאַנט יעוורעיסקאַיאַ וויעראַ (די יידישע רעליגיע), אין וועלכן ס'ווערט אויף אַ הומאָריסטישן אופן געשילדערט דער רעליגיעזער דרך פון אַ פרומען ייד, פון זיין אויפשטיין אין דער פרי ביזן גיין שלאָפן ביי נאַכט.

לשם אילוסטראַציע וועל איך נאָר ברענגען עטלעכע שורות פונעם לאַנגן ליד:

מה טובו פּאָטשינאַיוט (מה טובו הייבט מען אָן),

ברוך שאמר ראַסקאַזאַיוט (ברוך שאמר דערציילט מען),

שמע ישראל זאַקריטשאַיוט (שמע ישראל שרייט מען אויס),

"עלינו נאַפּליעוואַיוט" (עלינו שפּייט מען אויס),

"ריומקו וואָדקו ויפּיוואַיוט" (אַ גלעזל וואָדקאַ טרינקט מען נאָך)...

דאָס ליד איןביידע וואַריאַנטן דערשיינט אין דער זאַמלונג פון: חיים קאָטיליאַנסקי פאָלקס־געזאַנגען, איקוף, ניו־יאָרק. 1954, 82-89).

אין אַלגעמיין געוועמיין קען מען זאָגן, אַז דער צוויפּמיש פון שפּראַכן אין אַ סך פון אונדזערע פאָלקסלידער איז געווען אַ פועל־יוצא פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער, און ביי די חסידים איז נאָך צו דעם צוגעקומען דער ספּעציפישער עלעמענט פון זייער אידעען־וועלט, אין וועלכער מיסטיק און רעאַליטעט האָבן זיך אָפט קעגנזייטיק דורכגערופן. נאָך מער. די חסידים האָבן אין אַריינציען פרעמדע מעלאָדיעס, אָדער ווערטער אין זייער רשות אַריין געזען אַ מצווה. עס האָט ביי זיי געהייסן, אַז זיי האָבן די פרעמדע קלאַנגען אַרויסגעצויגן פון דער טומאה און זיי אַריינגעבראַכט אין עולם הרוח; אַזוי האָבן געטאָן דער רימיניוער, דער קאַליווער און אַנדערע רביים, און מן הסתם ציט זיך די דאָזיקע טראַדיציע פון בעל־שם־טוב, וועגן

שרה טרייסטער־מאָסקאָוויטש

## דריי שושנות

די ערשטע קליינע בלאָנדינקע
גיט קושן יעדן איינעם
האָט ליב זיך שפּילן ליאַלקעס
אויך מיט דער פּוכקע ווייסע קאַץ
זי חולמט מיט זיי טאַנצן איבער
רעגנבויגנס

די צווייטע שוואַרצחנעוודיק קלוג און
שלאַנק
שענקט קושן נאָר געציילטע
און פּוצט זיך שווונגיק מיט דער מאָדע
זי חלומט פון אַ בלומען חופּה
און זיבן וווּנדער מיט איין חתן אין איין
בעט

די דריטע רייף און קענטיק
קושט די טאָוולען פון אַ יידיש בוך
זי שפּייזט די גאָלדענע פּאַווע
און יעדן פרימאָרגן
אויף די ברייטע שטראַלן פליגל
פאָרט אויף איר אַוועק.

אָקטאָבער 1995

## שנירעלעך פּערל

אין בוידעם און קעלער
אין פאַרקלעמטע שופלאָדן
אין אַלט שטויביקע אַלמערס
ווו ס'ליגן פאַרפלאָנטערט פאַרלאָזענע
זאַכן
מיט ליאַלקעס אָן אָרעמס
און שיך אָן אָפּצאַסן
וואַרטן בלעטער פאַרגלעטע
פון מענטשן וואָס האָבן לאַנג צוריק
אין אָטעם פון לעבן
מיט האָפענונג געשאַפן

וואַרטן בלעטער פאַרגעלטע
מיט יידישע אותיות
צווישן טאָוולען פאַרבלייכטע וואָס ווערן
צעפאַלן

וואַרטן בלעטער פאַרגעלטע
מען זאָל ווידער אַנטדעקן
ווערטער אין זאַצן ווי שנירעלעך פּערל
וואָס פינקלען און בליסטשען אַריין אין
זיכורן
און בליציק באַלייכטן פולע זאַנגען פון
קאָרן
שטאָלץ הויך אויף די פרוכטבאַרע
פעלדער פון זומער
אין טונקעלע ווינטערע קעלט.

---

ווּעלכן אַנ־סקי דערציילט די פאָלגנדיקע מעשה:

"גייענדיק אין גאַס האָט ער (דער בעש"ט) דערהערט אַ שיכורער גוי זינגט. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעהערט זיין געזאַנג ביזן סוף. אַז די תלמידים האָבן אים געפרעגט וואָס ער האָט געפונען אין שיכורן גוים זינגען, האָט ער געענטפערט: אין אַ ניגון איז זיך אַ מענטש מתוודה אויף זיין לעבן, און אַז אַ מענטש איז זיך מתוודה, דאַרף מען אים אויסהערן." (זע: ש. אַנ־סקי, געזאַמלטע שריפטן, פופצנטער באַנד, ווילנע־וואַרשע־ניו־יאָרק, 1925, 260–261).

דאָס פאָזיטיווע אין דעם ראָזיקן פראָצעס פון קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן יידן און דער אויסערלעכער וועלט איז געווען דאָס, וואָס די אינפילטרירטע געזאַנגען האָבן זיך אינטעגרירט און זענען איינגעשלונגען געוואָרן אין אייגענעם יידישן.

פיניע פלאָטקין

## וועלטגעבוי

דער הימל וואָלט דערגיין צו נייע הייכן,
די ערד וואָלט אויסגעזען אין צען מאָל שענער,
ווען ווייטע שטערן וואָלטן האָבן שכל,
ווען ווייטע שטערן וואָלטן ריידן קענען.

צי קענען זיי ווי אויפּריכטיקע עדות
טאָג־איין, טאָג־אויס דעם אמת האַרציק ליבן?
צי וועלן זיי אַרויסגעבן די סודות,
וואָס זיינען פון דער ערד פאַרשפּאַרט געבליבן?

צי האָט דער מענטש צו זיי געוויסע טענות?
צי ווערט געננוג זיין אינטעלעקט באַרייכערט?
דער וועלטגעבוי און די געזעצן זיינע
צו אַלץ, וואָס לעבט און לעבט ניט, האָט אַ שייכות.

ס'איז קיל דער טוי, די לופט - געדיכט, דער באָדן - זעטיק
אין וועלטגעבוי איז אַלץ באַשטימט, באַשטעטיקט.

***

פאַרלאָזענע גערטנער -
ניט קאַלט, ניט הייס.
צי דאָ שטיין, צי נעענטער
פאַר מיר איז אַלציינס.

שטיקער פּרוכטבאַרע ערד
ווער פאַרכאַפּט, ווער באַשיצט.

ווו די קאַווקאַזער בערג -
גייען שלאַכטן ביז איצט.

שטעט, שטעטלעך ברענען...
פאַרוואָס? דערקלערט?
איין גאָט ווייסט דעם אמת
ווי דאָרטן איז שלעכט.

***

די גאָלדענע קייט, ווי די גאָלדענע זון,
אונדז, עלטערע מענטשן, פאַראייניקט, באַשיצט...
מיר גייען צופוס, מיר פאָרן אַרום,
מיר בלייבן ראָמאַנטיקער יונגע ביז איצט.
מיר ווערן אָפּהענטיק, ווען ס'זאָגט אָפּ דאָס האַרץ,
פאַרגעסן - ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.
מיר קלאָגן זיך זעלטן, מיר וויינען ניט שטאַרק
אויך דעמאָלט, ווען אונדז אומדערטרעגלעך טוט וויי.

לאָס אַנדזשעלעס 1995

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# מיין טשענסטאָכאָווו

אין מערץ 1946, ווען כ'בין צוריק געקומען פון גלות־רוסלאַנד קיין פּוילן, האָב איך שוין געוווּסט, אַז פון מיין גרויסער פאַרצווייגטער משפחה זענען לעבן געבליבן מיין געראַטעוועט מיידעלע, וואָס איז געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ קלויסטער־קינדערהיים, און מיין שוועגערין ליזאַ. פון געטאָ זענען געבליבן קופּעס שטיינער, גרוז און ברוכוואַרג, מיין יידיש געבוירנשטאָט שטענסטאָכאָווו איז מער נישט געווען. טשענסטאָכאָווו איז באַרימט געווען אין פּוילן ווי אַ הייליקע שטאָט צוליב דעם קלויסטער אויפן ליכטיקן באַרג (יאַסנאַ גוראַ) וואָס איז געבויט געוואָרן אין דרייצנטן יאָרהונדערט. דאָרט געפינט זיך די געקרוינטע מאַראָנע מיטן קינד, געמאָלט פון לוקאַס. הונדערטער יאָרן האָט דער קלויסטער און די מאַטקאַ באָסקאַ טשענסטאָכאָווסקאַ געריכמט ווי אַ קוואַל פון נסים, אַ הייליקע פעסטונג וואָס מיצקעוויטש האָט באַזונגען אין "פּאַן טאַדעוש": "אָ הייליקע מאַמע, וואָס אַ ליכטיקע דו באַשיצסט טשענסטאָכאָווו... און מיך־אַ קינד – דורך אַ נס האָסטו צוריק געזונט געמאַכט"...

צו פיסן דעם קלויסטער איז געלעגן אַ קליין פאַרגליווערט שטעטעלע טשענסטאָכוווקאַ. יידן האָבן דאָרט נישט געקענט וווינען מחמת דעם אַלטן מנהג: דע נאָן טאָלעראַנדי יודעיס. יידן – נישט טאָלערירט. אין סוף פון 18־טן יאָרהונדערט איז דער משומד פראַנק געווען פאַרשפּאַרט אין קלויסטער אַ סך יאָרן און די פראַנקיסטן האָבן זיך דאָרט צייטווייליק באַזעצט בכדי צו זיין לעבן זייער פאַלשן משיח. אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך געהערט דערציילן וועגן אַ גלח מאַצאָך וואָס האָט צוגעגנבט אַ ברילִיאַנטן אויג פון "גאָטס מאַמע" און צוליב זיינע פאַרברעכנס איז ער פאַרשיקט געוואָרן און געשטאָרבן אין אַ תפיסה. יאָרן שפּעטער איז אַ ייד, בייליס פון קיעוו, נאָך אַ לאַנג־דויערנדיקן משפט וועגן אַ בלוט־בילבול צום סוף באַפרייט געוואָרן. פאַר די פּוילישע אַנטיסעמיטן איז יעדער ייד געווען אַ בייליס. אַז אַ שייגעץ האָט מיך גערופן בייליס האָב איך אים געענטפערט: בייליס זשיע מאַצאָך גניע (בייליס לעבט, מאַצאָך פוילט). דאָס האָט נישט געמינערט פון דעם קלויסטערס הייליקייט און ביזן היינטיקן טאָג קומען דאָרפישע פּאַראַפיעס און שטאָטישע קאָנגרעגאַציעס אויף פּילגרימקעס צום הייליקן באַרג. אין גרינעם דאָנערשטיק האָבן יידישע קינדער מורא געהאַט זיך ווייזן אין גאַס בעת די פּראָצעסיעס מיט צלמים. איקאָנעס און געזאַנג: אַווע אַווע מאַריאַ.

נאָך דער צעטיילונג פון פּוילן, סוף אַכצנטער יאָרהונדערט האָבן יידישע משפחות פון די אַרומיקע שטעטלעך – אַמסטעוו, פּשערעוו, קלאָביצק, פּראָשקע, וולוין. זאָלעשין, יאָניוו, זשוריק, אָלשטין, לעלעוו א.א. זיך אַריינגעצויגן קיין טשענסטאָכאָווו און זיך באַזעצט לעבן דעם טייך וואַרטע. צווישן די פּיאָנערן זענען געווען מיינע עלטער־זיידעס. זיי האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער ערשטער אַלטער שיל מיטן בית מדרש, מקווה, תלמיד תורה און כל ערליי אינסטיטוציעס. אין משך פון בלויז הונדערט יאָר האָט זיך פון דעם קליינעם יישוב אַנטוויקלט אַ גרויסע שטאָט טשענסטאָכאָווו, וואָס האָט זיך געצויגן פון דעם וואַרטע־טייך, דעם יידישן געטאָ־רעוויר, ביז דער פּוילישער "יאַסנאַ גוראַ". מיט ווייזיע און גרויסשטאָטישן פאַרנעם האָבן יידן געבויט פאַבריקן, וואַרשטאַטן, אייזן־און גלאָז־הוטעס, מאַנופאַקטור, אַ פּאַפּיר־פאַבריק, דרוקערייען א.א.וו.

אין באַנאַנד מיט דער אינדוסטריע און מלאכה, אומצייליקע געשעפטן און מאַרק־ירידן, האָבן פילאַנטראָפּן געבויט אַ יידיש שפּיטאָל, אַ גרויסאַרטיקע שיל, צוויי יידישע גימנאַזיעס, פאָלקסשולן, חדרים. אין מיין צייט, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָט זיך אַנטוויקלט אַ פילפאַרביק קולטור־געזעלשאַפטלעך לעבן פון פּאַרטייען, פּאַראייניגן, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ביבליאָטעקן, יידישע צייטונגען, טעאַטער, כאָרן וכדומה. פרומע יידן האָבן געטראָגן יידישע היטלעך און קאַפּאָטעס. אין שטאָט זענען באַקאַנט געווען רבישע דינאַסטיעס, זייערע הייף, שטיבלעך און קלויזן־איך געדענק דעם בית עלמין. אין סאַמע פראָנט צווישן די מצבות פון רבנים, כלל־טוער האָט אַרויסגעשטערטשעט די מצבה פון מיין עלטער־זיידן ר' יצחק הערש. דערנעבן איז געשטאַנען דער מאָנומענט פון די קדושים אין פּאָגראָם – 1919, ווען פוילן האָט צוריק געוווּנען אומאָפּהענגיקייט, און נאָכן חורבן – דער מאָנומענט פון די אומגעקומענע פּאַרטיזאַנער.

*

אין טשענסטאָכאָוו בין איך געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ געגנט וואָס האָט געלעבט, געערדט און געזונגען אויף מאַמע־לשון. קינדער האָבן זיך אויף יידיש געשפּילט, זיך געפּרייט, געלאַכט און געוויינט; מאַמעס האָבן זייערע קינדער פאַרוויגט מיט יידישע פאָלקס־לידער. אויף חתונות האָט געשפּילט קלעזמער־מוזיק און בדחנים האָבן מיט גראַמען באַזונגען די כלות מיט האַרציק־אימפּראָוויזירטע יידישע ווערטער.

אין טשענסטאָכאָוו האָב איך דורכגעלעבט מיין קינדהייט, מיין יוגנט ביזן מיליטער־דינסט, בלויז 21 יאָר. דערנאָך האָב איך געוווינט אין דאַנציג, לאָדזש, וואַרשע אָטוואָצק; געוואַנדערעוועט אין מלחמה־צייט אין רוסלאַנד, פּאַריז, האַוואַנאַ־קובאַ ביז ניו־יאָרק וווּ איך וווין עד היום.

מיין טשענסטאָכאָוו איז אומגעקומען בימי החורבן. אין איבערמענטשלעכע ענויים איז זי פאַרלענדט געוואָרן מיט איר שפּראַך און קולטור, מיט איר רייכן שאַפערישן פאָלקלאָר אין אַ רעגנבויגן פון קאָלירן וואָס זענען מער היינט נישט בנמצא. מיין שטאָט מיט די אַרומיקע שטעטלעך זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעגענדעס, יר־ושמס, פּילדערס אויפן דאַך. ווייניק זענען נאָך געבליבן פון די לעבעדיקע עדות, און איך בין אויך איינער פון די לעצטע געדענקערס. וויל איך צוריקמישן די בלעטער פון זכרון, דערציילן פון מיין לעבן אין טשענסטאָכאָוו, פון מיין קינדהייט, חדר־יאָרן, משפחה־לעבן, גימנאַזיע, פּוילישע שכנים, פאָלקלאָר, יוגנט־פריינד, אַספּיראַציעס און ליבעס.

2

צו מיינע פינף־זעקס יאָר געדענק איך אַ גרויסן הויף וואָס האָט זיך געצויגן פון טויער אויף דער שיל־גאַס ביזן וואַרטע־טייך. אויף ביידע זייטן הויף זענען געשטאַנען נידעריקע ליימענע הייזקעס, איינשטאָקיקע הילצערנע באַלקאָנען מיט ענגע שטיבעלעך, ווו ס'האָט געוווינט אַ גרויסע צאָל אָרעמע יידישע משפחות: טרעגערס, באַלעגאָלעס, שניידערס, שוסטערס, סטאָליערס, הענדלערס, מאַרק־שטייערס און שנאָרערס. געציילטע סוחרים פון מיטל־קלאַס האָבן געוווינט מיט זייערע משפחות אין צוויי שטיבער. דער גויישער באַלעבאָס, דער פּריץ, האָט געוווינט אין אַ באַזונדער הויז מיט אַ גרויסן בירנבוים אין פראָנט פון דער געביידע. מיר האָבן אויך געוווינט אין אַ שענערע ווינונג בשכנות מיט דער מומע זלאַטעס משפחה. איך האָב זיך געשפּילט אויפן הויף מיט אַ

גרויסער כאַליאַסטרע קינדער. מײַנע בײדע זיידעס האָבן געוווינט נעענטער צו דער אַלטער שיל. און די אײניקלעך זענען געקומען יעדן שבת נאָך שבת־אויבסט. איך בין געווען דער פערטער פון בערלס פינף קינדער.

*

ס'איז געווען באַלד אין סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; אַ צייט פון הונגער און נויט; טיפוס און אַנדערע קראַנקייטן. מענטשן זענען געשטאַנען אין לאַנגע רייען אַ גאַנצע נאַכט צו קויפן ברויט אויף ברויט־קאַרטן. איך בין געגאַנגען אין חדר, שוין אָנגעהויבן לערנען חומש, געלערנט אַ גאַנץ יאָר חוץ שבת און יום־טוב. זומער זענען אַ סך קינדער געקומען אין חדר באָרוועס. קינדער האָבן זיך געשפּילט אַלערליי שפּילן אויף יידיש מיט ווערטלעך, אויסציילן מיט פּסוקים, פּילקע־שפּיל, זוכעניש, שפּאַס־לידער און יום־טוב שפּילערייען. קינדער האָבן זיך געשפּילט אין אַלע סעזאָנען פון יאָר. ווינטער אויפן אייז און אין די הייסע זומערן געפּליעסקעט און געשווומען אין דער וואַרטע ביים יידישן שפּיטאָל.

מלמדים זענען נישט באַליבט געווען ביי די קינדער און האָבן געהאַט צונעמען: דער אָנגעברענטער, דער גראָבער מאיר, ווייסער קאַזשאַל, בנימין ליטוואַק, וכדומה. סע זענען אויך געווען מלמדים מיט לערערישן טאַלאַנט און מיט ליבשאַפט צו קינדער. חדר־ייִנגלעך האָבן אויך געהאַט זייערע טשיקאַוועקייטן. למשל, גיין צו קימפּעטאָרינס אין די זיבן טעג ביזן ברית און אָפּזינגען דעם המלאך הגואל אותי מכל רע... דאָס קינד זאָל ווערן געהיט פון די מלאכים רפאל, אוריאל, מיכאל, גבריאל; און איבערן קעפּל זאָל רוען די שכינה...

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען גמרא האָבן די קינדער מיטגעבראַכט לאַמטערנס. יעדן שבת האָט מען געלערנט פּרק (פּרקי אבות) און געוואָרן אויסגעהערט פון וואָליער רב אָדער אַ גרויסן למדן. פון יענע קינדער־יאָרן איז מיר געווען איינגעבאַקן אין געדעכעניש אַ מלמד וואָס האָט געלערנט העברעישע שירים און אַליין צוגעפּאַסט ניגונים. יענע קינדער־לידער געדענק איך נאָך היינט בעל־פּה. מײַנע עלטערן זענען געווען מער מאָדערן. דער טאַטע האָט פאַרלאַנגט, אַז דער רבי זאָל מיך באַפרייען צוויי טעג יעדע וואָך פון דריי נאָך מיטאָג פאַר גימנאַסטיק אין יידישן ספּאָרט־פאַריין.

ל"ג בעומר איז געווען דער איינציקער טאָג אין יאָר וואָס דער רבי האָט אונדז געפירט הינטערן שטאָט זיך שפּילן מיט פייל און בויגן. יידישע קינדער האָבן מורא געהאַט אַליין זיך אַוועקלאָזן אין פעלד, וואַלד, געניסן פון דער פרישער לופט און זיך זעטיקן מיט דער שיינקייט פון דאָרף, מחמת די בייזע בילנדיקע הינט און די שטיינער וואָס זענען געפלויגן איבער די קעפּ. איך געדענק די שטילע פרייידיקע שבתים און יום טובים: די פּסח־סדרים, שבועות־גרינסן, די לשנה טובהס, סוכה־דעקאָראַציע און דאָס גיין ערב יום כיפור פאַר כל נדרי צום זיידן נאָך אַ ברכה. דער זיידעשי האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן קאָפּ און געבענטש מיט יעקב אבינוס ברכה ישמך אלקים כאפרים וכמנשה.

דער טאַטע איז געווען אַ טראַדיציאָנעלער און קולטורעלער ייד. ער האָט געלייענט גרעץ, פּרץ, שלום עליכם; ער האָט ליב געהאַט טעאַטער. אין די פרייטיק צו נאַכטן געזונגען יידישע לידער פון וואַרשאַווסקי, גאָלדפאַדן; רעציטירט די צוויי קוני לעמלס, געלייענט פאַר אונדז שלום עליכם און די קינדער האָבן געקוואָלן. דאָס לעבן איז געווען שווער, פּרימיטיוו, אָן באַקוועמלעכקייטן אָבער אַ סך שיינקייט, טראַדיציע, נוסח

האָט געהערשט אין די הייזער פון יידישע פאָלקסמענטשן; דאָס האָבן די פאָלקסמענטשן געשאַפן מנהגים לדורות און יעדער דור האָט עפּעס צוגעגעבן אָדער געענדערט אויף אַ נאַטירלעכן אופן, צוגעפּאַסט צו דער צייט.

*

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָבן מיר שוין געווינט אויף דער וואַרשעווער גאַס, אין אַ שענערער דירה מיט די נייטיקע באַקוועמלעכקייטן, אין דריי און אַ האַלבן צימער האָבן געוווינט טאַטע־מאַמע, פיר זין און אַ שוועסטער, וואָס האָט געלערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע פאַר מיידלעך. דער עלטסטער ברודער האָט שוין געמסחרט, געפאָרן אויף אַ ראָווער און ווי אַ חלוץ זיך געגרייט פאָרן קיין ארץ ישראל, ס'איז געווען צוויי יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. 1919 האָט אונדזער שטאָט געפייערט פּוילנס אומאָפּהענגיקייט מיט אַ פּאָגראָם... אין פּאָגראָם האָבן זיך באַטייליקט אַרבעטער, לומפּן־פּראָלעטאַריער, סטודענטן, זעלנער־האַלערטשיקעס, און די פּאָליציי האָט אַוועק געקוקט. איך געדענק די שרעק, די פאַרפּראַלטע טירן און טויערן: מיין פעטער כתריאל מיט אַ פרענט אויפן הויף האָט גערופן די שכנים זיך צו פאַרטיידיקן. איך געדענק די לוויות פון די קדושים נאָכן פּאָגראָם.

*

אין סאַמע ברען פון דער מלחמה צווישן פּוילן און רוסלאַנד איז מיין עלטסטער ברודער שוין געווען אין ארץ ישראל. איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין ערשטן קלאַס פון דער יידישער גימנאַזיע. דער דירעקטאָר איז נאָך דעמאָלט געווען דער היסטאָריקער דר. מאיר באַלאַבאַן. געלערנט האָבן מיר פּויליש און העברעיש אָבער צווישן זיך האָבן מערסטן קינדער גערעדט יידיש.

אין גימנאַזיע האָט דער לערער פון קונסט ווילנבערג מיר אַרויסגעוויזן ספּעציעלן אויפמערק; געהייסן ווייזן מיינע צייכענונגען דעם דירעקטאָר און געבעטן מיינע עלטערן קומען רעדן מיט אים. מיינע עלטערן זענען געווען פאַריאָגט מיט זייערע אַרבעטן און דאגות און איך האָב אויך נישט געמאַכט דערפון קיין עינין. דער לערער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער קינסטלער מיט אַן אייגענעם נוסח פון דעקאָרירן יידישע אותיות און סימבאָלן. ער האָט אין די דרייסיקער יאָרן אויפגעפרישט מיט גרויסאַרטיקע מאַלערייען די אַלטע שיל. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז די שיל פאַרברענט געוואָרן פון די דייטשן און פון פּוילישע כוליגאַנעס.

זומער 1922 האָט דער העברעישער לערער יאַנאָווסקי אויסגעקליבן פון מיין קלאַס אַ צאָל תלמידים פאַר אַ קבוצה אין השומר הצעיר. די סקויטיש־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וואָס איז באַשטאַנען מערסטן פון שול־און גימנאַזיע־תלמידים האָט זיך אַנטוויקלט, אויסקריסטאַליזירט אין אַן אייגענער פּראָגרעסיווער דערציערישער השקפה, וואָס איז געווען אַ זעלטנקייט אין דער געשיכטע פון יוגנט־באַוועגונגען.

ס'איז דעמאָלט געווען אַ צייט פון דעמאָקראַטיזאַציע אין געווימל פון פּאַרטייאישע אידעאָלאָגיעס מיט זייערע פּראָפּאַגאַנדעס און מאַסן־פאַרזאַמלונגען צו שטימען פאַר זייערע ליסטעס צום פּוילישן סיים. אויך די יוגנט איז געווען באַאיינפלוסט פון די פאַרשידענע ריכטונגען, אָבער איך בין געווען אַקטיוו אין השומר הצעיר אַלע מיינע יונגע ראָמאַנטישע יאָרן ביזן מיליטער־דינסט. דאָרט איז געווען מיין סביבה, מיין חינוך מיין גייסטיקע משפּחה. מיר האָבן אַ סך געלייענט פון פּאָעזיע, בעלעטריסטיק ביז וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע ווערק אין פּויליש, העברעיש אָבער לרוב אין יידיש.

וועגן השומר הצעיר אין טשענסטאָכאָוו האָב איך געשריבן ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן. איך האָב זיך אויך באַטייליקט מיט זכרונות וועגן שומרישן קן אין אַ ישׂראל קיבוצישער שריפֿט. מיין טעמע איז געווען "עשר שנות חיים בהשומר הצעיר".

3

מיין משפחה־לעבן איז נישט שטענדיק געווען נאָרמאַל. ווען כ'בין אַלט געווען איין יאָר האָט אונדזער משפחה באַנאַנד מיט אַלע קרובים, פֿעטערס קוזינען, קינדערוואָרג, אַלטוואַרג, עמיגרירט קיין לאָנדאָן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען מיינע זיידע־באָבע אַוועק צו דער טאָכטער מירעלע קיין ניו־יאָרק און נאָך צוויי יאָר זענען זיי צוריקגעקומען אין זייער היימשטאָט ווינען אין דער שטילער שיל־גאַס מיטן רוב קינדער און אייניקלעך.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן מיינע עלטערן כמעט ליקווידירט זייער האָב און גוטס; די געשעפֿטן, די שטוב, דאָס מעבל און גרייט געווען עמיגרירן קיין ארץ ישׂראל צו מיין ברודער אין טבריה, אָבער דער פּלאַן איז קאַליע געוואָרן. דער ברודער איז אַוועק ווינען קיין בערלין, וווּ ער האָט חתונה געהאַט. דערנאָך - געוווינט אין דאַנציג. אַזוי האָבן מיר נישט אויפֿגעהערט וואַנדערווען. זוכן אַ פֿריינדלעך לאַנד, אַן אָרט צו לעבן אין זיכערקייט מיט שכנים און בעסערע פּרנסה־געלעגנהייטן פֿאַר זיך, פֿאַר דער משפּחה, פֿאַר אונדזער שבט. אָבער דערווייל זענען מיר געבליבן ווינען אין טשענסטאָכאָוו, וואָס איז געווען צווישן די יידנפֿיינטלעכסטע שטעט אין פּוילן. ווי אַ קינד פֿון צען יאָר. געדענק איך די אַנטיסעמיטישע פּלאַקאַטן אין די גאַסן מיט אילוסטראַציעס, וואָס האָבן געוויזן די באָלשעוויקעס, קאָזאַקן מיט נאַגייקעס טרייבן דורך די גאַסן די שטילע גאָטפֿאָרכטיקע פּאָליאַקן; און יידן מיט בערד און פּאות מיט לאַנגע נעז, באַנאַנד מיט זייערע פֿרויען און קינדער קוקן זיך צו און קוועלן. מיט שרעק און פֿאַרדראָס האָב איך וועגן דעם שקר־בלבול דערציילט דער מאַמען. ס'איז מיר אויך געבליבן אין זכרון אַן איבערפֿאַל פֿון מיליטערלייט אויף דער יידישער גימנאַזיע מיט אַ באַשולדיקונג, אַז פֿון גימנאַזיע־דאַך האָבן יידן געוואָרפֿן שטיינער אויף די מאַרשירנדיקע זעלנער און אָפֿיצירן.

איך געדענק די אָפֿטע עקסצעסן און מהומות פֿון אויפֿגעהעצטע המונים, וואָס זענען געקומען ראַבעווען אין אַלטן מאַרק, ווו יידישע סטראַגאַניאַזשעס האָבן פֿאַרקויפֿט זייערע סחורות, מלבושים, שיך, מעבל און עסנוואַרג. די פּאָליציי האָט זיך נישט געוויזן, געמאַכט זיך נישט וויסן, נישט זען. אין אַלטן און נייעם מאַרק האָבן געוווינט מיינע פֿעטערס, מומעס און קוזינען. יידן זענען געווען צוויי מאָל אַ וואָך. פֿון די דערפֿער האָבן גויים אויף זייערע פֿורן געבראַכט צו פֿאַרקויפֿן דאָרף־פּראָדוקטן און איינגעקויפֿט ביי יידן קליידונג פֿאַרן הויזגעזינט.

דער אַלטער מאַרק איז געווען דער צענטער פֿון יידישן פֿאָלקסלעבן און אַ שפּיל־פּלאַץ פֿאַר יידישע קינדער. אין אָוונט ביז שפּעט נאַכט - אַ טרעפֿפּונג פֿאַר פֿאַרליבטע פּאָרלעך, שבת איז דער מאַרק געווען לייִדיק און שטיל. פֿרומע יידן מיט זייערע קינדער און אייניקלעך זענען גאַנץ פֿרי געגאַנגען אין די שילן, שטיבלעך, קלויזן און חברות צום דאַווענען. מאָדערנע יונגוואַרג האָבן זיך געטראָפֿן אין אָרגאַניזאַציעס, לאָקאַלן פֿון השומר, פּועלי ציון, בונד, אָדער אַוועק שפּאַצירן אין די שיינע אַלייען וואָס האָבן זיך געצויגן צו די צוויי פּאַרקן ביז דער יאַסנע גורע.

אונדזער שטאַט, ווי אַלע שטעט אין פוילן, האָט אויך געהאַט אַ יידישע אונטערוועלט וואָס איז באַשטאַנען פון גנבים, שלעגערס, פּראָסטיטוציע־הייזער וכדומה. זיי האָבן געוווינט מייִנסטן אין דער אָרעמער געגנט וואָס מען האָט גערופן געטצעוויזנע. זיי זענען באַקאַנט געווען מיט זייערע צונעמען, אַוואַנטורעס און ווי הפקר־יונגען וואָס לאָזן זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע; זיי זענען געווען אַ טייל פון פאָלק, פון די ערשטע זיך קעגנצושטעלן די פּאָגראָמשטשיקעס און זיך אָננעמען פאַר עוולות. ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין משוגעים, בטלנים, קאַטאַרינאַזשעס, משומדים, גרים, אַסימילאַטאָרן; אַ גרויסע צאָל דאָקטוירים, פּראָפעסיאָנאַלן און פאָלקס־אינטעליגענטן. פּאַרטייען האָבן געהאַט זייערע רעדנער אין צייט פון וואַלן פאַרן פוילישן סיים, שטאָטראַט אָדער גמינע. דער בונד, די לינקע פועלי ציון, די פאַראייניקטע און די יידישע קאָמוניסטן זענען געווען אַקטיוו אין דער יידישסטישער פאָלקסשול (פּרץ־שול). אין השומר הצעיר האָבן די חניכים גערעדט ייִדיש, פּויליש און געלערנט העברעיש ווי די שפּראַך פון ארץ ישראל.

איך בין געווען אַ יידישיסט, פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור, אין יידישן טעאַטער, אין יידישן פאָלקסמענטש. כ'האָב אָנטיילגענומען אין קורסן פון דער פאַרערנער יידישער ליטעראַטור אין פוילן, אַמעריקע און סאָוויעט־רוסלאַנד. די קורסן זענען אָפּט פאָרגעקומען אין דער ביבליאָטעק אויף דער קרוטקע־גאַס, אין הויז פון דער פּרץ־פאָלקסשול. מיר האָבן נישט דורכגעלאָזט די פּרעכטיקע רעפעראַטן פון דר. יוסף קריק, זרבבל און באַקאַנטע יידישע שרייבערס. אין טשענסטאָכאָווו האָבן גאַסטראָלירט אַקטיאָרן, זינגערס און רעציטאַטאָרן. טעאַטער־טרופּן פון ווילנע, וואַרשע, ניו־יאָרק און דער לאָדזשער אררט האָבן געשפּילט אין אָנגעפּאַקטע זאַלן, מערסטן מיט יוגנט, בחורים און מיידלעך. ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין אַמאַטאָרישע אייגענע פאָרשטעלונגען. דער קן פון השומר הצעיר האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זיינע קולטור־אונטערנעמונגען, קאָנצערטן, פאָרשטעלונגען אין יידיש און אין העברעיש. אין די אימפּרעזן בין איך געווען בייהילפיק מיטן פּראָגראַם־אויסקלייב, דראַמאַטיזאַציע און רעזשיע.

4

איך האָב געשריבן לידער וועגן מיינע צוויי זיידעס און דער באָבע רחלע. דער זיידע יענקל איז געווען אַ לערנער. איך געדענק די פולע שראַנק מיט ספרים, אויפן טיש אַ רמב"ם, אַ זוהר א.א. פון דער מאַמעס צד – דער זיידע מענדל איז געווען אַ פּשוטער פאָלקסמענטש, אַ פישער און אַ תהילים־ייד וואָס איז געקומען פון זאָלעשין מיט אַ גרויסער משפּחה־יתומים. אין טשענסטאָכאָוו האָט ער צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט דער מומע פרוווע וואָס האָט אים געבוירן צוויי טעכטער, ביידע – קראַסאָוויצעס. פון מיינע פריע קינדער־יאָרן געדענק איך מיין מאַמע פאָרן קיין זאָלעשין מיט די טעטערס און זיידע מענדל אויף קבר אבות זיך אויסוויינען אויפן קבר פון מיין באָבע חנה, וואָס איך הייס נאָך איר, (חנן) איך האָב געגאַרט צו זען דאָס שטעטעלע און צו מיינע זעכצן יאָר בין איך זומער־צייט אויף וואַקאַציע אַוועק אין זאָלעשין, ווי אַ פּריוואַטער לערער פון העברעיש אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. געפאָרן בין איך מיט אַ בעל עגלה דורך יידישע שטעטלעך און פּוילישע דערפער, לאַנקעס, קאָרפעלדער, פרוכט־סעדער און געדיכטע וועלדער, און נאָך 5–6 שעה האָבן

זיך די פערד מיטן וואָגן צעבריקעוועט באַרג־אַראָפּ דורכן בריק גלייך אַריין אין מיטן זאָלעשינער מאַרק. איינגעשטאַנען בין איך ביי דעם יונגן סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין שטעטל בין איך געווען פיר וואָכן צייט, זיך פאַרחברט מיטן יונגוואַרג. געגעבן לעקציעס אין לאָקאַל און פריוואַט געלערנט כלה־מיידלעך שרייבן יידיש, יידישע בריוועלעך צו געליבטע חתנים, וואָס זענען אַוועק קיין אַמעריקע. דאָס שטעטל איז געווען אַ פּאָר הונדערט יאָר אַלט, נאָך פון סאָביעסקיס צייטן און פון ר' דודל לעלעווער. אין דער הייך אויף אַ בערגל איז געשטאַנען די טימע און אַראָפּ אין טאָל – די שיל, די מקווה און די חדרים. דער רב איז געווען אַ תלמיד חכם און דער חזן מיטן כאָר האָט ממש באַצויבערט דאָס שטעטל. דער מאַרק איז געווען אַרומגערינגלט מיט קליינע הייזלעך, קלייטן און אַ שענק, וואָס האָט געוואַרט אויף אַ קונה. ווי אין אַלע שטעטלעך האָבן זיך געדרייט אַ צוויי משוגעים און אַ שטיקל פילאָזאָף, אַ בטלן און אַן אַלץ־ווייסער.

אַ חבר וואָס איז באַשטראָפט געוואָרן פון געריכט צו גיין זיצן אַ חודש אין "קאָזע" – אַ הילצערנע שטאַל אויסגעבעט מיט שטרוי, האָט ביי זיך געהאַלטן דעם שליסל אין קעשענע, ער זאָל קענען שבת גיין אין שיל. שבת נאָכן טשאָלנט האָט די יוגנט שפּאַצירט בנעימותדיק איבער דער בריק הין און צוריק. אַלע האָבן געגאַרט וווינען אין אַ גרעסערער שטאָט אָדער עמיגרירן קיין אַמעריקע. דאָס שטעטעלע האָט געצאַנקט. אין ניו־יאָרק האָב איך אין 1948 אָנגעטראָפן אַ זאָלעשינער סאָסייעטי און דערקענט יענע חברים פון שטעטל.

*

צוליב דעם אומזיכערן צושטאַנד און שטענדיקע פּלענער צו עמיגרירן האָב איך געמוזט איבעררייסן די לימודים, פּראָבירט לערנען אַלערליי מלאכות, אַפילו גערטנעריי; געווען אויף הכשרה אין סעמיאַטיטש און דאָך נישט גרייט געווען פאָרן קיין ארץ ישראל. איך בין דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט סאַרקע קוטנער, אַ חברטע פון השומר הצעיר. מיר זענעןביידע געווען פאַרליבט מיט אַנאַנדער. געלערנט זיך צוזאַמען העברעיש ביי דעם לערער שיפער; פאַרטאָג אָפּט אַוועק אין פאַרק לייענען פּאָעזיע, שפינאָזע, ניטשע אָדער אחד העם. זי איז אַוועק לערנען אין וואַרשע אין אַ שול פאַר קראַנקן־שוועסטערס אויף טשיסטע. איך האָב געמוזט זיך שטעלן צום מיליטער־דינסט; מיינע עלטערן מיט דער משפחה האָבן זיך איבערגעצויגן קיין דאַנציג. נאָך דער באַפרייונג פון מיליטער האָבן איך ביז 1935 געוווינט אין דאַנציג און סאַרקע איז געוואָרן די הויפּט־שוועסטער אין זאָפּיוווקע־שפּיטאָל אין אָטוואָצק. איך האָב זיך מיט מיין מיידל קאָרעספּאָנדירט, אָפט געטראָפן און צוזאַמען פאַרברענגט אין די פּוילישע בעסקידן־בערג.

אין 1936 האָבן מיר חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין לאָדזש. איך בין געווען דער איינקויפער פאַר מיין טאַטנס געשעפט אין דאַנציג און סאַרקע האָט אָנגעפירט אַ קליין שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע ביי דער יידישער קהילה. איך האָב געהאַט גענוג צייט אויף זיך לערנען אין אַ מלוכהשער אָוונט־גימנאַזיע און געמאַכט מאַטורע־1938. אונדזער טעכטערל איז שוין געווען אויף דער וועלט אַ האַלב יאָר.

סוף 1938 האָט זיך אונדזער גאַנצע משפחה צוריק געצויגן קיין טשענסטאָכאָוו. די צייט איז געווען אַ סכנהדיקע. דייטשלאַנד האָט געדראָעט מיט מלחמה און אומברענגג פון די יידן. נישט געקוקט אויף דעם ווילדן פּוילישן אַנטיסעמיטיזם האָבן מיר זיך ווידער

איינגעאָרדנט אין אונדזער היימשטאָט טשענסטאָכאָווו. די שטאָט איז שענער געוואָרן, רחבותדיקער און מאָדערנער. קאַנאַליזאַציע און באַקוועמלעכקייטן אין די הייזער, אויטאָבוסן פאַר דער שטאָט־טראַנספּאָרטאַציע, נייע קינאָ־הייזער, גרויסע יידישע געשעפטן און פאַבריקן; און דאָך איז געווען אַ געדריקטע שטימונג. אַלע האָבן געדענקט דעם פּאָגראָם פון 1937. די מאַרקן זענען איבערגעפירט געוואָרן אין גויאישע געטער, הינטער דער שטאָט און יידן האָבן מער נישט געקענט געניסן פון שטאָטישן פּאַרק. דער השומר הצעיר האָט אַלץ נאָך עקזיסטירט און אויך די הכשרה אין די יידישע גערטנער־פאַרם; אָבער דאָס רוב פון מיינע חברים זענען שוין געווען אין ארץ ישראל און אין פּאַריז. יידן האָבן געגאַרט צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, ממש זיך ראַטעווען פון קלעם. די גאַנצע וועלט איז געווען פאַרהאַמערט. מיין פעטער האָט מיר געזאָגט: "איך וויל האָבן די זכיה קומען קיין אַמעריקע, טוען די שווערסטע אַרבעט און לעבן בצמצומדיק, אַבי אָן שרעק, פּוילן איז געוואָרן אַ פאַסטקע".

יידישע געשעפטן זענען געוואָרן פּיקעטירט אין הסכם מיט דער "אָווּשעם" - פּאָליטיק פון פּוילישן פּרעמיער סקלאַדקאָווסקי: "עקאָנאָמישער קאַמף קעגן יידן - עד רבה". די גרעקעס, ענעראַווצעס האָבן געהעצט צו פיזישע אָנגריפן, נאָכגעטאַנצט היטלער־דייטשלאַנד, און היטלער האָט צוגעגרייט אַן אינוואַזיע אויף פּוילן. מיט די צוגעוואַנדערטע יידישע משפחות פון די שטעטלעך איז די טשענסטאָכאָווער קהילה געוואַקסן ביז פערציק ,פופציק, זעכציק טויזנט.

*

סוף מאַי 1939 האָב איך מיט מיין פרוי און קינד שוין געוווינט אין אָטוואָצק. סאַרקע האָט ווידער אָנגענומען די אַרבעט אַלס הויפּט־שוועסטער אין דער זאַפּיווקע און איך האָב געטאָן אָפּיס־אַרבעט.

די מלחמה איז אויסגעבראָכן דעם 1־טן סעפּטעמבער - פרייטיק, און שבת אין דער פרי איז די דייטשע אַרמיי געווען אין טשענסטאָכאָווו. דער טעראָר, די טיראַניע און אומברענג האָט זיך אָנגעהויבן דעם דריטן טאָג, באַקאַנט ווי דער בלוטיקע מאָנטיק אין טשענסטאָכאָווו.

רעצעמבער 1939 בין איך אַריבער דעם בוג אויף דער רוסישער זייט.

## עפּילאָג

מערץ - 1946. יחידים וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה און חורבן זענען צוריקגעקומען פון אוישוויץ, בוכענוואַלד, דאַכאַו, בליזשין, בערגען־בעלזען און אַנדערע לאַגערן און טויטמאַרשן; די באַפרייטע פון האַסאַג און די פּליטים פון רוסלאַנד, ווי אויך באַהאַלטענע אין בונקערס און יחידים - געראַטעוועטע דורך פּאָליאַקן, אויף דער אַרישער זייט. אַלע זענען זיי צוריקגעקומען אין אונדזער היימשטאָט טשענסטאָכאָוו זוכן אַ לעבן־געבליבענעם קרוב. דער געטאָ איז געוואָרן אַ באַרג גרוז, צעקרישלט גלאָז און שטויב. די אַלטע און די נייע שיל - פאַרברענט. די קאַוועַ־גאַס איז געוואָרן אַ מאַסן־קבר פאַר טויזנטער קדושים. איך דריי זיך אַרום אַ פרעמדער מיט דערשראָקענע אויגן. איך גיי פאַרביי מיין טאַטנס גרויס געשעפט, כ'דערקען די שילד, די פרענטן איפן טיר און פענצטער; אין מיינע עלטערנס וווינונג האָבן זיך גויים איינגעהיימישט. זיי קוקן אויף אונדז מיט אומרו און פאַרדאַכט: אפשר וועלן זיי דאַרפן צוריקגעבן דאָס צוגערויבטע גוטס. געוועזענע יידישע אינסטיטוציעס, שפּיטאָלן. פאַראייִנען.

לאה שלאָסמאַן / פלאָרידע

## די לאַנדשאַפט פון האַרצן

עלנט ווי אין מדבר אַ געשריי...
דער טאַטע, ווען די מאַמע איז געשטאָרבן,
האָט זיך גענומען צו מאָלעריי,
די ביטערע שעהען פאַרטרייבן.

וואַקסן אַרויס פון זיין פענדזל
וועלדער, גערטנער, אַן אָזערע,
אַ דאַך פון אַ פאַרוואָרפן הייזל.
די קאָלירן העלע, זוניקע
ווי אַ האָפענונג זיך אומצוקערן
צו ליכטיקע טעג, פאַרשוווּנדענע.

קיין מענטש באַווייזט זיך אָבער נישט
אין דער ליידיקער וועלט פון זיין קאַנווע.
פאַר די אויגן שוועבט אים כסדר
אַ זיס פּנים, אַן אײדעלע פיגור
וואָס איר שאָטן פאַרשטעלט אַלע אַנדערע
נאָר דערנענטערן לאָזט זי זיך נישט.

צי איז פעיִק אַפילו אַ מייסטער
אויסצומאָלן דאָס געשטאַלט פון ליבע?
יאָרן אַזוי פיל צוזאַמענזיין,
ווי צאַמט מען זיי איין אויף אַ קאַנווע?

---

האַנטווערקער־שול, גמינע־הייזער, ספּאָרט־און טורן־פאַראיין. גימנאַזיעס, די פּרץ פּאָלקס שול, געבויט מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער בני עיר, האָבן פּאָליאַקן איבערגענומען, געגעבן נייע נעמען און נייע שילדן. הפקר־יונגען פון אַ.ק.שלעפּן פון די באַנען. אין קעלץ קומט פאָר אַ פּאָגראָם אויף די צוריקגעקומענע פּליטים, צוליב... אַ בלוט־בילבול: 48 יידן זענען אומגעקומען פון די קעלצער פּאָליאַקן. פון מיין גרויסער משפּחה זענען געבליבן דריי: איך, מיין טאָכטער רוטקאַ און ליזאַ, וואָס איז געוואָרן מיין פרוי. מיר גרייטן זיך צו פאַרלאָזן פּוילן. איך געזעגן זיך מיט די חורבות פון מיין באַליבטער אויף אייביק פאַרוויסטער היימשטאָט, וואָס מיר וועלן נישט פאַרגעסן.

לייב באַראַוויק / ניו־יאָרק

## מיין שליחות

אַזוי פיל מאָל דעם טויט געזען כ׳האָב פאַר די אויגן-
אין אוישוויץ דאָרט. ווו כ׳בין געווען מיט אים פער דו;
אַן איינזאַמער עד־ראיה פון די חורבן־גרוילן,
כ׳וויער מידער, מידער. יעדער גליד מיין גאַרט נאָך רו.

ס׳פאַרטראָגן נאַכט־חלומות מיך אַהין קיין פוילן,
ווי ס׳איז אין שייטערפלאַם מיין עדה אויסגעגאַן;
איך פרעג נאָך אַלץ, וואָס האָט ער, דער בורא־עולם
געשוויגן דאַן? כאָטש כ׳וויס, קיין ענטפער ז׳ניט פאַראַן.
ס׳טוט ס׳לעצט געיאָמער פון די קדושים וטהורים
באַגלייטן מיך אין גאַנג מיינעם צום שלווה־לאַנד.

אַזוי פיל מאָל דעם טויט געזען כ׳האָב פאַר די אויגן
אין לאַגער דאָרט, ווו כ׳בין געווען מיט אים פער דו;
אַן איינזאַמער עד־ראיה פון די חורבן־גרוילן,
איך בלייב געטריי מיין שליחות ביז מיין שעה פאַלט צו.

---

גרוניאַ סלוצקי־קאַהן / מאָנטרעאָל

## די זשאַבע און דער פויגל
## (משל)

אַ גרינע זשאַבע, מיט גרויסע,
אויסגעגלאָצטע אויגן,
איז געזעסן אין וואַלד
און געקוקט אויף אַ פויגל.
״זע נאָר, אַזאַ קליינער פויגל,
מיט דינינקע פיסלעך,
קלייבט ברעקלעך צונויף,
טרינקט וואַסער, צו ביסלעך,
און פליט אין די הימלען,
און פלאַטערט אַרום,
ער וויל גאָר ניט ריידן
און קוקט זיך ניט אום.
לאָמיר פרובירן
צו פליען אין הימל.
זאָל דער פויגל, דער קליינער,
אַזוי ניט שטאָלצירן״.
די זשאַבע האָט האַסטיק
געגעבן אַ שפרונג, נאָך אַ שפרונג.
נאָר פליען אין הימל אַ נעבעכיקער טאָג.

״ס׳איז גרינג צו פלאַפלען מיט דער צונג״,
זאָגט צו איר דער קראָט.
״כ׳קען אויך ניט פליען אין הימל,
אָבער כ׳מאַך ניט, ווי דו,
אַזאַ גרויסן טומל״.

שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש / ניו־יאָרק

# שמואל ראָזשאַנסקי – אַ מורה־דרך

## (1995-1902)

געווען איז עס אין 1968. איך האָב נאָרוואָס געהאַט גראַדואירט פון דער שלום עליכם־מיטלשול. די עקזאַמיטע לאַגע איז דעמאָלט אין אַרגענטינע געווען ניט קיין גוטע. כ'האָב גלייך באַדאַרפט אָנהייבן אַרבעטן. אַ פריינד, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער בוענאָס־איירעסער קהילה, האָט מיר אַ שושקע געטאָן, אַז אין ייוואָ זוכן זיי יונגע מענטשן וועלכע קענען יידיש און העברעיש.

איך האָב געבעטן אַן אינטערוויו. מ'האָט מיר געגעבן אַ טאָג, אַ שעה און געזאָגט, אַז דער וועלכער וועט מיך אינטערוויואירן איז שמואל ראָזשאַנסקי. דער אינטערוויו האָט געדויערט קנאַפּע צוויי שעה. אַלץ הייסט אַן אינטערוויו – דאָס איז געווען אַן עקזאַמען מיט אַלע פּיטשעווקעס. דאַן האָב איך אָנגעהויבן קריגן דרך־ארץ פאַר ראָזשאַנסקין. דער פּאָסטן איז געווען פאַר אַ געהילפס־ביבליאָטעקאַר – די פראַגעס פאַר אַ מאַגיסטער: פאַרוואָס ווילט איר אַרבעטן אין אַ יידישער אינסטיטוציע? וועלכע זענען די צייטונגען וואָס דערשינען אין מעקסיקע און קאַנאַדאַ? דערמאָנט צוויי שרייבערס פון דער קאָלאָניע. וואָס ווייסט איר וועגן "יונג־ווילנע"? איז גלאַטשטיין דער מחבר פון "די ראַמע מיטן הינטל"? ביז ראַנען בין איך אַדורך בשלום – אָבער ווען ראָזשאַנסקי האָט געפרעגט: וואָס קענט איר מיר זאָגן וועגן "עין־יעקב", יורה־דעה, שולחן־ערוך... בין איך געבליבן אַ צעפּלעטשטע.

געווען זיכער, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם. צוויי טעג שפּעטער באַקום איך אַ טעלעפאָן פון דעם אַדמיניסטראַטאָר פון "ייוואָ" וועלכער לאָזט מיר וויסן, אַז מאָנטיק קען איך זיך צושטעלן צו דער אַרבעט.

ראָזשאַנסקי איז געווען אַ לערער און ווי אַ לערער האָט ער זיך געפירט לגבי די אָנגעשטעלטע. דעריבער איז עס ניט קיין צופאַל, אַז מיין ערשטע אַרבעט אין ביבליאָטעק, וואָס ער האָט פאַר מיר צוגעגרייט, איז געווען ביי דער אָפּטיילונג פון רעליגיעזע ביכער. ווייל איר זיינט שוואַך – האָט ער געזאָגט – דווקא אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור, וועט איר אין איר אַרבעטן. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין סעגרעגירן הונדערטער רעליגיעזע ביכער און זיי קאַטאַלאָגירן.

אין 1969 האָט ראָזשאַנסקי געבראַכט צו דער אָפּשטימונג פון דער פאַרוואַלטונג אַ פּלאַן אויף איבערבויען דעם ייוואָ, סיי פיזיש און סיי אינערלעך – ניט בייטן דעם כאַראַקטער פון ייוואָ אָבער אים אָפּפרישן, דערנענטערן יונגע מענטשן צו דער פאַרוואַלטונג; אָנהייבן אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, אַ יונג־טעאַטער, יידיש־קורסן. דאָס "איבערבויען" דעם ייוואָ האָט גענומען צוויי יאָר. בעתן איבערבוי־פּראָצעס האָט זיך די אַרבעט פון דער ביבליאָטעק ניט אָפּגעשטעלט אויף איין טאָג. אין יענע יאָרן האָבן נאָך פונקציאָנירט אין ב"א דער לערער־סעמינאַר, די אינטעגראַלע מיטלשול רמב"ם און די מדרשה. די הויפּט קאָנסומענטן פון דער ביבליאָטעק זענען געווען תלמידים, און אַ צוואַנציק לייענערט פון דער ליי־ביבליאָטעק. די שבת־צו־נאַכטסן מיט קאָנצערטן און רעפעראַטן זענען געגאַנגען פון מערץ ביז סוף נאָוועמבער. ראָזשאַנסקי, ווי אַ פּערפעקציאָניסט פּלעגט מיט זיין קאָמיטעט, יאָרן לאַנג בראש מיט זיין פריינד דעם זשורנאַליסט און שרייבער זלמן וואַסערצוג, שוין אין חודש אָקטאָבער אָנהייבן

פּלאַנירן פֿאַרן קומענדיקן יאָר. אָפּגעשאַפֿט די "באַנקעטן" און אויף זייער אָרט מיט אַ בריי טוץ יונגע חברה - צווישן זיי תלמידים פֿון די לערער־סעמינאַרן און אוניווערסיטעטן - אָנגעהויבן דאָס טעאַטער פֿון ייוואָ. דורך טעאַטער, פֿלעגט מען ראָזשאַנסקי, קען מען זיך לערנען אי שפּראַך אי די ליטעראַטור, אַזוי אַרום וועט דער אַנסאַמבל זיך אויסלערנען און דער עולם וועט הנאה האָבן.

ראָזשאַנסקי האָט ליב געהאַט זיין פֿאַרנומען - ניין, ער האָט באַראַרפֿט זיין פֿאַרנומען. דאָס פֿאַרנומענער ער איז געווען, אַלץ מער האָט ער געשאַפֿן. אין יענע יאָרן האָט אַ טאָג אין ראָזשאַנסקיס לעבן זיך אָנגעהויבן אַרום האַלב־זיבן אין דער פֿרי, ווען ער פֿלעגט לויפֿן אין דרוקעריי איבערצולאָזן מאַטעריאַלן פֿאַר אַ באַנד מוסטערווערק, אַכט איז ער שוין געווען אין לערער־סעמינאַר, אַרום עלף אין דער רעדאַקציע פֿון די יידישע צייטונג ווו ער האָט אויף אַן אָרט געשריבן זיין טעגלעכן קאָלום שטריכן, אַריינגעקומען אין ייוואָ צו זען אויב עס איז דאָ עפּעס ברענענדיק צווישן די בריוו, דריי נ.מ. ווידער אין סעמינאַר אָדער רמב"ם. געגוי אַ פּערטל נאָך זעקס פֿאַרנאַכט - ווידער אין ייוואָ ביז אַכט אין אָוונט. דאָס אַלץ האָט ער געקאָנט באַווייזן, ווייל ראָזשאַנסקי האָט געהאַט איבער 55 יאָר אַ מלאך פֿאַר אַ ווייב - מיין כייקעלע ווי ער פֿלעגט זי רופֿן.

ראָזשאַנסקיס זיין אין ייוואָ האָט מען געפֿילט אויף טריט און שריט. דאָ אַ זיצונג, אַריינעמען געסט, זיך שפּאַלטן דעם קאָפּ אויף אויסגלייכן דעם ביורזשעט, זיך אויפֿעסן אַ לעבעדיקן ווייל דער קאָרעקטאָר האָט דורכגעלאָזט אַ גרייז און מען האָט זיך געכאַפּט ערשט ווען דאָס בוך איז דערשינען, זוכן מאַטעריאַלן פֿאַר די מוסטערווערק, און ענטפֿערן בריוו. זיינס אַ בריוו איז אויך אַ מוסטערבריוו, איינגעטיילט אין קליינע פּאַראַגראַפֿן מיט ספּעציעלע קעפּלעך. און די אונטערשריפֿט מיט אַ גרעסערן ראָזמאַך, ווי די שענסטע אונטערשריפֿט וואָס אַ יידישער שרייבער האָט ווען עס איז געהאַט, אַ שלום עליכם־סטיל.

ראָזשאַנסקי איז געווען אַ פּערפֿעקציאָניסט אויף יעדן געביט. ער האָט געקענט דריי־פֿינף מאָל, אָדער וויפֿל ער האָט געמיינט, צערייסן אַן אַריינפֿיר צו די מוסטערווערק אויב ער האָט ניט געקענט אַרויפֿברענגען אַ געדאַנק. "אין צערייסן ליגט די חכמה פֿון שרייבן" פֿלעגט ער זאָגן.

ווען די זומער־טעג האָבן זיך באַוויזן, האָט ש. ראָזשאַנסקי צוגעגרייט זיינע טשעמאָדאַנעס און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. יאָר־איין יאָר־אויס. זיינע רייזעס זענען אַלע מאָל געווען פֿאַרבונדן מיט די מוסטערווערק. צענדליקער שטעט איבער דער גאָרער וועלט האָבן אויפֿגענומען ראָזשאַנסקין מיט זיינע רעפֿעראַטן. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, האָב איך באַנומען ווי ווייט דער אַרגענטינער יישוב איז פֿון אַנדערע יידישע יישובים. ווען נישט ראָזשאַנסקיס רייזעס וואָלט מען זייער ווייניק געקענט דעם אַרגענטינער יישוב. און ווען ניט זיין כוח אויף צו קענען ווערבירן אַבאָנענטן פֿאַר די מוסטערווערק, וואָלטן זיי ניט געהאַט גענוג מאַטעריעלע מיטלען כדי אַרויסצוקומען רעגולער.

ווען ש. ראָזשאַנסקי איז געקומען מיטן געדאַנק צו שאַפֿן די סעריע מוסטערווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין 1957, האָט ער געפֿונען אַ מעצענאַט אין דרום־אַפֿריקע יוסף ליפּשיץ. ליפּשיץ פֿלעגט שיקן רעגולער די סומע געלט וואָס אָפּט מאָל האָט געקלעקט - פֿאַר אַ פּערטל באַנד.

ראָזשאַנסקי איז געווען אַ שטאַרקער ייד - ער פלעגט זאָגן - "כ'בין אַ פּרציאַנער, איך וועל ניט בעטלען, כ'וועל ניט נעמען קיין באַשטייערונגען פאַר די מוסטערווערק, ווער עס וויל שטיצן זאָל ער קויפן די ביכער". אַ מענטש מיט כאַראַקטער און אויף הונדערט פּראָצענט ערלעך און אָן שום פּערזענלעכן אינטערעס, האָט ער שטענדיק געוווּסט וואָס ער וויל און וווהין ער צילט. ער האָט אָפט מאָל זיך אָנגעטראָפן אויף מענטשן מיט אַ שלעכטן ווילן און מיט זייטיקע כוונות אין פולן קאָנטראַסט מיט אים.

ווען י. ליפשיץ איז געשטאָרבן און הגם ער האָט אין זיין צוואה פאַרזיכערט זיין יערלעכע סובסידיע צו די מוסטערווערק - האָבן ליפשיצעס יורשים ניט אָפּגעהיט זיין ווונטש. ראָזשאַנסקי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, ניט אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסגעבן די ביכער. געשריבן צו אַדוואָקאַטן אין ד"א. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, אַ דאַנק, דער אינטערווענץ פון לוי שליט, באַקומען אַ לעכערלעכע סומע, ווייט פון דעם וואָס איז געקומען. האָט ראָזשאַנסקי געזוכט אַ נייעם מעצענאַט. דערוויל פון זיינע אייגענע געלטער האָט ער געצאָלט דעם דרוקער. אגב, קיין מאָל ניט גענומען די געלטער צוריק.

איין טאָג באַווייזט זיך אין ייווואָ אַ מענטש, וועלכער וויל זיך טרעפן מיט ראָזשאַנסקין, און יענער זאָגט אים, אַז ער איז גרייט צו סובסידירן די מוסטערווערק.

אַ צווייטער אויף ראָזשאַנסקיס אָרט וואָלט געווען גליקלעך וואָס אומדערוואַרטערהייט טראָגט מען אים אָנטקעגן מיט אַזאַ זשעסט - אָבער ניט ראָזשאַנסקי. ער האָט יענעם באַדאַנקט און אָפּגעוואָרפן די מתנה.

וואָס עפּעס? דער סובסידירער האָט געהאַט אַ שם אין דער יידישער געזעלשאַפט, אַז ער איז אַ קאָרטן־שפּילער - האָט ראָזשאַנסקי ניט געוואָלט פאַרבינדן די מוסטערווערק צו... קאָרטן. פון דער צווייטער זייט, ווען די ברידער פון דער משפּחה טוריאַנסקי האָבן מסכים געווען צו ווידמען דעם טוריאַנסקי־פאָנד לזיכרון זייערע טאַטע־מאַמע, האָט ראָזשאַנסקי דאָס אויפגענומען מיט פרייד.

ש. ראָזשאַנסקי האָט ווי דעם רייכסטן קאַפּיטאַל געהאַלטן זיינע תלמידים, הונדערטער וואָס ער האָט דורך די יאָרן צו זיך דערנענטערט. ווי שטרענג ראָזשאַנסקי איז געווען ווי אַ לערער, איז עס געווען אַ ברכה פאַר זיינע תלמידים. ער האָט פון זיי פאַרלאַנגט - דער עיקר ביי די שעמעוודיקע, וועלכע האָבן געקענט, נאָר האָבן מורא געהאַט אויפצועפענען דאָס מויל. היינט זענען זיי צעשפּרייט איבער אַלע קאָנטינענטן, טייל שטאַרק פאַרבונדן מיט יידיש און דער יידישער ליטעראַטור, און די וועלכע האָבן אויסגעקליבן אַנדערע פּראָפעסיעס זענען מערסטנס געזעלשאַפטלעך פאַרבונדן מיט יידישע אינטערעסן.

ש. ראָזשאַנסקי האָט געוווּסט ווען צוצושטעלן אַ פּלייצע און ניט געמאַכט אַרום דעם קיין שום ווען. דהיינו: איין טאָג קומט זיינס אַ געוועזענער תלמיד און דערציילט ראָזשאַנסקין, אַז ער גייט חתונה האָבן, אָבער ער האָט אַ פּראָבלעם, ער האָט ניט ווער זאָל פאַר אים גאַראַנטירן ביים דינגען אַ דירה. זאָגט אים ראָזשאַנסקי: איך וועל אייך גאַראַנטירן.

ווען אין 1978 האָט דער דירעקטאָר פון די פּרעסע איינגעלאַדן ש. ראָזשאַנסקין צו האָבן אַ וועכנטלעכן קאָלום, האָט ער זיך געוואָקלט. פון איין זייט איז אים ניט געווען צום האַרצן יאָרן לאַנג די פּרעסע, ראַקעגן האָט די פּרעסע פאַרלוירן אַלע שרייבערס, וועלכע האָבן איר געגעבן דעם אַמאָליקע גלאַנץ. האָט ער באַשלאָסן

– ער וועט פּרוּוון צוריקקומען צו זײַנע ש ט ר י כ ן פֿון טאָג־טעמעס אָדער איבערלעבונגען – יענע איבערלעבונגען זײַנע פֿון אַמאָליקן וואַרשע, וווּ פּרץ איז געשטאָרבן אין 1915, און ער, ראָזשאַנסקי, איז געווען אַ תּלמיד אין אַ פּוילישער גימנאַזיע, און בײַ יידן אַ בר־מצווה בחור, אַ ייִנגל מיט גרויסע אַמביציעס. זײַנע איבערלעבונגען וואָס זענען שפּעטער אַרויסגעקומען אין בוכפֿאָרם, דערגייען ביז די ערשטע פֿאָרן פֿון זײַן לעבן אין אַרגענטינע.

אין מ י י ן ל ע ק ס י ק אָ ן האָט מלך ראַוויטש גלענצנדיק כאַראַקטעריזירט ראָזשאַנסקין: "...אַ מיטל־הויכער, אַ פֿעסט־געבויטער, אַן ענערגיש פּנים, מיט שאַרפֿלעכע שטריכן – מער ייִדיש = ווי נישט, גרינג צעשמייכלט, און אָפֿט אפילו בייזלעך צעשמייכלט, אַז מען דערמאָנט אים מענטשן און זאַכן, וועלכע זענען אים נישט ליב. ער פֿלעגט זײַן בייז אויף דעם און יענעם, אָבער נישט ווערן קיין שונא..." ..."ער האָט גערעדט מיט אַ ליטווישן אַקצענט, כאָטש ער איז אַ יליד־וואַרשע. ער רעדט אַזוי פּרעציז, אַזוי ווי ער וואָלט געשריבן לאַנגזאַם אויף אַ שרײַבמאַשין. מע זעט דײַטלעך די קאָמעס, די פּונקטן, די אויסרוף־און פֿרעג־צייכנס... ער איז פּאָרזיכטיק מיט זײַנע רייד. ער האָט ליב יענעם אַ מאָל צו דערמאָנען אַ וואָרט, אַרויסגעזאָגט אַ פֿערטל י"ה צוריק".

ש. ראָזשאַנסקי האָט געהאַט שטאַרק דרך-ארץ פֿאַר וויסן. דער עיקר געהאַלטן פֿון אמתער קריטיק, ווי ווייטיקלעך זי זאָלן ניט זײַן. אָנערקענט זײַנע אייגענע פֿעלערן. אַ סימן, ער האָט אַרײַנגעגעבן אין באַנד 60 פֿון די מוסטערווערק מאַקס ווײַנרײַכס אַ בריוו רעדאַקטירט אין נ"י דעם 19טן אַפּריל 1959, וואָס איז קריטיש לגבי אים, ראָזשאַנסקין, גופֿא: "...נאָך אַנומלט האָב איך אײַך געוואָלט שרײַבן, ווען איך האָב זיך פֿון גלאַטשטיינס אַרטיקל דערוווּסט, אַז איר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד ניידוס. איך האָב אײַך געוואָלט גראַטולירן צום גאָלדענעם אײַנפֿאַל: ס'איז אַ מצווה וואָס איר האָט געטאָן מיט אַ טויטן, אָבער ס'איז אַ גרעסערע מצווה ווען איר טראַכט וועגן די לעבעדיקע. ניידוס איז אַן אוצר וואָס ליגט אַבסאָלוט פֿאַרשלאָסן (איר האָט דאָס געקענט אַרויסזען פֿון גלאַטשטיינס אַרטיקל אויך). און השבת־אבדה איז פֿון די גרעסטע מצוות... נאָמבערג האָט געוויס אויך פֿאַרדינט צו זײַן אין אײַער סעריע. איך האָב נאָך מורא, אַז דער אַרדעסאַט פּונעם ביכל איז נישט קלאָר. אפֿשר דאַרף איך זאָגן אַנדערש: מיך אינטערעסירן דער עיקר יונגע לייענערס; ווי קליין זייער צאָל זאָל נישט זײַן... און פֿאַר זיי, האָב איך מורא, זענען כוללדיקע אָפּשאַצונגען נישט גענוג. פֿאַר זיי איז קאָנטעקסט. און אפֿשר האָט איר אין אַרגענטינע אַן אַנדער עולם, בין איך אײַך מקנא. נאָך שווערער איז מײַן אומרו וועגן דעם באַנד מ ע נ ד ע ל ע , כאָטש ער האָט אַ היפּשן אָפּקלייב עסייען, און ווידער אַ ביבליאָגראַפֿיע. מײַן פּראַקטיק ווײַזט מיר, אַז מען דאַרף פֿאַרן טעקסט אַ סך, אַ סך מער פּירושים – אי אויף ווערטער אי אויף "רעאַליאַ". דאָס האָט אָבער אַלץ גאָרנישט צו מײַן באַוווּנדערנוג פֿאַר אײַער ענערגיע און אָנגעצילטקייט אין דער אַרבעט. גאָט זאָל אײַך געבן געזונט און לאַנגע יאָרן..."

שמואל ראָזשיאַנסקי איז געווען דער מורה־דרך פֿון מײַן לעבן. ער האָט אין מיר אײַנגעפֿלאַנצט די ליבע צו ייִדיש, צו דער ייִדישער ליטעראַטור און צו אירע שאַפֿערס. זײַן "זיך ניט אונטערגעבן, קעמפֿן פֿאַר די אידעאַלן און זײַן געטריי צו זיי" האָט געהאַט אַ טיפֿע השפּעה אויף מיר און מײַן אייגן טראַכטן.

דאָס איז געווען זײַן גאַנג אין לעבן און ער האָט מיט גלויבן, געטריישאַפֿט און אידעאַליזם געטאָן זײַן עבודת־הקודש.

עקיבא פישבין / פּאַריז

# מרדכי אַרדאָן טוט תפילה

## פון אַ באַזוך אין מוזאון ישראל בירושלים

דער ישׂראל־מוזיי אין ירושלים איז מיט מזל אַלט געוואָרן דרייסיק יאָר. לכבוד דעם אָ יום־טוב האָבן יידן אויף דער וועלט זיך פּאָסטאַרעט און מהנה געווען דעם מוזיי מיט מתּנות. אַ מתּנה, שיין אין כמות, און אין איכות אפשר אַ קאָפּיטשקע ווייניקער, האָט מכבד געווען דעם מוזיי דער ייד אַרטוראָ שוואַרץ.

פון אַלע אויסגעשטעלטע קינסטלער דאָ שיילט זיך אויס אַ גאָר יונגע פּלאַסטיקערין בשם מרים כבסה (קאַבעסאַ). אין איר בילד, אין אַבסטראַקטן נוסח, אין אַ טאָנאַציע פון ברוין, קרייזן אַרום סנאָפּעס רונדע ליניעס וואָס טוען זיך איינאַנדער פאַרפלעכטן און אויספלעכטן. עפּעס איז דאָס אַ מעין המתגבר, וואָס פליסט און ווירבלט בלי סוף. אין בילד פאַנעוועט אַ פייערדיקע דינאַמיק, אַ צעשויבערטער ריטעם פון לעבן, וואָס ווייסט נישט פון קיין סוף. דאָס איז דאָך דאָס מענטשלעכע לעבן בפירוש! דאָס בילד פון מרים כבסה ברענגט דעם באַזוכער אַן אָטעם פון בטחון.

אָבער דער סאַמע ווערטיקער קלאַנג אין דער אויסשטעלונג – אַ קלאַנג, וואָס דערגייט צו אונדזערע אויערן, און אויך צו דער נשמה אונדזערע, איז פון דער "ראָזשינקע", ס'הייסט פון מרדכי אַרדאָנס בילד "נחל קדרון". דאָס איז אַ בילד, וואָס דער אויסקלאַנג זיינער איז כולל איכות פון קינסטלערישן פאַרטראַכט און התגלות פון אַ יידיש האַרץ. פאַראַן אין דעם בילד אַ פלאַקערדיקער פונק, וואָס גיט אַ ברי דעם באַוווסטזיין פון אַ יידישן צושויער.

בעצם, איז דער אָ אַקצענט פון אַרדאָנס פּלאַסטישן דיבור נישט קיין נייעס. מיר ווייסן, אַז פאַר אים איז שאַפן – מאַלן בבחינת תפילה טאָן. ווי אַ בעל־תפילה מיט אַ יחידישן טאָן, איז ער בטבע אַ "זינגער" און אַ "זאָגער". זיין "זאָגעכץ" האָט אַ מעלה – נישט געקוקט אויף זיין אַבסטראַקטער קלאַנג־פּאַלעטע, קירעוועט עס אייך, דאָס "זאָגעכץ" זיינס, צום ניגון פון זיין נשמה. פון די עיקרדיקסטע עלעמענטן פון אַרדאָנישן "זאָגעכץ" איז דער נאָמען מיט וועלכן ער קרוינט זיין אַבסטראַקטע שאַפונג. אַרדאָן הענגט נישט אָן סתם אַזוי אַ נאָמען אויף אַ בילד. דער נאָמען ביי אים איז, ווי די עטרה פון טלית, וואָס אים הילט בשעת ער ניגונט פרום זיין תפילה. דער נאָמען איז דער שליסל אויך צו דער טאָנאַליטעט פון זיין ווערק.

אַרדאָן האָט זיך פאַר מיר אַ מאָל מודה געווען – אַ פאַנאַטישער חסיד פון סתם פּלאַסטיש־אַבסטראַקטער מאָס־און־וואָג, האָט ער געזאָגט, איז ער נישט. זיין סטיל, זיין באַנעם, איז אויסן, אַז דאָס וויזועלע זאָל טאָן אַ שטויס צו מעדיטאַציע, אַז ס'זאָל "אויסברענען און איינברענען אין אונדזער האַרצן לעבעדיק־וויבריִרנדיקע געפילן", ווי דאָס האָט פאַרלאַנגט חיים זשיטלאָווסקי. האָט דאָך אויך דער בר־סמכא מאַלראָ, דער אויפנעמיקער לאַרבע רוחות עולם הקונסט, געפסקנט, אַז קינסטלערישע יצירה מוז זיין וויזועל און מעדיטאַטיוו ביחד.

מען דאַרף געדענקען, אַז דער תּוכיקער סך־הכל פון דער אַרדאָנישער קונסט באַוועגט זיך אויף דער טראַסע – פון חלום צו רעאַליטעט, און פאַרקערט – פון דער ברוטאַלער רעאַליטעט צום אויסגעבענקטן חלום. דעם שפּיץ פון קינסטלערס חלום וועט

איר שטענדיק אָנטאַפּן אין נאָמען פון זיין ווערק. ובכן -

אויב קאָן דער נאָמען פון דער יצירה פּותר זיין דעם חלום און וואַרפן אַ ליכט אויף, אין אַ געוויסער מאָס, אויף דער רעאַליטעט, וועלכע דער קינסטלער האָט געהאַט אין זינען בשעת דער שאַפונג - דאַרף מען, אויף אַזאַ שטייגער, דערגיין צום טעם פון "נחל קדרון", וואָס קרוינט דאָס ווערק פון מרדכי אַרדאָן אויף דער אויסשטעלונג.

נחל קדרון איז אַ טייכל, וואָס פליסט אַרויס פון די ירושלימער בערג און שלענגלט זיך אין טאָליקן טייל ירושלים, וואָס ביי די מויערן פון אַלטשטאָט. דאָס פּיצל טייכעלע שטראָמט האַסטיק מיט רוישיקע וואַסערן ווינטער־צייט, און זומער ווערט עס אויסגעטריקנט, ווי אַ ביין. דרומדיק, פאַרנעמט זיך אַן אָפּצווייג פון נחל קדרון אויף רעכטס, אין דעם טייל טאָל, וואָס זייט קדמונים הייסט עס - גיא בן־הינום. דאָ, אין דעם דאָזיקן גיא בן־הינום איז, אין די צייטן פון די כנענים, געשטאַנען אַ מזבח אויף וועלכן די האָבן מקריב געווען קינדער צו זייער אָפּגאָט - דעם מולך - און דווקא דורך פייער!

אַלזאָ, אין דער אָ דרומדיקער געגנט פון נחל קדרון, וואָס איז היינט אַ וווּנדערלעך־שיינער גרינער טאָל, באַזוימט מיט אַן אויסגעבויטן, לעבעדיק־באַזוכטן שפּאַצירגאַנג - און די אויגן דאָרט, זיי ווערן באַצויבערט פון אַ זעלטענער פּאַנאָראַמע פון ירושלים - דאָ, אין די אַלט־אַלטע צייטן, האָט מען געברענט לעבעדיקערהייט קינדער אומשולדיקע, קרבנות צו אַ פינצטערן אָפּגאָט, וואָס האָט געהאַט די מראה פון אַ מענטש מיט אַ פּנים פון אַן אָקס...

ס'קאָן זיין, אַז צוליב די דאָזיקע מעשים טובים האָט דער פאָלקישער זכרון משרך געווען דעם גיא מיטן הינום און געבוירן דעם באַגריף - גיהנום - וואָס וואַרפט אָן אַ פּחד אויף יעדן איינעם מענטש.

נו, איצטער, הייבט אָן צו ווערן קלאָר דער מאַי קא משמע לן פון דעם נאָמען "נחל קדרון", מיט וועלכן אַרדאָן האָט געקרוינט זיין יצירה, וואָס טראָגט די דאַטע פון יאָר 1942.

היות אַרדאָן איז שוין היינט אויפן עולם האמת, האָט מיר זיין זון מיכאל דערציילט געוויסע פּרטים וואָס האָבן אַ שייכות צום געבורט פון דעם בילד. די גענעזע פון בילד שטעקט אין די געשעענישן פון יאָר 1940. היטלער י"ש האָט שוין גענומען ברייט אויפפּראַלן די טויערן פון גיהנום אויף דער ערד. מען האָט יידן שוין פאַרטריבן אין געטאָס, זיי פאַרשפּאַרט אונטער זיבן שלעסער, געגרייט זיי צו ברענגען אַ קרבן דעם אַפּגאָט פון ראַסן־ריינקייט. יידן האָבן פּרובירט זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן. געווען, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ שיף, זיך געלאָזט איבער ימים, אָנצוקומען צו אַ רואיקן פּאָרט. די "איידעלע" וועלט איז אויף דעם נישט באַשטאַנען, און ויהי... אַן איבערגעפּולטע שיף מיט יידן האָט מען אונטערגעטונקען. אַלע האָפענונגען צו ראַטעווען דעם נפש האָבן ים־כוואַליעס פאַרשוועגקט...

די אָ אימהדיקע ידיעות פון יידישן פּיין האָבן אויפגערודערט מרדכי אַרדאָן. אין אים האָט אַ צאַפּל געטאָן די שרעק פאַרן מאָרגן פון ייד. דער פאָרויסגעפיל פון אַ מענטשן־חורבן האָט פאַרחושכט זיין געמיט - געטאָטשעט די נשמה זיינע! האָט ער גענומען און, ווי אַ בעל־תפילה פאַרן עמוד, זיך געשטעלט צום מאָלברעט מאָלן. ער האָט פאַרטראַכט, צום ערשט, אַ רעאַליסטיש בילד - אַ שיף וואָס גייט אונטער אין ים. שנעל איז אים די אָ קאָנצעפּציע נמאס געוואָרן - אויסגעזען באַנאַל, נאַיוו און רעפּאָרטאַזש־אַרטיק. ער איז געקומען צום שכל, אַז שרייען - געוואַלד! ווי טוט מען אַזאַ

גיהנומדיקע רציחה אָפּ? - געוואַלד!!! - אויף דעם מוז מען גרייכן צו די טיפע מיסטישע ברונעמס פון יידישקייט. און דעמאָלט ערשט איז ער געפֿאַלן אויפֿן גערַאַנק פון נחל קדרון, וואָס אין טאָל פון ירושלים הקדושה, אויף דעם מקום-לידה פון באַגריף "גיהנום", מחמת אומשולדיק בלוט האָט זיך געגאָסן דאָרט, ווי וואַסער פון אַ טייך.

און אַז ער איז שוין געפֿאַלן, מרדכי אַרדאָן, אויף דעם "וואָס" צו מאָלן, איז אים פֿאַרבליבן צו פֿאַרטראַכטן בלויז דעם "ווי אַזוי" צו מאָלן, ווי אַזוי ברענגען דעם סך-הכלדיקן טעם, דעם מיסטישן, פון נחל קדרון, אַז מיסטיש באַוואַשן זאָל ער אויך די איצטיקע רעאַליטעט פון גרויל און שוידער. אַרדאָן איז אַוועק פון רעאַליסטישן פֿאַרטראַכט און אַרויף אויף דעם ליבן וועג זיינעם פון אַבסטראַקטן לשון, וואָס איז ביי אים כולו מיסטיק.

איז וויז'שע זעט אויס די מראה פון אַרדאָנישן "נחל קדרון" - בילד?

איינגעהילט איז דאָס בילד אין אַ געדיכטער גרינעניש, אָבער כראָמאַטיש ניואַנסירט. אינעם לינקן פליגל פון בילד פליסט האַסטיק, ווי פון אַ וואַסערפֿאַל אַראָפּ, אַ ברייטע כוואַליע פון אַ מין פינצטערן גרין. מעגלעך, אַז אינעם קינסטלערס פֿאַרטראַכט דאַרף דאָס זיין דער נחל קדרון-אָפּצוויג, וואָס פֿאַרנעמט זיך רעכטס, אינעם טאָל אַריין פון גיא בן-הינום. שטורמיש פליסן די וואַסערן פון טייך. אפשר ווילן זיי, מיט זייער אימפּעט, אָפּשווענקען דאָס אומשולדיק-מענטשלעכע בלוט, וואָס דער פרא-אדם טוט פֿאַרגיסן אויף גאָטס ערד, וועלכע ער פֿאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום.

אויב וויל מען, אייגנטלעך, איז די ניואַנסירטע גרין-מאָזאַיק, די צעוואָרפֿענע פֿאַרשידן-אַרטיקע גרינע חלקים, אַ פּייזאַזש פון אַ גרינעם טאָל, לאו דווקא פון אַ מאָלער פון אַבסטראַקטן נוסח. אַזאַ סאָרט אויסגלידערונג פון גרין קאָן מען אויפֿכאַפּן ווען, פון די הויכע הויכקייטן, וואַרפט מען אַ בליק אויף אַ לאַנדשאַפֿט.

בטבע, הערט זיך אין אַ גרין-ניואַנסירטן פּייזאַזש אַ ניגון פון שלווה. אַזאַ פּייזאַזש ווירקט אויפֿן צושויער געמיטלעך. נישט דאָס איז דער פֿאַל אָבער מיטן "נחל קדרון" - לייוונט. נישטאָ דאָרט קיין שלווה, נישטאָ דאָרט קיין געמיטלעכקייט, נייערט אַ תוהו ובוהו-שטימונג, עלעהיי פֿאַרוויקלט האָט זיך גאָטס ערד אין אַ וויסטן כאַאָס!

שטעלט זיך די פֿראַגע - וואָס איז דער שכל פון דעם אָ כאַאָס? איז דאָס דער תוהו-ובוהו פון אַ האָפֿערדיקן בראשית, אָדער דער תוהו-ובוהו גאָר נאָך אַ וועלט-קאַטאַקליזם - די שקיעה פון דער מענטשהייט? איר בייסט זיך איין אין דער שאַפֿונג, איר ווילט דערגיין אַ תשובה אויף אייער פֿראַגע, און עפּעס הערט איר, ווי דער קינסטלער וואָלט אַ רעד געטאָן צו אייך מיטן פערז פון פּאָעט הירש אָשעראָוויטש - "הערסט ניט, ווי ס'זינגט די שטילקייט?" אמת - מען הערט "די שטילקייט"... הגם ס'שטורעמט דער נחל קדרון עד לב השמים! עפּעס הערט מען דאָ דעם קלאָגעדיקן ניגון פון מיינקע קאַץ, דעם פּאָעט: - "ש-ט-יי-ל! ווי, די אימהדיקע שטילקייט נאָך אַ / שחיטה. דאָ בענקט / אַ שפּילכל נאָך אַ געוועזן קינד, דאָרט שרעקט אַרויס / די / פּוסטקייט פון אַ ליידיק וויגל, ווערטער שוועבן ווי / אויף די פליגל פון אָפּגעהאַקטע צונג..."

יאָ, אָט דאָס איז ער, דער ניגון פון דער שטילקייט, אינעם אַרדאָנישן בילד. אין דעם אַפּאָקאַליפּטישן "נחל קדרון"-ווערק הערט מען דאָס אבלדיקע געזאַנג פון נאָך-חורבן-רעאַליטעט. אין אייבערשטן טייל לייוונט, לינקס, אונטער אַ כמאַרעדיקן שלייער, באַהאַלט זיך אויס אַ העלער אָביעקט. זאָל דאָס זיין די לקוי חמה? און אפשר

באַרדעקט די לבנה דאָס פּנים אירס אויס חרפּה און בושה, וואָס פון דער וועלט איז געוואָרן? און אפשר גאָר טוט גאָט אַליין פאַרשטעלן זיין ליכטיק געזיכט, אויס חרטה אויפן "כי טוב", וואָס ער האָט געבערענגט אויף די געטלעכע ליפּן, נאָכן האָבן באַשאַפן דעם מענטש?...

כּידוע, איז מרדכי אַרדאָן אַ ייד, אַ בעל־בטחון. ניין! - ס׳קאָן נישט געמאָלט זיין, די ברוטאַלע חיה בצורת אדם זאָל אָפּווישן דעם ייד פון גאָטס וועלט. - ניין און ניין! אַרדאָן גלויבט אין דעם נצח נצחים פון יידישן פאָלק באמונה שלימה! אדרבא, קוקט, וואָס איר זעט דעם סימן אמונה זיינעם. אין אַ זייט, אין מיטן בילד, ליכטיקט, ווי אַ גוטער שטערן, עלעהיי דער אָנזאָג פון גאולה, אַ קליינער העלער פלעק. אין סך־הכל פון דעם מרה־שחורהדיקן גרין פון בילד, האָט דער ליכט־פלעק, הגם אַ קליינער, דעם טעם ווי די שירה פון דוד האָפשטיין: - "און דורך רויך ווערט די ווייטער שוין לויטער / ער וועט קומען, דער טאָג, ער וועט קומען, / איך דערפיל אים דורך גרויל און דורך שוידער, / און דורך דערנער דערזע איך שוין בלומען." דעם אָ נחמו נחמו שעפּטשעט שטיל־שטילינקע אַרדאָן - דער עקשנותדיקער בעל־בטחון.

פון וואַנען נעמט זיך דער כוח צום קינסטלער, ער זאָל קאָנען באַהויפּטן "דורך גרויל און דורך שוידער / און דורך דערנער דערזע איך שוין בלומען"? איז די תשובה - נישט סתם האָט דער קינסטלער געטונקט זיין פּענדזל אין די מיסטישע קוואַלן און געגעבן אַ נאָמען זיין ווערק "נחל קדרון". ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז נחל קדרון האָט זיין פּלאַץ נישט בלויז אין טאָפּאָגראַפישן, אלא אויך אינעם מיסטישן פּייזאַזש פון ירושלים עיר הקודש.

ובכן, איז זיך משער צו זיין, אַז אין טיפן טיפעניש פון אומרו, האָט אַראַראָן זיין זיסן חלום פון נשמה־רו געפונען דווקא ביי אונדזערע נביאים. דאָס האָט אים ישעיה הנביא אפּנים קודם געטרייסט מיטן "ושלמו ימי אבלך" - און ס׳וועט אַ סוף נעמען צו די טעג פון דיין טרויער. און אויף אַ צולאָג: -- "ובירושלים תנחמו" - אין ירושלים וועט איר געפינען די טרייסט - האָט אַרדאָנען אונטערגעזאָגט דער נביא ישעיה.

און נאָך עפּעס - ווען מרדכי אַרדאָן האט אויפגענומען דעם דיבור פון נביא יואל, וואָס יהואש טייטשט במעמע־לשון אַזוי: - "איך וועל איינזאַמעלן אַלע פעלקער און איך וועל זיי מאַכן נידערן אין טאָל פון יהושפט, און איך וועל זיך דאָרטן משפטן מיט זיי פאַר מיין פאָלק און מיין ארב ישראל". מען קאָן זיך משער זיין, אַז דאָס האָט דער נביא יואל געבערענגט דעם קינסטלער, אויף אַ צולאָג, צום "נחל קדרון" - נאָמען פאַר זיין בילד, מחמת נחל קדרון פליסט אין תנ״כישן "טאָל פון יהושפט".

אַרדאָנס יצירה בשם "נחל קדרון", אַ ווערק פון אַ דראַמאַטישן רעזאָנאַנס, פאַרשפּיגלט אַזוי אַרום דעם גיהנום פון דער שואה וואָס שטייט בשעתו אויף דער שוועל פון יידישן לעבן, און גלייכצייטיק, "אויסגעשטערנט מיט אמונה" (לפי אַ באַפליגלטן זאָג פון אליעזר פּאָדריאַטשיק), זמרט די שאַפונג שטיל־שטילינקע אַ ניגון פון נצח ישראל.

אַרדאָן טוט אַרומקריינען זיינע שאַפונגען מיטן אָרעאָל פון מיסטיק, ווייל ער איז אַ קינסטלער פון מעדיטאַציע, ער איז אַ בעל־מחשבות וואָס דערלאַנגט זיינע רעיונות בלשון פלאַסטישער קונסט.

אַזוי, אָט, טוט תפילה מרדכי אַרדאָן, דער פאַרוואָרצלטער אין דער יידישער רעאַליטעט, דער "זאָגער" און "זינגער" אין דער פלאַסטיק, וועמענס פאַרבן און טענער ציטערן לאַנג אין אונדזער געמיט.

## אָנגקומען אין רעדאַקציע

* הדסה רובין: "רייס נישט אָפּ די בלום", לידער, 84 זז', פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, 1995.
* צבי כנר: "איך און למך", זיכרונות פון געטאָ און לאַגערן, 244 זז', פאַרלאַג ישראל בוך, תל־אביב, 1995.
* "די גאָלדענע קייט", נומ. 141, תל־אביב, 1995..
* "די צוקונפט", נאָוו. רעצ., ניו־יאָרק, 1995.
* "יידישע קולטור", נאָוו. רעצ., ניו־יאָרק, 1995, דער נומער איז געווידמעט דעם 100־טן געבוירנטאָג פון גרויסן יידישן דיכטער פרץ מאַרקיש.
* "אויפן שוועל", נומ. 300, אָקט. רעצ. 1995.
* "די פען", נומערן 15-19, פאַרלאַג "דריי שוועסטער", אָקספאָרד, ענגלאַנד.
* "יוגנט רוף", נומ. 84, ניו־יאָרק 1995.
* "אונדזער צייט", נומ. 1-2, ניו־יאָרק, 1996.
* "לעבנס־פראַגן", תל־אביב, 1996.
* "אויפבוי", נומ. 8, בולעטין פון דער ליגע "פריינט פון אַרבעטנדיקן ישראל, ניו־יאָרק, 1995.
* "אַלוועלטלעך יידיש" - בולעטין פון אַרבעטער־רינג, נומ. 2.

## יצחק קאַהאַן

אין מעלבורן, אויסטראַליע, איז אין עלטער פון 85 יאָר געשטאָרבן דער באַוווסטער שרייבער און ליטעראַטור־קריטיקער יצחק קאַהאַן, אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון "חשבון" און פון פיל יידישע צייטשריפטן אין דער וועלט, ווו ער פלעגט פאַרעפנטלעכן זיינע עסייען וועגן ווערק פון יידישע און יידיש־אויסטראַלישע שרייבערס. יצחק קאַהאַן האָט אויך פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אינעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אויסטראַליע.

יצחק קאַהאַן איז געווען אַ זייער פרוכטבאַרער שרייבער און האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל באַטייטנדיקע ווערק וואָס האָבן באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור־קענטעניש, צוו. אַנד. "פונקען און פלאַמען" (תל־אביב, 1971); "שמועסן מיט אויסטראַלישע שרייבערס", מעלבורן, 1976); "פּאָרטרעטן און פּראָפילן", מעלבורן, (1979), אויך איבערגעזעצט אין ענגליש.

צוזאַמען מיט דער יידישער קולטור־וועלט טרויערן מיר אויף דעם שווערן פאַרלוסט. יצחק קאַהאַן וועט אויף שטענדיק בלייבן אין אונדזער זיכרון ווי אַ פריינד, אָנגעזעענער שרייבער און מיטאַרבעטער, כבוד זיין אָנדענק!

ש.

We mourn the passing of our beloved
**Prof. Sol Liptzin**
on November 15, 1995, in Jerusalem, Israel

| Ann Liptzin | Karen Liptzin Sitton | Yelva Liptzin Lynfield |
|---|---|---|
| 21 Washington St. | 15 Shahar St. | 19 Carman Ave. |
| Jerusalem, Isarel | Jerusalem, Israel | Cedarhurst, NY 11516 |

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן אין אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

Los Angeles, Calif. 90035 • 1525 S. Robertson Blvd.

אָדער טעלעפאָנירט 552-2007 (310)

---

# א הסתדרות אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט

– פון דער –

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטער

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן); און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, "פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם "קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

**אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר**

---

## HISTADRUT ANNUITY TRUST
## of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.

811 Wilshire Blvd., Suite 1700 • Los Angeles, Calif. 90017

Telephone: (213) 683-8036

# רשימה פון מחברים באַטייליקטע אין "חשבון"*)

## 1946 (ערשטער נומער)

י. אַלקאַן; ד״ר וו. אָסטראָווסקי
ישראל אָסמאַן; אברהם באַביטש
מאַק באַנד; בראָנזווילער סטאַליער
(ב. גרינפעלד)
פינטשע בערמאַן; סימע גאָלדבערג
פרץ הירשביין; אליהו טענענהאָלץ

י. לעוויט; ל. מעלצער
י.ש. נאַומאַן; איטשע נחומזאָן
אַ. סופר; יצחק פרידלאַנד
ברכה קודלי; וו. קעסנער
ה. רויזענבלאַט; אסתר שומיאַטשער
יוסף שפיגלמאַן; ש. שולמאַן

## 1960 – 1951

ה. אַבראַמס: 1960 יאָר.
נ. אַזאָלין: 54, 55, 56, 57, 58.
סעם אייבראַמסאָן: 54; יצחק אייזענבערג: 60.
אהרן אייראַף: 51; אַ. אַלמי: 57.
יהושע אַלקאַן: 60; דוד אָפּאַלאָוו: 58.
אברהם באַביטש: 54,51, 55, 56, 57, 58, 59, 60.
זוסמאַן בונין: 56, 57, 58, 59, 60.
שלמה י. בעלסקי: 51; פּינטשע בערמאַן: 55, 56, 57, 58, 59, 60.
ל. בערקאָוויטש: 59; בראַנדשטעטער: 60.
יחזקאל בראַנשטיין: 60; ד״ר דוד ברידזער: 51, 54, 55, 57.
מ. גאָרפריד: 60; לוי גאָלדבערג: 58, 60.
נח גאָלדבערג: 55, 56, 57, 58, 59, 60.
סימא גאָלדבערג: 51; משה גלאַזער: 60.
חיים גראַדע: 57, 58; שמואל דאַמניץ: 59.
אַ. דובין: 52; מאַטעס דייטש: 55, 56, 57, 59, 60.
מאַקס האָלצמאַן: 51; ש.ה. הלוי: 60.
שמעון וווזעק: 59; אַ. וואָלף: 51.
אַ. ווייזעל: 60; ה. ווייזעל: 59.
מאיר וויינטרויב: 54; בעריש וויינשטיין: 57, 60.
משה ווייסמאַן: 59; הינדע זאַרעצקי: 60.
זלמן זילבערצווייג: 51, 55; יעקב זינגער: 56, 57, 58.
ש.ד. זינגער: 59; אפרים טויבנהויז: 58.
מלכה חפץ־טוזמאַן: 55, 56, 57, 58, 59.
דזוסטין טורנער: 54; דניאל טשאַרני: 57.

אליהו טענענהאָלץ: 51; יצחקי: 51, 54, 56, 59, 60.
כּאַוּוער פּאַוּוער: 55; אלף כץ: 59, 60.
אַ. כראַבאַלאָווסקי: 55, 56, 57, 58, 59, 60.
ה. לאַנג: 58; נאַריאַ לון: 51.
אַ. לוצקי: 55, 58; ה. לייוויק: 56, 57.
אברהם לעוו: 58; איידאַ מאַזע: 60.
י.ל. מאַלאַמוט: 54; י. מאַניק: 59.
ש. מיללער: 56; נ.ב. מינקאָוו: 57.
בצלאל מלחי: 56, 57; קלמן מרמר: 51.
י.ש. נאַומאָוו: 54.
וויליאַם נאַטאַנסאָן: 55, 56, 57, 58, 59.
יעקב ניומאַן: 52, 58.
יצחק ניומאַן: 56, 57, 58, 59, 60.
אהרן ניסענזאָן: 57; אַ. סופר: 51.
לעאָ סיימאָן: 51; ד״ר פיליפּ סעמאָן: 54.
ישראל עמיאָט: 60; אַלטער עסעלין: 56, 57, 58.
מרדכי פּאָגאָרעלסקי: 51, 52, 54, 55, 56, 57, 59, 60.
מ. פּאָגעל: 51; יוסף פּאַניטש: 54.
ל. פיינבערג: 55, 56, 59.
חיים פּעט: 57, 58; דניאל פּערסקי: 58, 59.
מ. פּערעלמוטער: 57, 58, 59, 60.
יצחק פרידלאַנד: 51, 52, 54, 55, 56, 57, 58, 59, 60.
וויליאַם פרידמאַן: 59, 60.
בען צוקערמאַן: 54, 55, 56, 57, 58, 60.
י. צורף: 54; סאַלאָמאָן קאַהאַן: 57, 58, 59.
מ.ל. קאָפּעלאָף: 52, 55, 56, 57, 58, 59, 60.

---

*די רשימה איז נישט קיין פולע. אין אַרכיוו פעלן געוויסע נומערן פון פאַרשיידענע יאָרן. די ציפערן באַצייכענען די אַנטשפּרעכיקע יאָרן פון דערשינענע אַרטיקלען, לידער אד״גל.

רחל קאָרן: 57; ס. קאַרפּמאַן: 52.
ברכה קודלי: 55, 56, 57, 58, 59.
ד״ר נ. קורמאַן: 51; אבא קליגער: 57, 58, 59, 60.
מלך ראַוויטש: 58; ד״ר ח.מ. ראָטבלאַט: 58, 60.
ד״ר ת.ר. ראָטבלום: 56, 57; י. ראָשעל: 60.
ס. רובין: 52; ח. רויזענבלאַט: 51, 52, 54, 55, 56, 57, 58.
גדליה שטוצינער: 57; נח שטיינבערג:57.
גאָלדע אָרפין־שלאָסבערג 59, 60; אַ. שרייער: 54.

## 1970 - 1961

י.אַ. אבודין: 67, 68; י. אַדלער: 67, 68.
צבי אייזנמאַן: 64.
יצחק אייזנבערג: 61, 62, 64, 65.
מאיר אייזענדאָרף:68; ל. אָליצקי: 66.
מ. אָליצקי:61, 62, 64, 70.
אַ. אַלמוגי: 67, 69; סאָניע אָמאַן: 70.
חיים אָסטראָווסקי: 67, 68; דוד אָפּאַלאָוו: 65.
אַ. באַביטש: 61, 62, 64, 65.
אברהם באַראַבאַן: 69, 70.
חיים באַרקאַן: 61, 64, 65, 66, 67.
יצחק באַשעוויס: 66.
נ. בונין: 61, 62, 64, 65, 66, 67, 68, 69, 70.
ית. בילעצקי: 68; אליעזר בלום: 62.
ת. בעז: 62; הערץ בערגנער: 64.
לילי בערגער: 67, 68, 69.
פינטשע בערמאַן: 61, 62, 64, 65, 66, 67, 68, 69, 70.
ד״ר י. בערנפעלד: 70.
י. בראָנשטיין: 61, 62, 64, 67, 68.
אברהם גאָלאָמב: 64, 65, 66, 68, 69, 70.
רבקה ס. גאָלאָמב: 68, 69, 70.
לוי גאָלדבערג: 61, 62, 64, 65, 66, 67, 68.
נח גאָלדבערג: 62, 64, 67.
דוד גאָלדמאַן: 66.
ישראל גובקין: 61, 64, 68.
שאול גוטמאַן: 70.
משה גיצים: 64, 67, 68, 70.
משה גלאַזער: 61; יעקב גלאַטשטיין: 70.
אורי צבי גרינבערג: 70.
י. גרינהאָלץ: 64, 65, 67, 69.
וועליק דאָרפמאַן: 62.
מאַטעס דייטש: 61, 62, 64, 65, 66, 67.
ב. העמבלין: 68, 70; ליליען האַמער: 64.
יחיאל האָפער: 62; עמוס הירשביין: 68.
שמעון וווזעק: 61, 64, 67.
בעריש וויינשטיין: 61, 62.
שמואל ווייס: 68, 69, 70.
משה ווייסמאַן: 62; עליע ווערבלון: 64.
נעלי זאַקס: 66, 70; מאָריס זילבערט: 66, 67.
זלמן זילבערצווייג: 67, 68, 69, 70.
יעקב זיפּער: 61, 65; רייזל זשיכלינסקי: 66.
מ. חסיד: 70; אַ. טאַבאַטשניק: 65.
אַ. טענענהאָלץ: 66, 69.
מלכה חפץ־טוזמאַן: 61, 62, 63, 65, 66, 70.
יעקב שמואל טויבעס: 67,64, 68, 69.
מאיר זימל טקאַטש: 64, 69, 70.
פלאָרענס טראָפּימאָוו: 69; נתן יונתן: 67.
מרדכי יפה: 70; יצחקי: 61, 62, 64.
אלף כץ: 61, 62, 64, 65, 66, 68.
אַ. כראָבאָלאָווסקי: 61, 64, 65.
זישא לינדוי: 70.
הערי לאַנג: 61, 62, 65, 66, 68.
יגאל לב: 70; מלכה לי: 68.
מאיר לעדערמאַן: 68, 69.
אברהם לעוו: 62, 67, 68, 70.
סעם לעווין: 67; אַ. לעיעלעס: 61.
יוסף לעפטוויטש: 67, 68, 69; איידע מאַוע: 61.
שאול מאַלץ: 67.
דאָראַ פיינס־מייזל: 68, 69; שרה רבקה מילער: 69.
מ. פינץ: 64.
לאָטי פּ. מלאך 61, 62, 64, 67, 68, 69.
מענדל מלמד: 61.
לייזער מעלצער: 66, 67, 68, 70.
מרים מעלצער: 67, 68, 69; ד״ר מנחם נאור: 69.
י. ניומאַן: 61, 62, 64, 65, 67, 69, 70.
סערגעי נוטקעוויטש: 66; אהרון ניסענסאָן: 64.
פראָפ. לואיס פּאָמאַן־סאָס: 61.
חנה בישעל־סאַלאָוו: 61, 62, 64, 65, 67.
פּ. סאַנדלער: 70; יצחק סאָפּיאַן: 67.

נחום סומער: 68; שמואל סיגל: 62, 67, 69.
ד"ר שלמה סיימאָן: 62, 67, 68, 69.
דוד ספּאַרד: 67, 68, 69.
שמואל יוסף עגנון: 67, 69.
ישראל עמיאָט: 61, 66, 67, 68, 70.
משה עטינגער: 64, 65, 67, 68.
אַלטער עסעלין: 67, 70.
אריה פּאָזי: 64, 65, 67, 68, 69, 70.
אברהם פּאַט: 70; רקודה פּאָטאַש: 64.
פּעסיע הערשפעלד־פּאָמעראַנץ: 65.
י. פּאַנער: 65.
י. פּאַפּיערניקאָוו: 68; אַ. מ. פוקס: 65.
חיים לייב פוקס: 70; יעקב פיכמאַן: 62.
לייב פיינבערג: 61, 62, 64.
פּ. פערלמוטער: 65; דניאל פּערסקי: 61.
י. פרידלנאַד: 61, 62, 64, 65.
יעקב פרידמאַן: 66, 68; משה צוקער: 62, 64.
בען צוקערמאַן: 61, 62; אהרן צייטלין: 68, 70.
סאַלאָמאָן קאַהאַן: 61, 62, 65.
יצחק קאָלער: 70; רבקה קאָפּע: 69, 70.
מעינקע קאַץ: 67, 68; אברהם קארפינאָוויטש: 64.
ברכה קודלי: 61, 67, 68.
ד"ר י.י. קוזמינסקי: 68; אבא קליגער: 61.
נחמיה קליין: 62; אַ.אַ. ראָבאַק: 61.
אַלעקס ראָבין: 69, 70; ל. ראָזאָף: 61.
פּראָפ. ח.מ. ראָטבלאַט: 64, 66, 68, 69.
דוד ראַפּאַפּאָרט: 65,64; י. ראַשעל: 67, 68.
א. רונת: 67, 68, 69.
י. ריווין: 61, 62, 65,64, 67, 68.
אליהו רייזמאַן: 68; יצחק רייזמאַן: 64, 70.
מרים ריינעס־סעלצער: 62; קאַרל שאַפּיראָ: 66.
ל. שוואַרץ: 64.
שלמה שוואַרץ: 61.
אסתר שומיאַטשער־הירשביין: 62, 68, 70.
צבי שטאַק: 64, 67, 68.
משה שטאַרקמאַן: 61, 64, 65, 68.
אליעזר שטיינמאַן: 61.
ג. דראָזד־שלאָסבערג: 61, 62, 64, 65.
זלמן שלאָסער: 70; יהושע שפּיגל: 66.
משה שקליאַר: 69, 70.

## 1980 – 1971

מנחם ישראל אב.: 72; אפרים אויערבאַך: 73.
שמואל איזבאַן: 80; מאיר אייזענדאָרף: 71, 72.
דוד איינהאָרן: 73; א. אַלמוג: 71.
סאָניע אָמאַן: 71, 72; דוד אָפּאַלאָוו: 79.
שמשון אַפּטער: 79, 80; ז. בונין: 71, 72, 73.
איוואַן בונין: 73; אפרים יצחק בונין: 72.
ז. בן אברהם: 78; ש. בן־יונה: 76.
לילי בערגער: 74, 75, 76, 77, 78, 80.
העניך בערמאַן: 71, 73, 74, 75, 78.
פּינטשע בערמאַן: 71, 72, 73, 74.
שמואל ברייניך: 73.
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן: 78, 80.
אַ. גאָלאָמב: 71, 72, 73, 74, 75, 76, 77, 78, 79, 80.
בערל גאָלאָמב: 78.
ר. סאָוויטש־גאָלאָמב: 71, 72, 73, 75, 76, 77.
לוי גאָלדבערג: 72, 73; פּ.ל. גאָלדמאַן: 73.
מ. גאָלדפּאַרב: 74, 75; שמואל גאָלדשמידט: 71.
יעקב גאָרעליק: 73.
שואל גוטמאַן: 76, 77, 78, 79, 80.
ש. גילדער: 80; י.אַ. גלבוע: 77.
חיים גראַדע: 73, 74, 75, 77, 78, 80.
אלימלך דייטש: 72, 73; רחל דייטש: 72.
פּעסע האַניגבוים: 71; בינם העלער: 73, 76.
מרים און ד"ר הערשל הערבסט: 80.
בנימין הערצאָג: 72; יהודה וואָלפסאָן: 71, 78.
לייב וואַסערמאַן: 78, 79, 80.
שמואל ווייס: 73, 74, 75, 76, 77, 78, 79, 80.
רבי אהרן ווערטהויס: 73; מיכאל זילבערבערג:71.
זלמן זילבערצווייג: 71.
יעקב זיפּער: 75, 77, 78, 79, 80.
מאיר חרץ: 80.
מ. חסיד: 72, 73, 75, 67, 78, 80.
אהרן טאָרן: 80.
מלכה חפץ־טוזמאַן: 75, 76, 79.
יעקב שמואל טויבעס: 72, 73, 75, 80.
י. טיללעס: 71; מאיר זימל טקאַטש: 72, 73.

לייזער טרייסטער: 78, 79.
[...]ש יאיר: 74, 75, 77, 78, 79, 80.
יצחק יאָנאַסאָוויטש: 76, 77, 80.
מרדכי יפה: 73; אליהו כאַזאַנאָוו: 72.
[...]ילה לאנדא: 78; אַ. לוריא: 80.
ה. לייוויק: 79.
שרה ליינער: 75, 76, 77, 78, 79.
[...]עם לעווין: 71.
[...]. לעפּטוויטש: 71, 72, 74, 75, 77.
שאול מאַלך: 75; משה מאַנדלבוים: 77.
ד״ר יעקב מייטליס: 76, 77, 79, 80.
לאָטי פּ. מלאך: 78, 79, 80.
לייב מלאך: 73, 78; דינה מעצגער: 75.
ד״ר מנחם נאור: 71, 73.
ד״ר עוריאל נאַקס: 76, 78, 79, 80.
[...]. נוטקעוויטש: 73, 74, 75, 77, 78, 79, 80.
יצחק ניומאַן: 71, 75.
[...]ב וואָלף סאלעס: 72, 73, 75, 76, 77, 79.
[...]ב סרן: 75; אברהם סוצקעווער: 74.
שמואל סיגל: 71, 73, 76.
[...]. סילווער: 77, 78, 80.
[...]. סערדזש: 80; ש.י. עגנון: 71.
[...]. עמיאָט: 71; אַלטער עסעלין: 73.
[...]. פּאָזי: 71, 72, 73, 74, 75, 76, 77.
[...]אַריס פּאַסטערנאַק: 72.
[...]. פּוקס: 71, 72, 75, 76, 77, 78, 79, 80.
ד״ר יהודה פּילטש: 78; חיים פּינקלשטיין: 78.
[...]קיבא פּישבין: 76, 78, 79, 80.
בערנאַרד פּישער: 78; חיים פּלאָטקין: 80.
יעקב פרידמאַן: 72, 73, 76, 78, 79, 80.
לייב פרידמאַן: 78; פריידל טראָפּימאָוו: 78.
מאַרווין צוקערמאַן: 79; נח צוקערמאַן: 78.
שלמה צוקערמאַן: 71, 75, 77.
אהרן צייטלין: 71; הלל צייטלין: 71.
יצחק קאַהאַן: 75, 77, 78.
טייבל סמיט־קאַהן: 78; שמריהו קאָוונער: 71.
סימע קאַרפּ־קאָזלאָווסקי: 71, 72.
יצחק קאָלער: 71, 72, 73.
רבקה קאָפּע: 71, 72, 74, 75, 76, 77, 78, 79, 80.
אליהו קאַץ: 79.
רחל קאָרן: 71, 72, 73.
יחזקאל קאָרנהענדלער: 73, 80.
ברכה קודלי: 71, 74, 77, 78.
אשר קיפּניס: 74, 75, 76, 77.
העשיל קלעפּפּיש: 78; חיים קעניגער: 79.
שפרה קרישטאַלקע: 78; אַלעקס ראָבין: 71, 73.
מלך ראַוויטש: 73, 75, 77.
ד״ר יהודה ראָזענמאַן: 75.
לייזער ראַן: 78.
מלכה יפה־שאו: 78; י.י. שוואַרץ: 76.
שייע שיכאַטאָוו: 75; ד״ר ב. שולגאַסער: 76.
אברהם שולמאַן: 74.
משה שטאַרקמאַן: 71, 72, 73, 74.
ד״ר ישראל שטערן: 76, 77, 78.
יעקב שייפּער: 80; אברהם שלאָנסקי: 73.
זלמן שלאָסער: 72, 73, 74, 75, 76, 77, 78, 79, 80.
ב. שלעווין: 77, 78, 79, 80.
ס. שניור: 74, 75, 76, 77.
אברהם שניידער: 72.
משה שקליאַר: 71, 72, 73, 74, 75, 76, 77, 78, 79, 80.

(סוף אין קומענדיקן נומער)

**צונויפגעשטעלט און צוגעגרייט צום דרוק - יוסף סאָסקי**

# לכבוד 70 יאָר קולטור־קלוב און 50 יאָר "חשבון" באַגריסונגען

יידישע פעדעראַציע אין לאָס־אַנדזשעלעס.

טייערע מרס. מייזנער:

עס איז אונדזער פאַרגעניגן צו באַגריסן דעם לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב צום דערגרייכן זיין 70־יאָריקן יובל. דאָס איז אַ כבוד פאַר דער אָרגאַניזאַציע וואָס האָט פאַר זיבן יאָרצענדליקער אַקטיוו געווירקט לטובת דער וויטאַליטעט פון דער יידישער קולטור און שפּראַך. יידיש איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אידענטיטעט פון אַ סך מיטגלידער פון אונדזער קאָמיוניטי.

במשך פון פופציק יאָר האָט איר געפלעגט די צוגעבונדנקייט צו יידיש דורך דער פובליקאַציע פון "חשבון". ווי די איינציקע יידיש פובליקאַציע אין אונדזער טייל פון לאַנד, איז דער זשורנאַל געווען אַ באַטייטנדיקער קוואַל פון שטאָלץ און מעגלעכקייט צום פאַרעפנטלעכן זייערע ווערק פאַר יידישע שרייבערס אין לאַנד און אין דער וועלט.

מיר זענען שטאָלץ זיך אָנצושליסן צו די באַגריסונגען און אָנערקענונג פאַר אייך אין שייכות מיט דער געלעגנהייט.

**אירווין ס. פילד**
פרעזידענט

**דזשאָן ס. פישעל**
עקז. וויצע־פרעזידענט

טייערע מרס. מייזנער:

די ביוראָ פאַר יידישער דערציונג נעמט אויף מיט פרייד דעם 70־יאָריקן יובל פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און דעם 50־יאָריקן יובל פון דער ליטעראַרישער צייטשריפט "חשבון". די וויטאַליטעט פון דער יידישער קולטור איז אויפגעהאַלטן געוואָרן אין אונדזער לאַנד אַדאַנק אַזעלכע אינסטיטוציעס. דער רענעסאַנס פון דער פאַראינטערעסירונג מיט דער יידישער שפּראַך און קולטור צווישן יונגע יידן, געבוירענע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דער השפּעה פון יענע, וואָס האָבן געשאַפן דעם יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס ביים אָנהייב פונעם יאָרהונדערט.

די ביוראָ פאַר יידישער דערציונג, וואָס וועט אין גיכן אָפּמערקן איר 60־יאָריקן יובילעי, טיילט אייער איבערגעגעבענע מי צום אויפהיטן אונדזער פאָלקס אויסערגעוויינלעכע קולטור־ירושה וואָס גיט אַ זין אונדזער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. דאָס יידישע לעבן אין אונדזער קאָמיוניטי ווערט, אָן ספק, באַרייכערט דורך דעם לאַנג דויערנדיקן בייטראָג פון דעם יידישן קולטור־קלוב און דעם "חשבון". די ראָזיקע אַקטיוויטעטן, פונקט ווי די יידישע קולטור וועלן קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

האַרציקע באַגריסונגען צו אָט די מיילנשטיין יובילייען.

**ד"ר גיל גראַף**
עקזעקוטיוו דירעקטאָר,
ביוראָ פאַר יידישער דערציונג.

לאָ. יידישער קולטור־קלוב.

טייערע לילקע מייזנער:

אַ דאַנק פאַר אייער בריוו וואָס איז נאָר־וואָס דערגאַנגען צו מיר. איך האַלט אין איין אַרומוואַנדערן און כ'וואָלט זייער וועלן זיין מיט אייך דעם 2־טן יוני, אָבער ליידער, פריערדיקע אַראַנזשירונגען דערלויבן מיר נישט, ווייל כ'מוז אין דער צייט זיין אויפן מזרח־ברעג. די בעסטע ווונטשן פאַר אייער טעטיקייט.

מיט וואַרעמע גרוסן

**עלי וויזעל**

תל אביב, דעם 12־טן אַפּריל 1996

ליבע און חשובע פריינד פון לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און חברים פון דער רעדאַקציע חשבון,

צו דער פייערונג לכבוד די 70 יאָר זייט דער אַנטשטייונג פון דעם לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און 50 יאָר עקזיסטענץ פונעם זשורנאַל "חשבון" שיק איך אייך איבער די האַרציקסטע ווונטשן אין נאָמען פון דעם פאַראיין פון יידישע שרייבערס אין ישראל און אין מיין אייגענעם נאָמען, אָן שום ספק זענען אינעם יידישן לשון פאַרוואָרצלט אַזעלכע גרונטיקע פאָלקס־ווערטן, וואָס גיבן אייך און אונדז דעם כוח צו פרעזערווירן די ווערטן, וואָס האָבן אונדז געמאַכט פאַר דעם קולטור־אַוואַנגרד פונעם יידישן פאָלק. מיט דעם חורבן פונעם שטאָם פון אונדזער פאָלק אין מזרח־אייראָפּע זענען אָט די ווערטן אונטערמינירט געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז די שארית הפליטה איז אויסגעשטעלט געוואָרן צו די שטאַרקע אַסימילאַטאָרישע ווינטן. אַ היפּשער טייל פון דעם יונגן יידישן דור, אויף וועלכן מיר האָבן געלייגט האָפענונג אַז ער וועט קאָנטינואירן אונדזער קולטור־ירושה, גייט אַוועק אין דער פרעמד; פון דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע גייט ער אַוועק צו דער קולטור פון די נישט־יידישע שכנים און ווייטער מישט ער זיך אויס מיט דער מערהייט. עס איז דעריבער צו באַוווּנדערן אייער אויסגעהאַלטנקייט, אייער עקשנות, אויסדויער, אַז נישט געקוקט אויף די פרעמדע ווינטן, וואָס זענען עלול אָפּצושוואַכן אייערע כוחות, גייט איר אָן מיט אייער ליטעראַטור – און קולטור־שעפערישקייט אין דעם לשון, וואָס האָט אונדז געשטאַלטיקט ווי אַ פאָלק. זייט געבענטשט אין אייער אַרבעט!

אייער מיטן גאַנצן האַרצן

**מ. צאַנין**

**אַ באַגריסונג צו צוויי חשובע יובילאַרן**

(לכבוד 70 יאָר "לאָס־אַנדזשעלעסער יידישער קולטור־קלוב" און 50 יאָר "חשבון")

ווען די געסט וואָס זענען געקומען אויף די פסח־סדרים זענען זיך דערנאָך צעפאָרן, פלעג מיין מאַמע, סאָניע פישמאַן, ע"ה (פאַראַן נאָך מסתמא מענטשן אין ל"א וואָס געדענקען אי איר אי מיין טאַטן, אַהרן פישמאַן, ע"ה), זאָגן: "מ'איז געבליבן נאָר מיט די אייגענע; אייגענע צעפאָרן זיך ניט". אַזוי דאַרף מען זאָגן אויך וועגן די צוויי חשובע יובילאַרן. דער אַמאָליקער ים יידיש־שרייבערס, לייענערס, און קענערס איז זיך שוין "צעפאָרן", ווער קיין צפון, ווער קיין דרום, און ווער אויפן עולם־האמת, און געבליבן איז מען נאָר מיט אייגענע, מיט די סאַמע אייגנסטע.

עטלעכע דורות האָבן זיך געקוויקט אין און מיט אָט די צוויי אַכסניאות. אפשר ניט קיין "דורות" פשוטו במשמעו, אינעם געוויינטלעכן גענעאָלאָגישן זין (אַזאַ מזל ממש האָט דער יידיש וועלטלעכער סעקטאָר גאָר זעלטן געהאַט: אַז זיידע־באָבעס, טאַטע־מאַמעס און קינדער פון איין שטאַם זאָלן אין אים מיטאַרבעטן און מיט אים זיך מיטפרייען און מיטווייַנען), נאָר אַפילו דורות אין אַ כראָנאָלאָגישן זין זענען אויך ווייט ניט קיין קלייניקייט. און נאָך אַ גרעסערער אויפטו זענען זיי, אָט די צוויי חשובע אַכסניאות, אין לאָס־אַנדזשעלעס, צוליב דער אָנגעלאָפנקייט, דער איבערגעפּעקלטקייט, דער לפי־ערכדיקער נייקייט פונעם יידישן יישוב דאָרטן. אַזאַ יישוב הייסט ביי סאָציאָלאָגן "אַ סעקונדאַרער יישוב", ד"ה, אַז דער עולם איז שוין געקומען פון ערגעץ־ווו פריער אין אַמעריקע צי אין קאַנאַדע, ווו מען איז נאָך פריער געווען אימיגראַנטן. איז מען שוין געווען צום צווייטן מאָל אויסגעוואָרצלט און אַ היימישע אַכסניא איז געווען אי טאָפּלט שווער אי טאָפּלט וויכטיק אויפצוהאַלטן.

איז מען געקומען "אין די מאַסן", ווי מען פלעג אַ מאָל ביי אונדז רופן צו דעמאָנסטראַציעס. און די אונטערנעמונגען פונעם "קלוב" און די נומערן פונעם "זשורנאַל" האָבן געקוויקט און סטימולירט און געוואָרן אַ שם־דבר ווייט און ברייט. אָבער, ווי געזאָגט, די מאַסן זענען שוין לאַנג אַוועק און געבליבן איז מען בלויז מיט אייגענע. טאָ לאָמיר טאַקע טאָן ווי אייגענע טוען נאָך דעם ווי דער עולם צעגייט זיך. מען ראַמט פאַמעלעך אויף פונעם טיש. מען פאַרזוכט דאָ און דאָרט פון די שיריים. מען דערמאָנט זיך און מען חזרט איבער אַ קלוג וואָרט פון דעם און פון יענעם, און דער עיקר, מען קערט זיך צוריק צו דער טאָגטעגלעכקייט (וואָס זי איז אין זיך סומך אויך דאָס פּלאַנירן נייע אונטערנעמונגען און נומערן).

באַגריסן מיר די צוויי חשובע אַכסניאות צו זייערע וויכטיקע און באמת רושמדיקע יובילייען און מיר ווינטשן זיי וואָס מיר אַלע ווינטשן זיך אַליין: "נאָך אַ סך, אַ סך שעפערישע יאָרן פון אי דערפרייען, אי סטימולירן די אייגענע, די געבליבענע, די געטרייע". הלוואי זאָל זייער עלטער מיט קיין האָר ניט פאַרשעמען זייער יוגנט! ס'איז לחלוטין ניט נייטיק קיין מאַסן כדי אָנצוגיין מיט זייער שיינער, שטילער, אינטעליגענטער אַרבעט. די אַרבעט גופא איז דער עיקר, און ניט די צאָלן.

אָבער געוויסע ציפערן קען מען פאָרט ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. 50 יאָר "חשבון" און 70 יאָר "לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קולטור קלוב" מאַכט דאָך אין איינעם 120. איצט ווינטשן מיר זיי אַז יעדערער באַזונדער זאָל אויך דערגרייכן ביזן 120! כה לחי!

**שיקל און געלע פישמאַן**

בראָנקס נ"י און פּאַלאָ־אַלטאָ, קאַ.

*

מיינע טייערע פריינד, טייערע לילקע מייזנער, טייערער צבי הירש, טייערע אַקטיוויסטן און מיטגלידער פון דעם לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב - שלום אייך אַלע פון ירושלים. דאָס זעלביקע אויך דער "חשבון" רעדאַקציע.

מזל טוב אייך צו דעם 70־טן געבוירנטאָג פונעם קלוב און צו דעם יובילײ פון דער "חשבון" צייטשריפט. זינט מיין ערשטן באַזוך אין "קלוב" אין 1977 (די "חשבון" צייטשריפט האָב איך געקענט אַ סך פריער), איז מיר דער "קלוב" טייער און נאָענט צום האַרצן, אַזוי אויך די "חשבון" העפטן. ליידער וועל איך נישט קענען קומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס דעם צווייטן יוני, ווייל דאָס איז אַ דריי וואָכן פאַרן סוף פון אונדזער אַקאַדעמישן יאָר, און איך וועל זיך נישט קענען באַפרייען פון די קלאַסן.

שוין אַ צוואַנציק יאָר באַוווּנדער איך די טעטיקייט פונעם "קלוב" און פון דער "חשבון" רעדאַקציע, "מיין" ירושלים איז טאַקע ווייט פון "אייער" לאָס־אַנדזשעלעס, אָבער אויב עס עקזיסטירט און לעבט דער באַגריף, געשאַפן דורך אונדז יידן, "ירושלים של מעלה" - דאָס הימלישע ירושלים, דאָס "גייסטיקע האַרץ" פון יידישער שעפערישקייט, יידישער טראַדיציע און יידישן המשך, געהערן סיי "אייער" קלוב און סיי "מיין" אוניווערסיטעט צו דעם זעלביקן "צענטער"... און דאָס "הימלישע" און דאָס "גייסטיקע" און דאָס, "פאָלקס־טראַדיציאָנעלע" ברענגט אונדז אַלע צוזאַמען, פאַרוואַנדלט אונדז אין נאָענטע קרובים און איז מבטל אַלע ווייטן...

איז דאָס טאַקע אַ גוטע געלעגנהייט צו זאָגן אייך אַלע: יישר־כוח!

**אייער - דב נוי**

חשובה לילקע מייזנער,

טייערע פריינד פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב! איך בין אַזוי פול מיט אייער־מיין יום־טוב, איך בין אייך ביז גאָר דאַנקפול. געזונט זאָלט איר אַלע זיין!

בעת איך ווער אָנגעזאָגט, אַז מיין הייליק יידיש איז יומטובדיק, ווערט מיר וואַרעם אין אַלע גלידער. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז די טויזנטער וואָס זענען געגאַנגען צו די גאַז־קאַמערן, האָבן געשריען: "גאָט עפן דיינע אויגן!" קיין עברית האָבן זיי ניט געקענט...

איך וואָלט געקענט, וואָלט איך געקומען צו אייך.

אייער -

**שירע גאָרשמאַן** (אשקלון)

טייערע פריינד!

היינט, ווען יידיש, יידישע קולטור און קונסט לעבן איבער ניט קיין גרינגע צייטן, איז וויכטיק הויך אָפּשאַצן די טעטיקייט פון די אומדערמידלעכע מענטשן, זייער גרויסן ביישטייער אין דער טאָגטעגלעכער אַרבעט פונעם לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב, אין דעם פאַרזיכערן דעם ווייטערדיקן קיום און די צוקונפט פון דער צייטשריפט "חשבון", וועלכע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טריבונע פאַר צענדליקער שרייבער און פּאָעטן פון גאָר דער וועלט.

מיינע גוטע און בעסטע ווונטשן דעם יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס צו זיין זיבעציקיאָריקער עקזיסטענץ, דעם "חשבון" - צום פופציקיאָריקן יובילײ.

**פיניע פלאָטקין**

חשובע פריינד,

אַ גוט יום־טוב אייך - עוסקי יידיש באמונה שלמה.

אָפּלויפן אַ לעבן פון 70 יאָר קולטור־טואונג ביידיש; זיך דערשלאָגן צו 50 יאָר "חשבון" - אַ מהלך פון זאָרג און פייערדיקן גלויבן אין אַ געלייטערט וואָרט ביידיש - דאָס איז אַ זוניקע פרייד פון דערגרייכונג און אַ ליכטיקע שמחה פאַר אונדזער מאַמע־לשון־קודש בכל התפוצות פון יידישלאַנד.

ובכן - תחזקנה ידיכם - און לאָמיר הערן לעבעדיקע בשורות נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

**עקיבא פישבין**
ירושלים

דער פריינדרין לילקע מייזנער,
דעם פריינד משה שקליאַר,

דעם לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב צו זיינע 70 יאָר און דעם זשורנאַל "חשבון", דער האַרציקער טריבונע, וועלכע דערנענטערט אונדז צו אונדזערע יידישע חברים און פריינד אין די פאַראייניקטע שטאַטן און איבער דער וועלט - צו זיינע 50 יאָר.

זאָלן זיי לעבן און געזונט זיין און ווייטער טאָן זייער פרוכטבאַרע אַרבעט לאַנגע, קרעפטיקע יאָרן!

אייער
**בנימין לובעלסקי**
ירושלים


In memory of

# Isaac & Musy Friedland

My In-Laws

&

# Emil Friedland

My Husband

**Ida Friedland**

מזל טוב!

צו דעם 70־יאָריקן יובל

פון אונדזער באַליבטן

יידישן קולטור־קלוב

און 50 יאָר

# חשבון

שעלבי שאַפּיראָ בעטהעזדאַ, מ״ד

דער דיסטריקט־קאָמיטעט פון

# אַרבעטער רינג

## אין לאָס־אַנדזשעלעס

שיקט די בעסטע חברישע גרוסן און ווונטשן
צו דעם 70־יאָריקן יובל פון יידישן קולטור־קלוב
און 50־יאָריקן יובל פון דעם זשורנאַל "חשבון".
מיר ווינטשן ביידן לאַנגע יאָרן עקזיסטענץ
און שעפערישע, פּראָדוקטיווע טעטיקייטן.

Are you a member?
We sponsor Yiddish classes, a Yiddish chorus, holiday celebrations, lectures, concerts and an art gallery.
Your membership enables us to work for *Yidishkayt and for a shenere un besere velt.*
We invite you to join us.

**The Workmen's Circle/Arbeter Ring**
1525 S. Robertson Blvd., Los Angeles, CA 90035
(310) 552-2007

---

# Mazel Tov

on 70 years
of creative activities
on behalf of
Yiddish
and the
50th anniversary
of *Heshbon.*

May you continue for
many more years
in your important work.

**Bernard Weisberg**
*President*, Los Angeles
Labor Zionist Alliance

---

דער אַלוועלטלעכער
יידישער קולטור־קאָנגרעס
די צוקונפט
"ציקאָ"

באַגריסן האַרציק

דעם לאָס־אַנדזשעלעסער
יידישן קולטור־קלוב און דעם
זשורנאַל חשבון צו זייער יום־טוב, און
ווינטשן זיי אַ סך יאָרן ווייטערדיקע
שעפערישע אַרבעט פאַר דער יידישער
שפּראַך און קולטור.

**פּראָפ' יאָני פיין**
**ד"ר בערל זומאָף**
קאָ־פּרעזידענטן

# מזל טוב

דעם יידישן קולטור קלוב

אונדזער אָנערקענונג

און דאַנק פאַר די פיל יאָרן פון שאַפן און

אָנפירן אַ וואַרעם יידיש ווינקל אין דער

פיל עטנישער לאָס אַנדזשעלעס. דער איבערגעבענער

פאַרוואַלטונג און לילקע מייזנער, פרעזידענטין

בעסטע ברכות פאַר פיל געזונטע יאָרן

און אַ סך פרוכטבאַרע דערגרייכונגען.

אונדזערע בעסטע ווונטשן

דעם זשורנאַל ח ש ב ו ן,

און דעם אומדערמידלעכן רעדאַקטאָר

משה שקליאַר –

פיל געזונטע שעפערישע יאָרן

צו קאָנען אָנהאַלטן די ווייטערדיקע

דערשיינונג פון ח ש ב ו ן

דעם באַסטיאָן פון געלייטערטן

יידישן וואָרט.

דער אַדמיניסטראַציע פון זשורנאַל אַ פאַרדינטן יישר כוח

**צבי און טאָני הירש**

די בעסטע ווונטשן צום

ייִדישן קולטור־קלוב
און חשבון יובילײ.
אַ יישר כוח אײַך,

אַדאָלף און מרים זלאָטאָלאָוו

מיר באַגריסן אײַך צו די 70 יאָר

טעטיקייט לטובת דער ייִדישער
קולטור און קאָמיוניטי

די שלאָסער משפחה

אין אָנדענק פֿון אונדזערע עלטערן

העלען און יוסף יאַכנוק

מיר וועלן זיי קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן!

לאה יאַכנוק־שווייצער
און
יצחק יאַכנוק

אין אָנדענק פֿון מײַנע עלטערן

זוסמאַן און ליבע בונין

סטענלי און פֿראַנסיס בונין

מיר שיקן אונדזערע בעסטע
ווונטשן צו דעם
ל.א. יידישן קולטור־קלוב
און צו דער רעדאַקציע פון
חשבון.

זייט ממשיך אייער פּרוקטיקע
אַרבעט מיט הצלחה!

רחל און מאָניע גאָרפּיין

צו דער פרייידיקער
געלעגנהייט פון מיינע קינדערס

עד און קייליס
חתונה

באַגריס איך דעם
ל.א. יידישן קולטור־קלוב
און
חשבון
מיט ליבשאַפט.
לאַנג לעבן זאָל אונדזער מאַמע־לשון!

סיבעל בענדער

צו דער פייערונג
פון 70 יאָר עקזיסטענץ פון
לאָס־אַנדזשעלעסער
יידישן קולטור־קלוב

און 50 יאָר פון דעם זשורנאַל
חשבון

אַ פריידיקן מזל־טוב
און אַ דערפאַלגרייכן המשך!

רחל און מענדל סלוצקי
קעראָל און הערשל סלוצקי

מזל־טוב

דעם לאָס־אַנדזשעלעסער
יידישן קולטור־קלוב

און דעם
חשבון!

זשאַנעט האַדאַ

אונדזערע בעסטע ווונטשן דעם

יידישן קולטור־קלוב

און דעם ליטעראַרישן זשורנאַל
חשבון.

גייט אָן מיט אייער
און אונדזער אַרבעט!

**שרה און ניסן בלושטיין**

---

האַרציקע גרוסן און ווונטשן
דעם יידישן קולטור־קלוב
און חשבון
צו אייער גרויסן יום־טוב.

**חיהלע אַש־פורמאַן (פילאַדעלפיע)**

---

אונדזערע בעסטע ווונטשן דעם
יידישן קולטור־קלוב
און
חשבון
**דוד לובין און משפחה**

---

דעם יידישן קולטור־קלוב
און חשבון
נאָך לאַנגע שעפערישע
אַקטיווע יאָרן ווינטשן –

**יעקב און רעגינע לעווין**

---

מיר באַגריסן אייך צו אייער יום־טוב
און ווינטשן אייך הצלחה
אין דער צוקונפט.

**לי און בעבאַ לעווענטאַל**

---

לאַנגע שעפערישע יאָרן צו אונדזער
יידישן קולטור־קלוב און דעם
ליטעראַרישן זשורנאַל חשבון

**לילקע און שלמה מייזנער**

---

האַרציקע ווונטשן צום
ל.א. יידישן קולטור־קלוב
און דעם זשורנאַל חשבון

כל הכבוד!

**עדינה און משה מעלניק**

מזל טוב צו די צוויי וויכטיקע דאַטעס
אין אונדזער יידישן לעבן
אין לאָס־אַנדזשעלעס:

70 יאָר יידישער קולטור־קלוב

און
50 יאָר פון דעם זשורנאַל
ח ש ב ו ן

מיר וויטשן אַלע מיטגלידער פון קלוב,
די שרייבערס, מיטאַרבעטערס און לייענערס
פון ח ש ב ו ן נאָך אַ סך געזונטע שעפערישע יאָרן.

מיט ליבע –
**שמחה און שרה ליינער**

דעם יידישן קולטור־קלוב

און דעם זשורנאַל

# חשבון

האַרציקע ברכות צו ביידנס יובילייען.

לאַנגע יאָרן טעטיקייט לטובת

דער יידישער קולטור

און ליטעראַטור ווינטשן אייך

דוד און רחל קאַפּלאַן

אַ יישר כוח דעם
ל.א. יידישן קולטור־קלוב
און חשבון.
צוזאַמען אין קומענדיקן
יאָרהונדערט און ווייטער!
לזכרון מיינע עלטערן – געוו.
מיטגלידער פון קלוב
**מאָטל** און **שרה פּאָגאָרעלסקי** ע"ה.

ד"ר חיים און רייזל פּאַרעל

---

צום 70־טן יובל פון
יידישן קולטור־קלוב
און צום 50־טן יובל פון חשבון
אונדזערע בעסטע ווּנטשן פון אריכות
ימים און דערפּאָלג די קולטור־טוערס,
שרייבערס, לייענערס און געניסערס; דעם
רעדאַקטאָר משה שקליאַר און דער
פּרעזידענטין לילקע מייזנער –
זאָלן זיין געבענטשט אייערע הענט!
עריקאַ און פּיניע רינגעלבלום
מעלבורן, אויסטראַליע

---

אונדזערע האַרציקסטע ברכות צום
טאָפּלטן יובל פון ל.א. יידישן
קולטור־קלוב און זשורנאַל
חשבון, מיר ווינטשן די
מיטגלידער און אָנפירערס פון קלוב,
ווי אויך דעם רעדאַקטאָר און
אַדמיניסטראַציע פון חשבון געזונט
און כוח ממשיך צו זיין אַ סך יאָרן זייער
וווּנדערלעכע אַרבעט לטובת דער
יידישער קולטור.
**חנן און ליזאַ קיעל**

---

חשובע פריינד,
איר וועט בקרוב פּראַווען אַ וויכטיקן
יום־טוב – 70 יאָר זינט דער גרינדונג
פון דעם יידישן קולטור־קלוב
און 50 יאָר עקזיסטענץ פונעם זשורנאַל
חשבון. ווינטש איך אייך
אַ סך דערפּאָלג!

**י. ווינקלער**
**מעלבורן, אויסטראַליע**

---

די טוערס און מיטגלידער פון קלוב,
די לייענערס און מיטאַרבעטערס
פון חשבון –

בעסטע ווּנטשן, צו נייע דערפּאָלגן!

**דאָרקע און משה שקליאַר**

---

לאַנג לעבן זאָל יידיש און אירע
געטרייע שומרים לילקע מייזנער
און משה שקליאַר!

**איציק און שרה**
**טרייסטער־מאָסקאָוויטש**

---

דעם אויסגעצייכנטן יידישן זשורנאַל
חשבון צו זיין 50־יאָריקן יובילייַ
ווינטש איך אַזוינע דערפּאָלגן, אַז ביזן
סוף פון יאָרהונדערט זאָל ער באַקומען
נייע טויזנטער לייענער!

**אנאנים (סאַן פראַנציסקאָ)**

---

מיר באַגריסן די קלוב־מיטגלידער
און די לייענער פון חשבון
צו דעם טאָפּלטן יום־טוב.

**העלען, יוסף סאָסקי**
**און משפּחה**

מיר באַגריסן האַרציק
דעם לאָס־אַנדזשעלער
**יידישן קולטור־קלוב**

און דעם זשורנאַל
**חשבון**

צו זייער דערגרייכן 70 און 50 יאָר עקזיסטענץ.

מיר ווינטשן אייך נאָך לאַנגע יאָרן טעטיקייט
לטובת דער יידישער קולטור.

**משה, פייגע מאַראָקאָ**

ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר
און מיר זאָלן אַלע זיין צוזאַמען!

**הערשל און קיילי גודמאַן**

---

בעסטע ווונטשן דעם
יידישן קולטור קלוב
און דעם זשורנאַל
חשבון -

**חיהלע פרידמאַן**

---

בעסטע ווונטשן צו די 70 און 50
יאָר פון
יידישן קולטור-קלוב
און
חשבון.

**די קריסטאַל משפחה**

---

דעם יידישן קולטור קלוב
און דעם
זשורנאַל חשבון
בעסטע ווונטשן
און נאָך לאַנגע יאָרן טעטיקייט!

**קובאַ זעלמאַן**

---

לאָמיר דערלעבן פייערן דעם
100-טן יובילײ מיט שלום
אין מדינת ישראל!

**סימאַ קאַרפּ-לעפּקאָוויטש**

---

לאָמיר ווייטער אָנגיין מיט די
יידישע קולטור - און געשיכטע -
פּראָגראַמען פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן!

**משה דוד בערלאַנד**

---

דעם יידישן קולטור-קלוב
און
חשבון
האַרציקע ווונטשן און לאַנגע
יאָרן טעטיקייט לטובת
אונדזער מאַמע-לשון!

**יעקב און דאָראַ שייפער**

---

צו לאַנגע יאָרן שעפערישע אַרבעט!

**מאַשאַ הענלי**

מיינע בעסטע ווונטשן
צום 70־יאָריקן יובל פון
קולטור־קלוב
און 50 יאָר
חשבון
לאָמיר ווייטער אָנגיין
מיט אונדזער קולטור־אַרבעט פּאַר
לאַנגע יאָרן!

נתן שטיינמאַן

מיינע האַרציקע ווונטשן דעם יידישן
קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס,
דעם רעדאַקטאָר פון חשבון משה שקליאַר
און די מיטאַרבעטער צום 50־יאָריקן יובילײ,
צו דער "גאָלדענער חתונה" פון אַזאַ פיינעם
יידישן זשורנאַל.
זייט געגריסט!
איך טייל מיט אייך די גרויסע שמחה.
מיט פריינדשאַפט –
גרוניאַ קאַהן

---

געניאַ און וואָלף בורמאַן
פרומאַ גאָרנשטיין
מינאַ האַלפּערן
מינה הלברט
מרים און הערשל הערבסט

פראַניע וועלטמאַן
שיפרה טייטלבאָום
פּסח און זעלדע מאַלעוויטש
רחל פּערעלסאָן
איסאַק און אַדעל סילבער

---

**אונדזער דאַנק**

אַלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע האָבן צוגעשיקט זייערע גוטע ווונטשן און ברכות דעם יידישן קולטור־קלוב און חשבון צו די זיבעציק און פופציק יאָריקע יובילייען, דריקן מיר אויס אונדזער האַרציקן דאַנק.

פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־קלוב,
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון חשבון

---

אין די פאַראַיאָריקע ראש השנה באַגריסונגען
זענען על פּי טעות אַרויסגעפאַלן די פאָלגנדיקע
נעמען: סייד עטל, שעפּס שמעון,
שלאָסמאַן לאה און נאָרדלמאַן סעימאָר.
מיר בעטן אַנטשולדיקונג.

פאַרשפּעטיקטע באַגריסונגען צום קולטור־קלוב און "חשבון" וועלן מיר דרוקן אין קומענדיקן נומער פונעם זשורנאַל.

די רעדאַקציע

## אַרכיוו נאָטיצן

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן מיר באַקומען פון עטל סייד, די טאָכטער פון צילי און שלמה צוקערמאַן, וועלכע זענען פֿאַר אַ סך יאָרן געווען זייער אַקטיווע מיטגלידער פון אונדזער קלוב, אַ גאַנצן קאַסטן מיט גאָר וויכטיקע דאָקומענטן וואָס שפּיגלען אָפּ די טעטיקייטן פון קלוב.

עס געפינען זיך דאָרט פּראָטאָקאָלן פון זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג און פון דער עקזעקוטיווע פון די יאָרן 1947, 1948 און פון 1955 ביז 1962.

גאָר אינטערעסאַנט זענען די נאָטיצן פון שלמה צוקערמאַן וועגן די געסט־לעקטאָרן, וועלכע זענען אויפגעטראָטן מיט לעקציעס ביי אונדז אין קלוב. ער איז ביי אַ סך אונטערנעמונגען געווען דער פאָרזיצער פון אָוונט און האָט פאָרגעשטעלט די גאַסט־רעדנער. אין זיינע באַגריסונגען גיט ער איבער קורצע ביאָגראַפיעס פון יעדן לעקטאָר און אויך אַנדערע וויכטיקע מעלדונגען.

מיר האָבן דאָרט אויך געפונען גאָר אינטערעסאַנטע פאָטאָגראַפישע בילדער. אַ פּאָר פון זיי האָבן מיר איינגעגלידערט אין דער בילדער־אויסשטעלונג, וועלכע מיר האָבן צוגעגרייט צו אונדזער יובל־פייערונג זונטיק דעם 2־טן יוני.

מיר ווילן דאָ אויסדריקן אונדזער דאַנק צו עטל סייד פאַר אָפּהיטן און אונדז איבערגעבן די גאָר וויכטיקע דאָקומענטן.

ביי דער געלעגנהייט ווענדן מיר זיך צו אַלע מיטגלידער פון קלוב, וועלכע האָבן דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פון די פריערדיקע יאָרן טעטיקייטן עס אונדז איבערגעבן פאַרן אַרכיוו. מיר דאַנקען אין פאָרויס.

**אַרכיוויסט**

## אברהם קאַרפּינאָוויטשס ווילנער דערציילונגען איבערגעזעצט אין דייטש

פון שרייבער און לעקטאָר יאָהאַנעס ל. בראָזי האָבן מיר באַקומען דעם פאָלגנדיקן בריוו:

אויף מיין באַשיידענעם אופן, טראַכטנדיק וועגן דעם נייעם דור יונגע מענטשן אין דייטשלאַנד, עסטרייך, אין דער שווייץ און אַנדערשוו, וואָס ווילן זיך דערוויסן מער וועגן דער יידישער ווילנע, האָב איך איבערגעזעצט אויף דייטש צען יידישע דערציילונגען פון באַליבטן ווילנער יידישן שרייבער אַברהם קאַרפּינאָוויטש. דאָס בוך איז אַרויס דעם לעצטן סעפּטעמבער:

Abraham Karpinowicz, DIE PHANTASTISCHE THEORIE VOM SCHUSTER PRENZIK (*The Phantastic Theory of Prentsik the Cobbler*), ERZÄHLUNGEN AUS DEM JÜDISCHEN WILNA, (*Tales from Jewish Vilna*), Aus dem Jiddischen von (transltate from Yiddish and annotated by) Johannes Luzius Brosi, Verlag Lambert Schneider: Gerlingen (Germany) 1995, 190 Pages, DM 28.-/ SFR 28.- ISBN: 3-7953-0933-6

## די אַקאַדעמישע טערמינאָלאָגיע אויספאַרקויפט

אין 1988 האָט דער יידיש־שפּראַכיקער רעסורסן־צענטער ביי דער יידיש־ליגע, ווי באַוווסט, אַרויסגעגעבן אַן ענגליש־יידיש ווערטערביכל פון אַקאַדעמישער טערמינאָלאָגיע פון מרדכי שעכטער (מיט דער רעדאַקציאָנעלער מיטהילף פון אברהם־יעקב זאַקס).

היינט, זיבן יאָר שפּעטער, איז אָט דאָס האַנטביכל למעשה אויספאַרקויפט. זאָל עס דאָ זיין באַצייכנט מיט פרייד: סע זענען נאָך געבליבן גאַנצע פינעף עקזעמפּלאַרן. (פאַר די לעצטע פינעף עקזעמפּלאַרן רעכענען מיר אַ געהעכערטן פרייז: 20 דאָלאַר). מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

League for Yiddish, 200 West 72 Street, Suite 40, New York, NY 10023



אַ גרויסער עולם איז געקומען צו דער דערעפענונג פון נײַעם בנין פון קולטור־קלוב אויף מאָנראָ־גאַס אין יאַנואַר 1946.

# חשבון

רעדאַקטירט:

ה. רויזענבלאַט

י. פרידלאַנד

אליהו טענענהאָלץ

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע ● יאַנואַר, ניינצן הונדערט און זעקס און פערציק